STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04882

TURME-VANDERUNGEN

Vladimir Galaktionovich Korolenko

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וו. קאראָלענקאָ.

טורמע-וואנדערונגען

יידיש: מ. גאָלדשטיין.

33

1920
תר"פ

דער טשערקעס.

I.

—איוואַן איוואַניטש, האַ, איוואָן איוואַניטשו..

—מממ...—האָט זיך דערהערט אַ ברומען פון דער טיפעניש פון וואָגען.

—מעהר ווי דאָס קאָנען זיי נישט: ברומען ווי אַ בהמה. איינגעזונקען זאָלט איהר ווערען, זאָל מיר נאָר גאָט נישט שטראָפען פאַר די ווערטער.

דאָס געזילצט פונ׳ם אונטער-אָפיציר טשעפורניקאָוו, וואָס האָט בייז אַרויסגעזאָגט דידאָזיגע ווערטער, האָב איך נישט געזעהן, אָבער איך האָב מיך דייטליך פאָרגעשטעלט זיין כעס׳דיג פנים און דאָס אויג, פול מיט האַס, וואָס האָט געקוקט און יענעם אָרט, וואו עס האָט בעדאַרפט ליגען דער אובעוועגליכער שווערער גוף פונ׳ם אונטער-אָפיציר פושניך.

די נאַכט איז געווען אַ פינסטערע און ביי אונז אין וואָגען איז, נאַטירליך, נאָך פינסטערער געווען. די רעדער האָבען געקלאַפט איבער דעם שטאַרק איינגעפראָהרענעם שליאַך און איבער׳ן קאָפּ האָט זיך קוים בעוועגט די בויד, בעצויגען מיט לעדער, אויסגעזעהן האָט די בויד ווי אַ האַלבער קרייז, אָבער מען האָט נישט געקאָנט וויסען, צי איז באמת אַ בויד איבער׳ן קאָפּ, אָדער עפּיס אַ שוואַרצע כמאַרע, וואָס טראָגט זיך איבער אונז אין דער הויך. דאָס בויד-פאַרטוכעל איז געווען

צוגעשפיליעט, און אין דעם קליינעם אָפענעם שפּאַלט זענען פונ׳ם פינסטערן דרויסען עפּטער אַריינגעפלויגען צו אונז שאַרפע שנייעלעך, וואָס האָבען אונז געשטאָכען דאָס פּנים, ווי מיט נאָדלען.

געווען איז עס אין נאָוועמבער, בשעת דער וועג איז אַ שלעכטער. מיר זענען געפאָהרען קיין יאַקוטסק. אַ לאַנגער וועג איז עס געווען, און מיר האָבען געטרוימט פון אַ שליטוועג. אויף די סטאַנציעס האָט מען אונז צוגעגעבען מוט. מען האָט געזאָגט, אַז פון קאַטשוגג פאָהרט מען שוין אויף שליטענס איבער דעם טייך לענאַ, אָבער דערווייל זענען מיר אויסגעטרויסעלט געוואָרען אויף די איינגעפראָהרענע שליאַכטען.

דער אונטער-אָפיציר טשעפורניקאָוו האָט אָבגעשפּיליעט דאָס בויד-פאַרטוכעל. אַ שאַרפער ווינד האָט זיך אַריינגעריסען צו אונז, און פושניך האָט זיך גענומען בעוועגען.

—פוהרמאַן! איז נאָך ווייט צו דער סטאַנציע?

דער פוהרמאַן האָט געטראָגען אויף זיך אַ בונטע האָריגע הינדטישע פעל, און אַזוי ווי די שוואַרצע פלעקען פון דערדאָזיגער פעל, האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט דער נאַכט, האָבען מיר אויף די קאָזלעס געזעהן בלויז אַ משונה׳דיגע קופּע פון ווייסע לאַטעס, וואָס האָט עפּיס געמאַכט אַ פאַנטאַסטישען איינדרוק.

—נאָך אַ צעהן וויאָרסט,—האָט זיך דערטראָגען פון דאָרטען, וואו דער פוהרמאַן איז געזעסען.

—בראָקסט סתם אין דער וועלט אַריין! מיר פאָהרען און פאָהרען און ביי דיר איז נאָך אַלץ צעהן וויאָרסט.

טשעפורניקאָוו איז געווען זעהר בייז און דענעווירט.

דער פוהרמאַן האָט עפּיס גלייכגילטיג אַרויסגעברומט, צוגעהאַלטען עטוואָס די פערד און אָנגעשטאָפּט די לולקע. באַלד האָט אַ פייערל בעלויכטען זיין משונה גרויסע קוטשמע, אַ פערפראָהרען פּנים, אָבגעקעהרט פון ווינד און צוגויפגעדרעהטע הענד פון קעלט.

—נו, דו וועסט פאָהרען צו אַלדע שוואַרציאָהר,—האָט

זיך טשעפורניקאָוו אָנגערופען מיט קאַלטער פערצווייפלונג:
—באַלד!

דאָס פייערל איז פערלאָשען געוואָרען און אויף די קאָז-לעס האָט זיך ווידעראַמאָל געוויזען די קופּע ווייסע פּלע-קען.

דער וואָגען האָט זיך געריהרט, מיר האָבען צוגעשפּיליעט דאָס בויד-פּאַרטוכעל און פון דאָסניי זיך גענומען טראָגען פאַר-אויס צווישען פראָסט און נאַכט.

טשעפורניקאָוו האָט זיך נערוועאיש אַרומגעדרעהט אויף די זייטען און שווער אָבגעזיפצט. פושניך האָט זיס געכראָפּעט. דערדאָזיגער גאַרניזאָנער בר-מזל האָט געהאַט די גאָלדענע פע-היגקייט תיכף איינצושלאָפען ביי אַלע אומשטענדען און דאָס איז טאַקי געווען די סיבה פון דער טיפער האַס, וואָס זיין וועג-חדר. וועלכער האָט זיך מיט איהם נישט לאַנג בעקאָנט, האָט געשפּירט צו איהם, טשעפורניקאָוו האָט שוין נישט איין מאָל געפּרובט דערוויזען, אַז פושניך האָט „קיין שום רעכט נישט״ צו פערנעהמען מיט זיין גרויסען גוף מעהר ווי אַ העלפט אָרט. וואָס איז בעשטימט פאַר דריי מענשען. פושניך האָט אָבער בעת מעשה געזשמורעט מיט די אויגען און פערשעמט געשמיי-כעלט. יעדעס מאָל, בשעת מען האָט זיך בעדאַרפט אַריינזעצען אין וואָגען, האָט זיך פושניך געלאָזט אַפילו טיראַניזירען פון טשע-פורניקאָוו'ן. דער פערגאַלטער אונטער-אָפיציר פלעגט ערגעץ פערשטעקען זיינע פיס צונויפלעגען און אַוועקרוקען די הענד, אַריינשפּאַרען אין אַ ווייטען ווינקעל זיין רוקען; ער האָט איהם געדרעהט און געבויגען פונקט ווי ער וואָלט דאָ געהאַט צו טהאָן מיט עפּיס אַ שניק און נישט מיט אַ לעבעדיגען מענ-שען.

—אָט אַזוי, אָט אַזוי,—פלעקט טשעפורניקאָוו זאָגען, קנע-טענדיג און שטופּענדיג טיילענווייז דעם שיטערן גוף פון זיין חבר—האָט איהר דאָס אַ ביסעל אַ גוף זאָל מיר גאָט נישט שטראָפען פאַר די רייד.

פושניך האָט געשמייכעלט, אַ פערשעמטער און אַ פערשול-דיגטער.

—וואָס בין איך דאָ שולדיג, וואַסיל פעטראָוויטש... מיר אַלע זענען שוין אַזוי פון דער מוטערס בויך אַרויס... אָי, וואַ-סיל פעטראָוויטש, וואָלסטו זיך כאָטש גישט אַזוי געשטוי-סען...

טשעפורניקאָוו האָט בעטראַכט מיט איין אויג די בויד-פערפאַקונג און האָט זיך גישט צופרידענגעשטעלט.

—מענשען אָהן יושר!—האָט ער געוואָרטשעט.

מען בעדאַרף בעמערקען, אַז מיינעביידע בעגלייטער האָ-בען אָנגעהערט צו פערשידענע מיליטערטיילען, און טשעפורני-קאָוו, אַלס זשאַנדאַרם האָט זיך געהאַלטען אַ סך העכער פון פושניכ'ן שוין דערפאַר אַליין, ווייל לויט'ן דינסט האָט ער זיך בעדאַרפט בעציהען טאַקטיש און העפליך. און טאַקי דעריבער האָט ער אַפילו צו פושניכ'ן זיך געווענדט נישט אַנדערש, ווי און מעהר אָהל, הגם אין דער אייגענער צייט פלעגט ער טייל-מאָל זיך אַרויסזאָגען אָהן שום צערמאָניעס: „טשורבאַנעס זענט איהר אָהן שום געוויסען.”

אָבער אין פלוג האָבען מיר אַלע זעהר וואויל פערשטאַ-נען אַז דער געוויסען איז דאָ גאַנץ איבעריג, אויב פושניך פלעגט איינשלאָפען, ווי אַ שטיין, נאָכדעם ווי מען פלעגט אָב-פאָהרען אַ וואָסערע אָנדערטהאַלבען וויאָרסט, האָט דאָ פשוט געווירקט דאָס פיזישע געזעץ: פושניך, וואָס איז געווען דער סאַמע שווערסטער קערפער צווישען אונז, פלעגט זיך אַראָבלאָ-זען אויפ'ן דנאָ פון וואָגען און מיר פלעגען אַרויסגעשטויסען ווערען אין דער הויך.

אין דערדאָזיגער קאַלטער נאַכט איז אויך דאָס אייגענע געשעהן. טשעפורניקאָוו האָט זיך געדריקט צום ברעג פון וואָ-גען און איך בין ווי-עס-איז געזעסען אין דער-מיט און זיך געסטאַרעט נישט צו דערשטיקען פושניכ'ן, וואָס האָט אַלץ אַרונ-טערגערוקט און אונטער מיר דעם קאָפּ מיט דער זאָרגלאָזיגקייט פון אַ שלאָפענדיגען מענשען. איך האָב אַריינגעקוקט אין דער

פינסטערניש: פאַנטאַסטישע פיפּערנאָטערס זענען אַדורכגעשוואומען אין דער-הויך און האָבען שווער געמאַכט דאָס געמיט.

—נו, ניש׳קשה פון אַ קאָמאַנדיראָווקע!.. קיין הצלחה איז נישטאָ—אָט וואָס!—האָט טשעפּורניקאָוו מרה-שחורה׳דיג אַרויסגעזאָגט און עס איז געווען, קענטיג, אַז ער לעכצט נאָך מיטגעפיהל.

אָבער איך האָב גאָרנישט געהאַלטען ביי מיטגעפיהל. דידאָזיגע „קאָמאַנדיראָווקע" האָט מיר געבראַכט נאָך וועניגער הצלחה, ווי איהם און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין מיין נשמה שווימען דאָס כסדר אַרום פאָרמלאָזע פּיפּערנאָטערס, וואָס האָבען זיך געטראָגען דאָרט, אין דער-הויך.

—עך, וואָלט עס נאָר געווען מיט אַ חודש צוריק, וואָלט איך אין קאַטשוג געקויפט אַ שיפעל, אויפגעשטעלט אַ זעגעל און וואָלט זיך מיר אַוועקגעלאָזט איבער דער לענאַ סאַמע ביז יאַקוטסק. דאָס איז דאָך עפּיס אַנ׳עקאָנאָמיע.

—אודאי אַנ׳עקאָנאָמיע.

—נו, געוויס אַנ׳עקאָנאָמיע... און וויפיל, מיינט איהר, וואָלט איינגעשפּאָרט געוואָרען?..

—איך ווייס נישט...

—איילט נאָר נישט, וועלען מיר מאַכען אַ חשבון... דרייטויזענד וויאָרסט צו פיר מיט אַ האַלבער קאָפּיקע, האָבען מיר אַזוי גרויס ווי הונדערט פינפאונדרייסיג רובל פון אַ פערד. אויב מען זאָל פאָהרען אַהין אויף פיר פערד און נאָכדעם צוריק, לאָמיר זאָגען, אויף צוויי פערד... האָבען מיר אַזויאַרום אַנ׳עקאָנאָמיע פון אַכטהונדערט רובל פון דער נסיעה אַליין. אַזוי, צי נישט?

—טשעפּורניקאָוו האָט גערעכענט און גע׳חשבונ׳ט מיט עפּיס אַ ווילדער תאוה און נאָכדעם האָט ער זיך אָנגערופען אַ ביזער:

—וועט דען איצט עפּיס בלייבען פון איין פערד? געדענקט מיין וואָרט: מען וועט נאָך אונז שפּעטער צושפּאַנען אַ פערט פערד. דער עולם איז איצט אַזאַ פאָדלער, אַז אַ פאָדלער.

זאָל מען דאָס כאָטש דרך-ארץ האָבען פאַר אַ בעאַמטען—אַ נעכטיגער טאָג!

פון טשעפורניקאָווס חשבונות איז מיר געוועןנישט וואַרים, נישט קאַלט: עפּטער האָט פושניך געגעבען צו וויסען וועגען זיך דורך זיין זיס ברומען פון שלאָף.

—היינט בעדאַרף מען זיך נאָך טיילען מיט דעמדאָזיגען טשורבאַן!—האָט טשעפורניקאָוו פערענדיגט מיט גאַל.—אָבער עס פרעגט זיך: פאַרוואָס?

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען. די נאַכט אין וועג האָט זיך געצויגען אָהן אַ סוף און דאָס גלעקעל האָט, דאַכט זיך, געקלונגען און געקרעכצט אויף איין אָרט. די נעבלען זענען געשוואומען אין דער-הויך און האָבען אַזוי ווי מרמז-געווען אויף עפּ״ס אונגעוועהנליך טרויעריגעס. טשעפורניקאָוו האָט אָבגעקרעכצט, זיך נאָך אַליין געקאָכט און אַליין אַליין מעהר און מעהר זיך אויפגערויצט מיט זיינע חשבונות און עקאָנאָמיע, וואָס איז איצט פערלאָרען געגאַנגען בלויז דערפאַר, ווייל גאָט האָט מיך איהם נישט צוגעשיקט מיט אַ חודש צוריק.

נאָר אָט האָט דער וואָגען גענומען אונטערשפּרינגען אין די שליאַך-גריבער, דאָס גלעקעלע האָט גענומען קלינגען-פלוידערן. עס האָט זיך דערהערט אַ הייזעריג בילען פון די לענער הינד, עהנליך צו עפּיס אַ יאָמערליך וואָיען, און אין שפּאַלט פונ׳ם בויד-פאַרטוכעל איז אַדורכגעשוואומען אַ העל פייערל פון אַ לאַמטערנע, וואָס דער ווינד האָט זי אַרומגעוויגט אויפ׳ן שפּיץ פון אַ פאַסקעוואַטען סלופּ.

אַ סטאַנציע.

איך האָב גענומען אַרויסקריכען פון וואָגען און אויסגעגלייכט די פערגליווערטע אברים. טשעפורניקאָוו האָט אַ כאַפּ געטהאָן זיין פּעקעלע מיט פּראָוויזיע און פאַר איינוועגס גענומען אָהן שום צערעמאָניעס וועקען פושניכ׳ן. נאָכדעם ווי ער האָט איהם דערלאַנגט עטליכע שטורכען, האָט דער רוהיגער אונטעראָפיציר אַ ברום געטהאָן, זיך גוט אויסגעגעצט און גענומען אַרויסקריכען פון וואָגען.

—די שווערדען און די רעוואָלווערען נעהם-מיט!—האָט איהם טשעפורניקאָוו איילענדיג צוגעוואָרפען.

אָבער פּושניך, וואָס איז שוין געשטאַנען אויף דער ערד, האָט אין דערדאָזיגער מינוט פערלעגט די הענד אַ הינטער'ן קאָפּ, זיך זיס אויסגעצויגען, אַ קנאַק געטהאָן מיט די ביינשלעסער און גענומען געגעצען.

צֿריין אין דעם וואַרימען סטאַנציע-חדר, האָט ער, ווי אַ קינד, אויסגעריבען מיט די פויסטען די פערשלאָפענע אויגען און אין די הענד האָט ער נישט געהאַט—נישט די שווערדען, נישט די רעוואָלווערען. זיי זענען פערבליבען אין וואָגען.

II.

איך האָב מיך אַנידערגעזעצט בײם טיש, זיך אָנגעלעהנט אָן איהם, אַרומגעקוקט זיך און בעת-מעשה מיט'ן גאַנצען בלוט געשפירט די וואַרימקײט און מנוחה. מײנע אויגען זענען געווען אָפען, אָבער די אַלע זאַכען האָבען אָנגענומען פאַר מיר עפּיס פאַנטאַסטישע פאָרמען. די ווענד פון צימער האָבען זיך פונאַנדערגערוקט און איך האָב מיך ווידער געזעהן ווײט אויפ'ן וועג, אינ'ם פינסטערן וואָגען. אָבער אין ווינקעל פון דער בויד איז איצט געזעסען עפּיס אַ מאָדנע בעשעפעניש אויף פיר קרומע פיסלעך. דידאָזיגע בעשעפעניש האָט זעהר בײז געשיפּעט אויף מיר אין געקנאַקט מיט די צײהן, הינטער וועלכע עס האָט זיך דורכגעשלאָגען אַ פײער, וואָס האָט מיך שטאַרק געברענט. דערפון איז מיר עפּיס זעהר טרויעריג געוואָרען אויף דער נשמה, און דעמאָלט האָבען מײנע אויגען אינסטינקטיוו געזוכט אויף דער וואַנד דאָס בילד, אויף וועלכען עס איז אויסגעמאָלט דער צוריקקעהר פון אַ פערבלאָנזשעטען זוהן. דער פערבלאָנזשעטער זוהן שטעהט אויף די קניה און דער אַלטער פאָטער שטעהט איבער איהם מיט אויסגעצויגענע הענד און בענשט איהם. דער אַלטער האָט אַ גוט געזיכט און ער קוקט אַזוי בּאַרמהאַרציג—און אפשר נאָך היינט אויך—אויף די דורכפאָהרער פון די אַלע וועגד אויף די סטאַנציעס, וואָס שטעהען בײ דער לענאַ. אַ חשוב'ער זקן!

וויפיל מאָל האָט ער מיך אַזוי האַרציג בעגעגענט מיט זיין בענשענדיגער האַנד, אַז איך האָב מיך ממש צוגעבונדען צו איהם, און אַז איך געה-אַריין אין אַ סטאַנציע-צימער, מיד פון די טריבע לאַנדשאַפטען, וואָס ליגען ביי דער לענאַ, זוך איך תיכף אויף דער וואַנד. אויך איצט האָב איך געזוכט זיין שוץ. הענגט ער דאָ אויף דער וואַנד? יאָ, ער איז דאָ און דאָס בעווייזט, אַז איך געפין מיך נישט אין קעלט, נאָר אין אַ ליכטיגען צימער, און די חיה-רעה, וואָס אָטעמט מיט פייער, איז בלויז אַנ׳אייזערן אויוועלע, וואָס איז גוט אָנגעהייצט געוואָרען. יאָ, דער אַלטער איז דאָ, און דאָס בעווייזט, אַז איך האָב אַ גוטען בעקאַנטען אין דעמדאָזיגען ווייטען און נישט פריינדליכען לאַנד, אין דעמדאָזיגען קליינטשקען הייזעלע מיט פאַסקעוואַטע סלופעס, וואָס ליגט ביים פוס פון בייזע און מרה-שחורה׳דיגע בערג.

פושניך האָט אַרויפגעלעגט די הענד אויפ׳ן טיש, דעם קאָפ אויף די הענד און האָט שטיל צוגעכראָפעט, אָבער טשעפורניקאָוו האָט אַרומגעשמייעט, צוגעלעגט האָלץ אין אויוועלע און געהייסען שטעלען דעם סאַמאָוואַר. צולעצט, איז ער אַריין אין צווייטען צימער און באַלד האָט זיך דערהערט דורכ׳ן דינעם ווענדטעל אַ שמועס, פריהער העפליך און נאָכדעם פריינדליך.

—איך בין זעהר צופרידען. איך מיין,—האָט גערעדט דער סטאַנציע-שרייבער,—אַז גאָט אַליין האָט אייך היינט צוגעשיקט אַהער... איהר מעג מיר גלויבען.

אונטער דער וויטערדיגע שטילער שעפטשעריי פון די נייע חברים בין איך גאָר איינגעשלאָפען.

עמיץ האָט מיך אָנגעריהרט ביי דער האַנד. איך האָב געעפענט די אויגען און נישט באַלד פערשטאַנען, וואָס מען וויל פון מיר. איבער מיר איז געשטאַנען דער זשאַנדאַרם טשעפורניקאָוו און אויף זיין שטענדיג בעוועגליך געזיכט איז פערגליווערט געוואָרען עפיס אַנ׳אויסדרוק. ער האָט מיך אָנגעריהרט ביי דער האַנד און אַליין האָט ער געקוקט אין פענסטער. אונגערן האָב איך אויך אַ קוק געטהאָן אין פענסטער, אָבער איך

האָב גאָרנישט בעמערקט. די נאַכט האָט אַריינגעקוקט אין פענסטער און פון דער פינסטערניש זענען אַרויסגעפלויגען פוכיגע שנייעלעך, זיך אַוועקגעזעצט אויף די שוואַרצע שויבען און תיכף צוגאַנגען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ווייסע פליגעלעך קוקען נייגיריג אַריין אין אונזערע פענסטער און נאָכדעם שטיל אַוועק אין דער פינסטער און פערצעהלען עמיצען דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבען געזעהן אינ׳ם סטאַנציע-הייזעלע...

—וואָס איז דאָ געשעהן אַזוינס?—האָב איך אונרוהיג אַ פרעג געטהאָן.

טשעפורניקאָוו האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן שטוהל און מיט דער אייגענער פערטראַכטקייט איבערגעפיהרט אויף מיר די אויגען.

—א-אַ, גאָספּאָדין...—האָט ער זיך אָנגערופען מיט אַ פערטרויאינגס-טאָן,—עס מאַכט זיך אַ גאָלדען געשעפטעל... מען קאָן ווערען אַ מענש אין איין טאָג!

—אַ מענש?—האָב איך איבערגעפרעגט און זיך נאָך אַלץ נישט בעפרייט פון שלאָף,—נו, איז דאָך אויסגעצייכענט!

—כלעבען, אין איין טאָג, גאָספּאָדין!—און טשעפורניקאָוו האָט מיך אָנגעשטאָכען מיט אַ לאַנגען בליק, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין מיין נשמה.—צי קאָנט איהר,—האָט ער נאָכדעם אַ פרעג געטהאָן,—צי קאָנט איהר פערשטעהן אַ בעאַמטען?

—נו?

—אַ בעאַמטער בעדאַרף פערדינען צום לעבען און בעדאַרף נאָך אויך האָבען עפּיס אַ שטיקעל פּרנסה. איז דאָס ריכטיג, צי נישט?

—אָבער וועגען וואָס האַנדעלט זיך דאָ?

—וועגען דעם: מיר מוזען דאָ נעכטיגען.

—נו, איז דאָך גרויסאַרטיג.

—יאָ יאָ. אָבער דאָס בעדאַרף אַדורכגעהן גלאַט, ווייל דאָס איז לויט דער אינסטרוקציע פערבאָטען... זאָלט איהר זשע, אין פאַל... קיין שום פּיפּס... אַזוי זיך צופעליג געטראָפען... און נישט

מעהר... אויף דער סטאַנציע... ביים איבערשפּאַנען די פערד... האָט איהר פערשטאַנען?

—מאָלט אייך, אַז איך האָב גאָרנישט פערשטאַנען. מיט וועמען האָט איהר זיך געטראָפען?

—אָט באַלד, איילט נאָר נישט אַזוי... גאַווריליטש, קום־אַריין אַהער!

דער סטאַנציע־שרייבער, וואָס האָט הינטער׳ן וועגדטעל זיך גוט צוגעהערט צו אונזער שמועס, איז באַלד אַריינגעקומען צו אונז. דאָס איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, אין אויס־געטראָטענע טיפע קאַלאָשען און אַרומגערינגעלט מיט אַ שמוצי־גען שאַל. זיינע בעוועגונגען האָבען אַפילו געהאַט עפּיס אַ פייערליכקייט. עס איז געווען צו מערקען, אַז דאָס לעבען אויף דער סטאַנציע און דער פערקעהר מיט די „דורכרייזענדיגע הערן,״ האָט אַרויסגערופען אין איהם אַ העכערן טאָן.

—ער איז געקומען,—האָט ער זיך אָנגעבויגט צו מיר און מיך אָנגעקוקט מיט גרויסע שוואַרצע אויגען, וואָס האָבען דער־מאָהנט אַ שווינדזיכטיגען,—עס איז אַ גרויסער ענין און מען קאָן דאָ פּאַקען פיינע טויזענדער...

—אָט וואָס!—האָט טשעפּורניקאָוו אונטערגעשטריכען און מיך פערשטענדיג אָנגעקוקט.

איך האָב אויסגעריבען די אויגען. דאָס שעפּטשען, די ערנסטע פּנים׳ער, די אויסגעשטעלטע אויגען און די אונפּער־שטענדליכע ווערטער האָבען מיר אויסגעזעהן ווי אַ המשך פון עפּיס אַ פערפּלאָנטערטען חלום.

—אָבער וואָס מיינט איהר דאָ?—האָב איך אַ פרעג גע־טהאָן מיט פערדרוס.

—דעם טשערקעס...—און דעם שרייבערס בליק איז נאָך ערנסטער געוואָרען.—האָט איהר דען נישט געהערט פון טשער־קעס? זיין נאָמען קלינגט איבער דער גאַנצער לענאַ.

—איך בין דאָ דאָס ערשטע מאָל.

—טאָ ענטשולדיגט, איך האָב עס נישט געוואוסט. איהר וועט מיר לאָזען, וועל איך אייך דערקלערן. דערדאָזיגער טשער־

קעס מיט זיינע חברים זענען די גאַנצע קאָנקערס ביים שפּירט-עסק... דאָס הייסט, פּשוט'ער געזאָגט, זיי טראָגען שפּירט. אין די גאָלד-שאַכטעס ברענגען זיי מיט הינטערוועגלעך שפּירט און טוישען איהם אויס ביי די אַרבייטער אויף גאָלד. זיי פערדינען זעהר אַ סך...

—נו?

נו, אָט דער טשערקעס וועס מאָרגען זיין דאָ, נישט מעהר...

און ער האָט זיך אָנגעבויגט צו מיין אויער.

—גאָלד פיהרט ער קיין אירקוטסק, צו פערקויפען די כינעזער... ווען דער אַלמעכטיגער וועט איהם נאָר איבערגעבען צו אונז אין די הענד אַריין, אָט וועלען מיר לעבען אַ טאָג... אַ דריטעל דערפון נעהמען מיר אַראָב און דאָס איבעריגע געהט אין קאַזנאַ אַוועק...

—איך פערשטעה... אָבער שוין-זשע איז ער אַזוי נישט פאָרזיכטיג, אַז ער וועט זיך אייך איבערגעבען אין די הענד אַריין?

—וואָסער איבערגעבען! דאָס איז אַ שד, נישט קיין מענש. שוין נישט דאָס ערשטע מאָל. ער פליהט, ווי אַ פויגעל, די פוהרלייט גיט ער צו רובל אויף שנאַפּס. וואַלאַי! די קאָזאַקען און דער איספּראַווניק זאָלען נאָר נישט דערגעהן און נישט נעהמען נאָכיאָגען. די מענשען אויף די סטאַנציעס זענען על-פּי-רוב פחדנים... אָבער צוריק געזאָגט, איז אַ מורא זיך אָנצוהייבען מיט איהם... אַ לעבעדיגער וועט ער זיך נישט געבען אין די הענד אַריין... אָבער איצט האָבען מיר דאָך עפּיס מענשען פון מיליטער. איצט קאָן מען איהם פּאַקען.

—אויב מיר וועלען מצליח-זיין, וועט איהר אויך בעגליקט ווערען, גאָספּאָדין!—האָט טשעפּורניקאָוו געזאָגט און די אויגען האָבען איהם געברענט.—איך וועל נישט זשאַלעווען קיין טויזענדער פאַר אייך.

—נו, עס זאָל נאָר אַראָב מיט הצלחה,—האָט דער שריי-

בער געזאָגט מיט אַ בעלעהרונגס-טאָן,—וועט שוין זיין גוט, ניש־קשה...

—איך מיין, אַז עס קאָן אויספאַלען אַ טויזענד דריי־סיג.

—נו, דאָס איז שוין אַ געשעפט פאַר אייך. איך בעדאַרף נישט קיין געלד, אָבער איבערנעכטיגען דאָ די נאַכט וועל איך מיט גרויס פערגעניגען.

—איך זאָג אייך, גאָספּאָדין, איהר זאָלט זיך נישט אָבזאָ־גען און נעהמען דאָס געלד. מיר וועלען אייך נישט בעליידיגען.

איך האָב מיך אויפגעהויבען און גענומען צוגרייטען דאָס געלעגער אויפ׳ן דיוואַן.

פערברענגען אַ נאַכט אין אַ וואַרימען צימער אונטער דעם בענ־שענדיגען בליק פונ׳ם זקן איז פאַר מיר געווען אַזאַ וואוילער ענין, אַז איך האָב קיין שום אַנדערע רעיונות נישט געהאַט... טשעפּורניקאָוו מיט׳ן שרייבערל זענען אַוועק אין צווייטען צי־מער און האָבען דאָרט ווייטער געשמועסט וועגען דער פאַר־שטעהענדיגער קאָמפּאַניע.

—איז דאָס טאַקי ריכטיג, אַז מאָרגען?

—וואָס פרעגסטו? מען זאָגט דיר מאָרגען, איז מאָרגען. באָלדין האָט דערצעהלט. מיר האָבען געכאַפּט אַ שנעפּסעל מיט איהם, האָט ער זיך אויסגערעדט... זיי שרעקען זיך נישט פאַר מיר, ווייל אַמאָל, דעם אמת געזאָגט, האָב איך אויך...

—אָבער דאָס איז אַ שווערער ענין...—האָט עמיץ געזאָגט אין אַ מינוט אַרום.

—יאָ, אַ שווערער ענין. מען בעדאַרף זיין דרייסט. דער טשערקעס איז דאָך עפּיס אַ העלד אַ מענש!

—זעהר אַ דרייסטער?

—אָהן אַ זאַסאַדע וועט מען איהם נישט פאַקען.

—און אפשר האָט ער נישט קיין גאָלד איצט?

—אַט אַ מאָדנער מענש! שוין-זשע וועל איך ריזיקירען מיט׳ן לעבען סתם אין דער וועלט אַריין?

איך בין איינגעשלאָפען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך

האָב געשלאָפען נישט מעהר, ווי איין רגע, אָבער ווי עס זעהט-אויס, איז אַוועק אַ היבש שטיקעל צייט. אויף דער סטאַנציע איז געווען שטיל, אויפ'ן טיש איז געשטאַנען אַ סאַמאָוואַר מיט טיי-געשיר. מיינע בעגלייטער האָבען זיך, אַפנים, אָנגעטרונקען מיט טיי און זיך אַנידערגעלעגט שלאָפען. דאָס ליכט איז אויסגעלאָשען געוואָרען און דאָס אייזערנע איוועלע האָט בעלויכטען דאָס צימער מיט ציטריגע צינגעלעך פייער.

—גאַוורילאָוו!—האָט טשעפורניקאָוו פלוצלונג שטיל אַ רוף געטהאָן,—איהר שלאָפט נישט?

—איך שלאָף נישט.

—איהר ווייסט, איך האָב געמאַכט אַ חשבון.

—נו?

—צווייאונדרייסיג טויזענד מיט אַכטהונדערט און פערציג רובל, מיט פופציג קאָפּיקעס.

—נו, יאָ—האָט זיך גאַוורילאָוו אָנגערופען פון זיין ווינ-קעל,—דאָס איז אַ פיין קאַפּיטאַלעכעל. זאָל נאָר גאָט העל-פען.

—זאָל נאָר גאָט העלפען! גאָר אַ פיין קאַפּיטאַלעכעל! אָט וואָלט זיך מיין מאַרפע סטעפּאַנאָוונע דערפרעהט!

—נו, יאָ, מיר וואָלטען צונויפגעקלאַפּט אַ שען ביסעל געלד!..

פּושניק האָט דורך זיין שטאַרקער סאָפּעריי דערמאָהנט די צוויי שמועסער, אַז ער לעבט אויך אויף דער וועלט.

—אָט אַ חזיר, ס'אַראַ סאָפּען!—האָט שטעפורניקאָוו זיך אָנגערופען מיט פעראַכטונג,—אָבער מען וועט איהם אויך מוזען געבען.

אָבער אין אַ האַלבער מינוט אַרום האָט ער אַ זאָג געטאָהן מיט גרויס פערדרוס:

—עס פרעגט זיך נאָר, פאַרוואָס קומט איהם אַ טייל?

ווידעראַמאָל אַ שטיל-שווייגען.

—גאַוורילאָוו, הא, גאַוורילאָוו?

—וואס?

—איהר מוזט דאָך מסתמא וויסען, וויפיל געלד ער האָט מיט זיך?

—נו, אַודאי. זיי האָבען זיך טאַקי געטיילט אין טייגע. דער טשערקעס מיט מאַנדירקאָוו'ן האָבען צוגענומען דעם גאַנ־צען געלד־זאַמד.

—הם... אַ שאָד!

—וואָס אַ שאָד!

—עס וועט זיין ווענינליך.

—פאַרוואָס?

—ווייל אויב אַזוי, שטימט עס נישט מיט מיינע חשבונות. ווען איך קריג נאָך אַ דרייטויזענד, וואָלט איך געקאָנט אָבקוי־פען דאָס הייזעל ביי דער אַלמנה מיאַטוסאָווא, וואָס שטעהט אויפ'ן באַרג. זעהר אַ וואויל הייזעל מיט אַ גאָרטען. אָבער איצט וועל איך שוין מוזען קויפען ביי סטעפאַנאָוו'ן. איך ניש'קשה פון אַ הייזעל, אָבער שוין נישט דאָס... יענץ זעהט־אויס, ווי אַ פריציש הויז... איך וואָלט מיר דאָך אָבגעזאָגט פון דינסט...

—אָבגעזאָגט?

—געהט עס צו אַלדי שוואַרציאָהר! אַז מען האָט געלד, צו וואָס בעדאַרף מען דאָס דינסט? איצט בעדאַרף איך מיך אויסציהען פאַר יעדען אָפיציר, אָבער אַזוי וואָלט דער אייגע־נער אָפיציר געקומען צו מיר אויף אַגלאָז טיי... בין איך גע־רעכט, צי נישט?

—אָט אַ נאַרישקייט!—האָט דער שרייבער קאַטעגאָריש גע־זאָגט.

—וואָס הייסט אַ נאַרישקייט?

—אַזוי. דאָס איז בלויז גאוה, נישט מעהר,—האָט גאַוורי־לאָוו פילאָזאָפיש בעשטעטיגט,—האָסט זעהר גוטע רעיונות: ווע‍סט בעהמען בלאָזען פון זיך, פערדרייסען די נאָז אין דער־הויך! נין, ברודער, פון אַזוינע זאַכען קומט קיין גוטס נישט אַרויס...

איך האָב מיך גענומען צוהערען. דער שרייבער האָט שטיל געערדט און זיין קול האָט מיר אויסגעוויזען זעהר אָנגענעהם. איך בין געווען אויסגעמאַטערט פון דער קאַלטער טריבער נסיעה

און פון דידאָזיגע אַכזוריות'דיגע גאַאיוו-גזלנ'ישע שמועסען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איצט וועל איך דערהערן אַ מענשליך וואָרט. איך האָב מיר דערמאָהנט אין גאַוורילאָווס גרויסע אויגען און איצט האָט מיר אויסגעוויזען, אַז אינ'ם אויסדרוק פון דידאָזיגע אויגען שיינט זיך דורך אַ מענשליכער טרוים וועגען גליק...

—גאָר אַזוי רעדסטו,—האָט זיך טשעפורניקאָוו אָנגערופען עטוואָס פערלעגען,—נו, און וואָס וואָלסטו געטהאָן מיט'ן געלד?

—איך?.. ווען גאָט וואָלט מיר געהאָלפען, וואָלט איך חתונה-געהאַט.

—ביזט נאָך אַ בחור?

גאַוורילאָוו האָט זיך אונגעדולדיג בעוועגט אויף זיין געלעגער.

—ווייסטו דען,—האָט ער שאַרף געפרעגט,—וויפיל עס קאָסט אַ פוד ברויט אין אונזערע קאַנטען?

—נו, אַ צוויי קערבלעך מיט אַ האַלבס...

—אָט-אָט. נו, קאָן איך ביי מיינע פרנסות חתונה-האָבען?

—וואָלסט אפשר געביטען דאָס אָרט.

—איך בין שוין געזעען אין אַנדערע ערטער אויך. עס געהט נישט. ביי די גאָלד-גריבער געדינט, שפידט געטראָגען... האָב איך דערפון געקראָגען בלויז אַ ברעכעניש אין די פיס. אָט אַז מען זאָל זיין אַ מענש אָהן שום יושר, וואָלט מען דאָ געקאָנט מאַכען געלד...

—און אַ כלה האָסטו?..

גאַוורילאָוו האָט געשוויגען. דאָס שוואַכע פייערל פון זיין פאַפיראָס האָט עפּיס פערטראַכט אויפגעפלאַמט און זיך באַלד אויסגעלאָשען הינטער'ן דינעם וועגדטעל. דער שרייבער האָט גערויכערט און געשוויגען.

—אַ מיידעל געפעלט מיר דאָ. אָבער וואָס קאָן זיין דערפון? איך בין אָרים און זי איז נאָך אַ גרעסערע קבצנ'טע. האָב איך איהר נאָך קיין איין וואָרט נישט געזאָגט ביז אַהער... אָט ווען

גאָט וואָלט מיר געהאָלפען... וואָלטען מיר אַוועקגעפאָהרען פון דעמדאָזיגען וויסטען אָרט און וואָלטען זיך געלעבט אַ שטיל לעבען מיט אַנ׳אייגען געשעפטעל.

—וואָס פאַר אַ געשעפטעל, דהיינו?

—מיינס?

—יאָ.

גאַווריילאָוו איז ווידעראַמאָל אַנטשוויגען געוואָרען, פונקט ווי ער וואָלט נישט געוואָלט אַנטדעקען טשערניקאָוו׳ן זיינע סאַמע אינטימסטע געדאַנקען און חלומות.

—אַ שענק וואָלט איך געעפענט! —האָט ער פלוצלונג ענטשלאָסען געזאָגט.—וואָס קאָן זיין בעסער? מנוחה, רוה! און דער עולם האָט ביי אונז ליב אַ שנעפסעלע!..

III.

דאָס פייער אין אויוען האָט געזשוס'ט. איך האָב שלעכט געשלאָפען, ווי עס טרעפט עפּטער נאָך אַ שטאַרקער אויטגעמאַטערטקייט. איך בין געלעגען איינגעקנוידערט און האָב מינוטענווייז פערלוירען דאָס בעוואוסטזיין פון צייט, און בשעת-מעשה האָב איך אויך געהערט דעם גערויש פון ווינד, וואָס איז אָנגעלאָפען פון דער לענאַ-זייט. איך האָב געהערט, ווי ער האָט געבלאָזען אַרום די ווענד און געשאָטען שניי אין די פענסטער.

צוזאַמען מיט'ן גערויש פון ווינד האָב איך פּלוצלונג דערהערט אַ שוואַכען קלאַנג פון אַ גלעקעל. דערדאָזיגער קלאַנג האָט קוים בעריהרט מיין אויער און איז באַלד דערטרונקען געוואָרען אינ'ם רוישען פון ווינד. אין אַ מינוט אַרום האָב איך איהם ווידעראַמאָל דערהערט, אָבער ער איז אויך די אייגענע רגע אָבגעשטאָרבען. נאָכדעם האָב איך איהם שוין דייטליכער געהערט, נאָר מיט קורצע הפסקות. דער עמפּינדליכער גאַווריזאָוו האָט זיך אויפגעהויבען הינטערן ווענדטעל, אָנגעצונדען אַ ליכט און צוגעוואָרפען עטליכע שייטלעך האָלץ אין אויוועלע.

—אָך-כאָ-כאָ!—האָט ער גענומען גֹעבוזפּצען.—ווער שיקט עס ווידער צו דער אויבערשטער? צי איז עס נישט אַמאָל דער פּאָסטמייסטער?

די טיר האָט זיך געעפענט. אויפ׳ן שוועל האָט זיך בע-וויזען דער סטאַראָסטע אין אַ דאָכע*), אין אַ וואַרימער קוטשמע מיט אַ לאַמטערנע אין דער האַנד.

—עמיצער פאָהרט, סטעפאַן גאַווריקאָוו! איהר הערט?

—איך הער. איך מיין, אַז דאָס פאָרט דער פאָסטמייסטער פון קירענסק. דו טרייב אָקאָרשט-צו די קוטשערס. קיין אָב-האַלט זאָל נישט זיין.

—מען שפאַנט די פערד.

—אָבער שנעל.

—באַלד, באַלד...—און דעם סטאַראָסטעס קאָפּ איז פער-שוואונדען געוואָרען הינטער דער טיר.

—האַ?.. וואָס איז געשעהן?—האָט זיך טשעפורניקאָוו פלוצ-לונג אַ כאַפּ געטהאָן פון אָרט, זיך אַנידערגעזעצט אויף דער פאָדלאָגע און זיך גענומען אַרומקוקען מיט אונרוהיגע אוי-גען.

—גאָרנישט. עמיץ אַ דורכפאָהרער.

—דער טשערקעס?

—וואָס פאַר אַ טשערקעס?.. וואָס חלומ׳ט זיך דיר?

טשעפורניקאָוו האָט אַ פאַל געטהאָן אויפ׳ן קישען. ער האָט עס געפרעגט פון שלאָף.

דאָס קלאַפּען פונ׳ם פערדס קאָפּיטעס און דער קלאַנג פון גלעקעל זענען אַנטשוויגען געוואָרען ביים טויער.

עס האָט זיך געהערט, ווי די קוטשערס שפאַנען איילינ אויס די פערד, קלינגען מיט׳ן אַראָבגענומענעם גלעקעל און צייטענווייז האָט זיך דערטראָגען אַ שאַרפער בעפעהלענדיגער קול פון אַ מענשען.

דערהערט דעמדאָזיגען קול, האָט גאַווריקאָוו אָנגעשטעלט מויל און אויערן און איז אַ ווילע געשטאַנען פערגאַפּט אַזוי און אונ-בעוועגליך מיט׳ן סטאַנציע-בוך אין דער האַנד. פלוצלונג האָבען

---

*) אַ מין סיבירישער פעלץ.

זיך דערהערט טריט אויף די טרעפּ. גאַווריל־אָוו האָט אויפגעצי־טערט.

די טיר האָט זיך געעפענט, דער סטאַראָסטע האָט אַריינ־געררוקט דעם קאָפּ און אַ זאָג געטהאָן:

—דער טשערקעס איז געקומען.

דאָס שרייבערל איז בלאַס געוואָרען און אַ וואָרף געטהאָן זיך צו טשעפּורניקאָוו׳ן, אָבער יענער איז שוין אויפגעשפּרונגען, פונקט ווי עמיץ וואָלט איהם איינגעביסען, זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש און גענומען אויסרייבען די אויגען.

—נו, וואָס? וואו איז דער טשערקעס? אָבער שטעהט־זשע אויף, איהר פּעפער.

גערעדט האָט ער אַפילו אין מעהרצאָהל, אָבער זיינע ווערטער האָבען זיך בעציגען בלויז צו פּושניכ׳ן, וואָס איז גע־לעגען אויף דער פּאָדלאָגע ביי זיינע פיס. כאָטש ער האָט גע־רעדט צו איהם אין אַנ׳איידעלער פאָרם און האָט איהם גע־אירצט, דאָך האָט ער אַזוי שטאַרק אַ שטויס געטהאָן דעם שווע־רען אונטער־אָפיציר, אַז יענער האָט גענומען אַרויסווייזען סימנים פון לעבען. ער האָט עפּיס אַרויסגעברומט אונטער דער נאָז, זיך אַנידערגעשטעלט אויף אַלע פיר און נאָכדעם זיך פּאַמעליך אויפ־געהויבען, פּונקט ווי ער וואָלט געהאַט אויפ׳ן רוקען אַ שווערע משא. דאָס שרייבערל האָט אַרומגעשמייעט, אָנגעצונדען סתם אין דער וועלט אַריין אַ ליכט און טשעפּורניקאָוו האָט בודק־געווען די שטוהלען און געזוכט זיין געזועהר אונטער די בגדים...

דאָס סטאַנציע־צימער, וואָס איז מיט אַ מינוט פריהער געשלאָ־פען אינדערפינסטער און אין אַ שטיל־שווייגען, האָט איצט אויפ־געלעבט און איז געווען פול בעוועגונג.

און אויף אָט דער בעוועגונג האָט פון דער שוועל גע־קוקט אַ שלאַנקער זקן, אין וועלכען מען האָט באַלד פון ערשטען קוק געקאָנט דערקענען דעם טשערקעס, וואָס איז אַזויליידענ־שאַפטליך אָבגעוואַרט געוואָרען און אַזוי אונגעריכט געקומען.

IV.

איך האָב געזעהן, חי ער איז אַריין. באַלד ווי דער סטאַראָסטע איז אַוועק פון דער טיר, האָט זי זיך ,תיכף געע־פענט און דער טשערקעס, וואָס האָט זאָרגלאָז געהאַלטען די קליאַמקע, האָט אַריבערגעטראָגען אַ פוס איבער דער שוועל. פון דעם פינסטערן פאָרהויז האָט זיך מיט אַ בעזונדער שאַרפקייט געוויזען זיין פיגור. דאָס איז געוועזן אַנ'אַלטער מאַן פון אַ יאָהר פינפאונפופציג, מיט אַ טרוקען און האַרט פנים, גלאַט אָב־געראַזירט. לויט'ן פנים איז ער גיכער עהנליך געוועזן צו אַ דייטש, אָבער די רויטגעלבע טשערקעסקע, אונטערגעשלאָגען מיט פוטער און די גאַנצע פיגור מיט דער אַרויסגערוקטער ברוסט, מיט דער דינער טאַליע און מאַיעסטעטישע בעוועגונגען האָבען דערמאָהנט אַ פערשיקטען קאַווקאַזער. ער איז געוועזן אַרומגע־גאַרטעלט מיט אַ דינעם לעדערנעם גאַרטעל; פון פאָרענט איז איהם קרום געהאַנגען אַ שענער קינזשאַל, פון הינטען אַ רעוואָל־ווער אין אַ לעדערנעם שיידעל און צו דעם אַלעם אַ דיקע שנור פון נאָך אַ רעוואָלווער, וואָס האָט זיך געצויגען אין קע־שענע אַריין.

דאָס ליכט האָט איהם אַ זעץ געטהאָן אין די אויגען אַריין. ער האָט זיך פערזשמורעט, ווי אַ קאַץ, אָבער אַז ער האָט דער־זעהן די קאַזיאַנע, שינעלען האָט ער זיך באַלד אַ קעהר געטהאָן

אויף הינטען. איך האָב געזעהן, ווי אַן׳אויסדרוק פון שנאה און טיילוויז אויך שרעק, האָט אַ גלאַנץ געטהאָן אין זיינע שוואַרצע אויגען, וואָס האָבען זיך משונה אָנגעצונדען אונטער זיינע גרויע ברעמען. מיר האָט אויסגעוויזען, אַז איך האָב אויך בעמערקט אַן׳אויסדרוק פון אומעט, וואָס לאָזט זיך זעהן אין די אויגען פון אַ געיאָגטער חיה, וואָס פאַלט-אַריין אין אַ פאַסטקע. נאָכדעם האָט ער זיך אַזוי ווי אינסטינקטיוו אויסגעגלייכט, מיט אַ שנעלער און געניטער בעוועגונג אָנגעריהרט דאָס הענדטעל פון קינזשאַל, נאָכאַמאָל בעטראַכט דאָס צימער און אָנגעשטעלט אויף יעדען פון אונז אַ שאַרף, קלאָר און פאָרשענדיג אויג. דאָס אַלץ האָט געדויערט אַ צוויי-דריי רגע׳ס. נאָכדעם איז ער אַריין אין צימער.

—גוט ב׳אָוועגד!—האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ רוהיגען טאָן, וואָס מיט איהם האָבען טיילוויז נישט געשטימט זיינע אונרוהיגע לויפיגע אויגען.

—האַ, וואָס אַזוינס?.. יאָ, גוט ב׳אָוועגד, גוט ב׳אָוועגד!—האָט טשעפורניקאָוו אַרויסגעברומט אַ צומישטער, זיך אָנגעבויגט צו פושניכ׳ן, וואָס איז געזעסען גלייכגילטיג אויפ׳ן שטוהל, און גאַליג אַרויסגעשיפעט:

—וואו האָט איהר אַהינגעטהאָן די רעוואָלווערן... בהמות, וואָס איהר זענט!..

—וואָס בילסטו, ווי אַ הונד?—האָט פושניק הויך אַרויסגעזאָגט,—וואָס קאָן דאָרט געשעהן מיט דיינע רעוואָלווערן?.. אין וואָגען ליגען זיי.

נאָך דעמדאָזיגען ענטפער זענען אַלע אַזוי ווי אַנטשוויגען געוואָרען. גאַווריל־אָוו האָט מיט פאָרוואורף אָנגעקוקט ביידע סאָלדאַטען און אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ.

—וויזט נאָר אייער וועג-שיין,—האָט ער זיך געווענדט צום טשערקעס און מיט אַ פאַמיליאַרען טאָן געוואָלט פערגלעטען די גישט-בעקוועמע לאַגע. ביים טשערקעס האָבען די אויגען אויפגעפלאַמט, ווי ביי אַ טיגער, וואָס האָט בעמערקט אַ סכנה. פון קעשענע האָט ער אַרויסגענומען אַ צונויפגעוויקעלט שטיקעל

פּאַפּיר און אַ וואָרף געטהאָן עס אויפ׳ן טיש.

—צו וואָס וואַרפען... אַז מען קאָן עס דערלאַנגען,—האָט גאַוורילאָוו בעמערקט מיט בעליידיגונג.

דער טשערקעס האָט זיך גאָרנישט געמאַכט פון דערדאָזיגער בעמערקונג. ער האָט זיך געהאַלטען זעהר פאָרזיכטיג און אָנגעשטרענגט. זיין שאַרף אויג איז ווידעראַמאָל אַדורכגעלאָפען דאָס צימער און די מענשען, און פּלוצלונג האָב איך דאָסדאָזיגע אויג דערשפּירט אויף זיך. אונזערע בליקען האָבען זיך בעגעגענט, ער האָט בעטראַכט מיין געזיכט, מיינע קליידער, מיין טשעמאָדאַן, וואָס איז געשטאַנען ביים דיוואַן, ווידעראַמאָל אַ קוק געטהאָן אויף די סאָלדאַטען און צוזאַמענגעשטעלט דער פון אַ מיינונג. נאָכדעם האָט ער שנעל צוגערוקט אַ שטוהל, זיך אַנידערגעזעצט נישט ווייט פון מיר, האַלב אומגעקעהרט צו מיר מיט׳ן רוקען און מיט׳ן פּנים צו די איבעריגע.

גאַוורילאָוו האָט געעפענט דאָס בוך, אָבער ער האָט זיך, אַפּנים, נישט געאיילט אַריינצושרייבען דעם וועג-שיין. אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן ווענדטעל פון שטוהל, האָט ער ווײַלעוויין אַרויסגעקוקט פון זיין הינטערווענדטעל אינ׳ם סטאַנציע-צימער. טייל-מאָל האָט ער צוגעוואָרפען רמזים צו פּושניכ׳ן, אָבער דער שוועדער אונטער-אָפיצער האָט זיי, קענטיג, נישט פערשטאַנען. דער טשערקעס האָט קאַלט אָנגעקוקט דידאָזיגע מאַנעווערס און געשפּילט מיט׳ן הענדטעל פון קינזשאַל.

טשעפּורניקאָוו איז דערווייל געקומען צו זיך. דער געשיקטער אונטער-אָפיצער האָט עפּיס צוגעטראַכט אַ פּלאַן. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפ׳ן ברעג פון שטוהל, זיך אָנגעלעהנט אָן ווינקעל טיש, אין אַ פּאָזע, פון וועלכער עס איז געווען קענטיג, אַז ער איז גרייט זיך צו בענוצען מיט דער גינסטיגער מינוט. אָבער דער טשערקעס איז געזעסען אין דער צווייטער זייט צימער אַ שאַרפאויגיגער, אַנ׳אויפמערקזאַמער און אַנ׳אָנגעשטרענגטער. דעמאָלט האָט מיך טשעפּורניקאָוו אָנגעקוקט מיט אַ תחנונים-בליק. איך האָב פערשטאַנען: ווען איך זאָל, אַ שטייגער, שנעל אויפשפּרינגען, וואָלט איך אפשר אָנגעכאַפּט דעם טשערקעס פון הינטען, מיט

אַליאַדע בעווענונג האָב איך אַזוי צי אַנדערש געקאָנט שאַפען פאַר'ן טשערקעס אַ שלעכטע דיווערסיע און טשעפורניקאָוו וואָלט זיך, נאַטירליך, באַלד בענוצט מיט איהר.

צו מאַכען קלאָר מיין ראָל, האָב איך מיך אומישנע בע־וועגט. דער טשערקעס האָט אַ ציטער געטהאָן, אָנגעקוקט מיך איבער'ן אַקסעל און זיין אויפמערקזאַמקייט האָט זיך, אַפנים, געטאָפעלט צווישען מיר און טשעפורניקאָוו'ן. אָבער איך האָב פערלעגט די הענד אַ הינטער'ן קאָפּ און אָנגענומען אַ פּאָזע פון אַ בעאָבאַכטער. טשעפורניקאָוו האָט מיט קענטיגען עגמת-נפש זיך איבערצייגט, אַז איך האָב מיך לחלוטין בעפעסטיגט אין אַ נייטראַלער לאַגע.

דער טשערקעס האָט זיך בעסער אַנידערגעזעצט און מיט אַ חוזק-טאָן אַ פרעג געטהאָן טשעפורניקאָוו'ן:

—דו פאָהרסט ווייט?

—קיין יאַקוטסק. און איהר?

—מיר נישט ווייט.

—מעג איך וויסען, פון וואַנען איהר פאָהרט?

—פון אַלעקמי.

—אַזוי! נו, ווי איז דאָרט דער וועג? אויף דער לענאַ פאָהרט מען שוין מיט שליטענס?

—אודאי... מען פאָהרט שוין... ביז קאַטשוג זענען מיר גע־פאָהרען אין אונזער וואָגען... מיר האָבען אַפילו געמיינט, אַז אומעטום איז שוין אַ שליטוועג... אָבער דאָ קאָן מען נאָך נישט פאָהרען מיט'ן שליטען. ווען איך וואָלט געוואוסט, וואָלט איך נאָרנישט געפאָהרען. אַ ביטערע מעשה! הער-נאָר, גוטער ברו־דער,—האָט ער אַ זאָג געטהאָן צום שרייבערל,—דו שרייב שנע־לער אַ ביסעל. די פערד זענען גרייט, און ביי דיר איז נאָך נישט פאַרטיג...

—אָך-כאָ-כאָ!—האָט זיך גאַווריליאָוו אויסגעצויגען מיט צפּיס אַב'אונגאַטירליכער זאָרגלאָזיגקייט.—מיר בעדאַרפען זיך שוין אויך לאָזען אין וועג אַריין.—נו-קאַ, פושניך, לאָמיר זיך ריהרען! פון אָרט.

פושניך האָט אַ קוק געטהאָן אויף זיין חבר און זיך שטאַרק גע׳חדוש׳ט. ער האָט נאָך, קענטיג, נישט געוואוסט פון דעם גאַנצען עסק. טשעפורניקאָוו איז אַפּילו אַוועק צו דער טיר, אָבער דער טשערקעס, וואָס האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבען, האָט איהם, ווי אַ שטאָהלענע פּרוזשינע לייכט אָבגעשטויסען מיט׳ן עלענבויגען, און פון דערדאָזיגער בעוועגונג האָט זיך דער גע־שיקטער, אָבער נישט הויכער אונטער־אָפיציר פעררוקט אין ווינ־קעל ביים ווענדטעל און דער טשערקעס איז געשטאַנען נעבען איהם. דאָס אַלץ אָבער איז געמאַכט געוואָרען אַזוי לייכט און אונבעמערקט, אַז בשעת ער האָט זיך אָנגערופען צו טשעפורני־קאָוו׳ן: „וואַרט, מיין פריינד, מיר וועלען געהן צוזאַמען,“ האָט דידאָזיגע פראַגע באמת אויסגעוויזען ווי אַ פריינדליכע איינלאַ־דונג. טשעפורניקאָוו׳ס אויגען זענען אַדורכגעלאָפען איבער דער גאַנצער פיגור פון טשערקעס, אָבער ער האָט זיך נישט געריהרט פון אָרט.

—גיב־אַהער!—האָט דער טשערקעס אַ זאָג געטהאָן צום שרייבער און אויסגעצויגען די האַנד נאָכ׳ן וועג־פּאַפּיר.

—נאָך נישט אָנגעשריבען.

—גיב, זאָג איך דיר, נאָכדעם וועסטו ענדיגען.

און ער האָט שנעל גענומען פון טיש דאָס פּאַפּיר. דער דרייק פון דעמדאָזיגען מאַן האָט מיך אונגערן פערכאַפּט. ער האָט איצט געהאַט אַ בעפעהלעריש און שטרענג געזיכט און זיי־נע בעוועגונגען זענען עהנליך געוועזען צו די שנעלע און שטרענ־גע בעוועגונגען פון אַ טיגער. איצט האָבען שוין אַלע פערשטאַ־נען איינאַנדער, אויסער, נאַטירליך, איין פושניכ׳ן. דער טשער־קעס איז געוועזען איינער אַליין אין צימער, און אויב מען זאָל איהם בעפאַלען, האָט ער געהאַט געגען זיך דריי מענשען: דער שווערער אונטעראָפיציר וואָלט בלי־שום־ספק זיך בעטייליגט אין געראַנגעל. דער ערפאָלג וואָלט זיכער געקאָנט זיין אויף דער זייט פון די אָנפאַלער, אָבער דער ערשטער שריט וואָלט געווען אַ געפעהרליכער...

—נו, ווישלט, וועלען מיר געהן צוזאַמען,—האָט דער

טשערקעס זיך אָנגערופען צו טשעפורניקאָוו׳ן,—נאָר וואַרט, אפשר ווילסטו קויפען אַ וועגעל?

טשעפורניקאָוו איז באַלד איינגעגאַנגען אויפ׳ן געשעפט און זיך, אַפּנים, דערפרעהט מיט דער נייער געלעגענהייט.

—וואו האָסטו עס?

—אין קאַטשוג. איך וועל דיר געבען אַ צעטעל צו אַ בעקאַנטען מענשען...

—ווילסט אַ סך געלד פאַר איהם?

—דרייסיג רובל. אַ לעדערנע בויד. פופציג קאָסט. נעהם.

ביים דינגען זיך האָט דער טשערקעס געוואָרפען זשעדנע בליקען צום טשייניק. ער איז געפאָהרען אָהן אַנ׳אָבשטעל און דאָ, קאָן זיין, האָט ער גערעכענט זיך אויסצורוהען און אָנ-טרינקען זיך מיט טיי. מיט דידאָזיגע ווערטער איז ער געשווינד צו געגאַנגען צום טיש, אָנגעגאָסען פון קאַלטען טשייניק אַ גלאָז טיי, מיט איין אָטעם עס אויסגעטרונקען און בעת-משה נישט אַראָבּ-געלאָזט די אויגען פון זשאַנדאַרם. טשעפורניקאָווס אויגען האָ-בען געגלאַנצט. דאָס פּנים איז געווען רויט און בעדעקט מיט שווייס. ער איז געווען גרייט זיך אַ וואָרף צו טהאָן אויפ׳ן טשערקעס, אָבער ער האָט אַדורכגעלאָזט די גינסטיגע מינוט. בשעת ער האָט זיך אַ ריס געטהאָן פון אָרט, איז שוין דער טשערקעס געשטאַנען שטאָלץ און קאַלט, מיט דער האַנד ביים רימענעם פּאַס.

—נו, גיב מיר דאָס צעטעלע,—האָט זיך טשעפורניקאָוו אָנגערופען מיט אַ פערשטיקטען קול, צו דערקלערן כלומר׳שט דערמיט זיין האַסטיגען ריס פון אָרט.

דער טשערקעס האָט אַרויסגענומען פון קעשענע זיין נאָ-טיצביכעלע, אָנגעוואָרפען דערויף עטליכע ווערטער און אויסגע-ריסען אַ בלעטעל. דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרען מיט איין האַנד, שטעהענדיג ביים פענסטער און נישט-אַראָבלאָזענדיג די אויגען פון זיין קונה. זיינע ברעמען זענען צונויפגערוקט גע-ווען, דאָס טרוקענע פּנים בלאַס. עס איז געווען קענטיג די אַנשטרענגונג פון דידאָזיגע מינוטען געהען פאַר איהם נישט

אַריבער אומזיסט. טשעפּורניקאָוו האָט זיך נאָכמעהר אויפגע-רעגט.

—נעהם,—האָט דער טשערקעס אַ וואָרף געטהאָן דאָס צע-טעלע,—דאָס געלד ווערסטו איינצאָהלען אין קאַטשוג.

—רעכט.

—קום-אַרויס צוזאַמען.

זיי זענען אַרויס ביידע גלייך אַקסעל אין אַקסעל. דער טשערקעס איז געגאַנגען לייכט, ווי אַ קאַץ, עטוואָס אויפגעהוי-בען אויף די שפּיץ פינגער, אַ שלאַנקער, אַ בויגזאַמער און אָנ'-אָנגעשטרענגטער. נעבען איהם האָט טשעפּורניקאָוו אויסגעוויזען קליין און אומגעלומפּערט, אָבער אין דער גאַנצער פיגור פונ'ם אונטעראָפיציר האָט זיך געשפּירט עקשנות און ענטשלאָסענהייט.

גאַווּרילאָוו האָט מיט פערגרעסערטע שוואַרצאַפּלען פון די אויגען און מיט אַ פערהאַקטען אָטעם זיך אַ וואָרף געטהאָן צו פושניכ'ן און איהם גענומען טרויסלען.

—וואָס זיצט איהר? איז דאָס שען? און נאָך אַנ'אונטער-אָפיציר. געהט נאָר אַרויס אין דרויסען!

פושניך האָט זיך אויפגעהויבען און געהאָרזאַם און שלעפּעריג אַרויס אין דרויסען. איך האָב אויך אַרויפגעוואָרפען אויף זיך דעם מאַנטעל, אָנגעטהאָן די וואָליקעס און אַרויסגעלאָפען אויפ'ן גאַניג.

די זאַווערוכע איז שטילער געוואָרען, אָבער אַ געדיכטער שניי איז געפאַלען און די דריי פערד ביים גאַניג האָבען זיך אַרויסגעזעהן אַזוי ווי דורך אַ נעץ. דער קוטשער איז אַרויפגע-קראָכען אויף די קאָזלעס. אין דער אָפענער בויד איז געזעסען עפּיס אַ טונקעלע געשטאַלט. נאָך אַ צווי פיגורען זענען צוגע-גאַנגען צום וואָגען.

—נו, זיי מיר געזונד. האָב אַ גוטען וועג!—האָט דער טשערקעס געזאָגט און אין זיין קול פון אַ טייגע-קאָרשון האָט זיך געשפּירט אַ טאָן פון חוזק.

—פאָהר געזונד,—האָט טשעפּורניקאָוו טעמפּ אָבגעענטפערט.

איך האב געזעהן, ווי זיי האבען איינאנדער דערלאנגט די הענד.

—נו, זיי מיר געזונד, נו... געזונד,— האט דער טשערקעס ווידעראמאל געזאגט, אבער דאסמאל האט זיך שוין געשפירט אן׳אונרוהיגקייט אין זיין קול: דער אונטער-אפיציר האט פערהאלטען זיין האנד.

—דו שפילסט זיך, צי וואס?.. געדענק, וואס דו טהוסט!— האט דער טשערקעס שארף ארויסגעזאגט און דערביי האט ער עטליכע טרוקענע קלאנגען אויף אן׳אונפערשטענדליכען לשון אריינגעווארפען אין וואגען אריין.

אין וואגען, אונטער דער בויד, האט זיך דערהערט עפּיס א בעוועגונג.

—איך שפיל מיך...—האט טשעפורניקאוו געענטפערט מיט א פערהאקטען קול, פונקט ווי ער וואלט זיך געשטיקט,—חייסט, לאמיר זיך גאר א ראנגעל טהאן... ווער איז שטארקער... כלעבען, לאמיר פּרובען...

איך האב פערשטאנען טשעפורניקאווס געמיט. ער האט נישט געהאט די דרייסטקייט זיך א ווארף צו טהאן אויפ׳ן געפעהרליכען געגנער. אבער ער איז אויך נישט געוועזן בכוח צוצוזעהן עס גלייכגילטיג, ווי אזוי יענער וועט זיך אריינזעצען אין וואגען און אוועקפיהרען מיט זיך זיין שענע האפנונג...

עס האט זיך אנגעהויבען א מין געראנגעל... עטליכע קורצע רגע׳ס. טשעפורניקאוו האט א פאל געטהאן אויף דער ערד און דער טשערקעס איז אריינגעשפרונגען אין וואגען.

—פשא-א-אל!—האט ער ווילד און שניידיג אויסגעשריען. די דערשראקענע פערד האבען זיך א ריס געטהאן פון ארט, דער וואגען האט גענומען קלאפּען און איז פערשוואונדען געווארען אינ׳ם שנייאיגען חושך. עטליכע מאל האבען זיך בלויז דערטראגען צו אונז פון דערפינסטער די שניידיגע אויסגעשרייען פון טשערקעס: „פשא-א-ל, פשא-א-ל!..” עס האט זיך געדאכט, אז דאס זענען געשרייען פון אן׳אויפגערעגטען און שכור׳ען מענשען.

מיר האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן צו טשעפּורניקאָוו׳ן.

—וואָס איז מיט אייך ?—האָב איך איהם אַ פרעג גע-טהאָן.

—גאָרנישט... גאָרנישט... ווי ער האָט עס אויף מיר אַ קוק געטהאָן, דער טייוועל,—האָט זיך טשעפּורניקאָוו אויפגעהויבען פון דער ערד. מיין קאָפּ בענעהמט עס נישט !.. נו, און איהר אַלע... איהר האָט נישט געקאָנט פון הינטען... עך !

ער האָט שווער געהעדט, פּונקט ווי עמיץ וואָלט איהם פערשטיקט דעם האַלז.

פון שטאַל זענען אַרויסגעלאָפען די פּוהרמאַנעס, וואָס גאַווריל׳אָוו האָט אַ רוף געטהאָן, אָבער עס איז שוין געווען שפּעט. דער גלעקעל, וואָס האָט זיך דערווייטערט, האָט געקלאַפּט עפּיס טעמפּ, פערטויבט דורכ׳ן געדיכט-פאַלענדיגען שניי, אָבער די שניידיגע אויסגעשרייען פון טשערקעס האָבען נאָך עטליכע מאָל דורכגעשניטען די נאַכט-לופט, פּונקט ווי די שאַרפע גע-שרייען פון אַ נאַכט-פויגעל.

דידאָזיגע געשרייען, פול מיט ווילדער אָנשטרענגונג, זע-נען אויף לאַנג פערבליבען אין מיין זכרון, און שפּעטער, בשעת איך פלעג מיט אַ פערדריקטען האַרצען עפּטער קוקען אויף די מרה-שחורה׳דיגע לאַנדשאַפטען אַרום דער לענע, אויפ׳ן האָרי-זאָנט, פערשטעלט פון בערג, אויף וועלכע עס זענען געשטאַנען וועלדער, פעלזען און נעבלען זענען אַרויסגעקראָכען פון די באַרגהוילען,—האָט זיך מיר שטענדיג געדאַכט, אַז דערדאָזיגער רויב-געשריי טראָגט זיך אין דער לופטען איבער דעם טרויערי-גען און מרה-שחורה׳דיגען לאַנד.

—פיו-יו-יו !.. — האָט גאַווריל׳אָוו אַ פייף געטהאָן און אַ מאַך געגעבען מיט דער האַנד.—ער לעבט איצט אַ טאָג. ביז אירקוטסק וועט איהם שוין קיינער נישט אָבשטעלען. און דאָר-טען...

—ווען ער וואָלט פערהאַלטען געוואָרען, וואָלטען מיר עס געפּאַקט אַ מטבע !..

—ניין, מען וועט איהם נישט פערהאַלטען. קיינער ווייס

נישט. אַ סוף צו די אַלע גוטע האָפנונגען. עך !—האָט ער אַרויס-געזאָגט מיט עגמת-נפש און זיינע שוואַרצע אויגען האָבען לאַנג נישט געקאָנט זיך אָברייסען פונ׳ם שניי-חושך, אין וועלכען זיי-נע האָפנונגען וועגען התונה-האָבען און וועגען אַ רוהיג לעבען זענען דערטרונקען געוואָרען צוזאַמען מיט׳ן קלאַנג פון גלע-קעל.

V.

דער וואָגען, וואָס דער טשערקעס האָט אונז איבערגעלאָזט, האָט עטוואָס בערוהיגט טשעפּורניקאָוו'ן. דאָס איז געווען אַ גרויסאַרטיגער פּרייער וואָגען מיט אַ לעדערנער בויד און אַפילו מיט גלעזערנע טירלעך. עס האָט אויסגעוויזען, ווי דער טשערקעס, וואָס האָט איהם פּערקויפט פּאַר דרייסיג רובּל, האָט אַזוי טייער בעצאָהלט פּאַר אַ גלאָז קאַלטען טיי.

אַרויסגעפאָהרען פון קאַטשוג, האָבען מיר אין דער צווייטער נאַכט גאַנץ בעקוועם געקאָנט זיך אויסלעגען זאַלבעדריט אין וואָגען, און אַזוי ווי אויף דער לענאַ האָט זיך באמת איינגעשטעלט אַ שליטוועג, זענען מיר שוין נישט אַזוי אויסגעטרויסעלט געוואָרען, פאָהרענדיג, ווי פריהער און האָבען שוין נישט געליטען אַזוי פון פושניכס עגאָאיזם.

אין דער צווייטער נאַכט בין איך טאַקי פעסט איינגעשלאָפען אונטער'ן סקריפּ פון די שליטען-שינעס, אָבער פּלוצלונג בין איך אויפגעוועקט געוואָרען פון אַ שרעקליכער שטויסעניש. מיט גרויס מיה האָב איך מיך בעפרייט פון אונטער די צאַפּלענדיגע לייט, וואָס האָבען מיך בעגלייט און, צודריקענדיג זיך צו אַ ווינקעל, האָב איך אָנגעצונדען אַ זאַפּאַלקע. טשעפורניקאָוו, וואָס האָט שווער געסאָפּעט, האָט מיט אַלע כוחות געשטויסען פושניכ'ן, וועלכער האָט זיך, ווי זיין טבע איז, משונה

געקרימט און נישט געוואוסט, וואָס מיט איהם קומט־פאָר.

—וואָס טהוט איהר, טשעפּורניקאָוו?—האָב איך מיך אָנגע־רופען און אַ כאַפּ געטהאָן דעם אונטער־אָפיציר פאַר דער האַנד.

אָבער טשעפּורניקאָוו איז שוין געקומען צו זיך.

—גאָט איז מיט אונז!..—האָט ער אַרויסגעזאָגט, זיך געגומען צלמ'ען און, אַ פער'חדוש'טער, אָנגעקוקט זיין חבר.

דאָס שוועבעלע איז אויסגעלאָשען געוואָרען. טשעפּורניקאָוו האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף זיין אָרט.

—אָט אַ כאָלערע!—האָט ער אַרויסגעזאָגט פערשעמט.

—אָבער... פאַרוואָס שלאָגסטו זיך, האַ?—האָט פּושניך גע־פרעגט מיט אַ בעליידיגטען קול.

—געהט צו אַלדע שוואַרציאָהר! אַלץ דער טשערקעס. אַפילו אין חלום לאָזט ער נישט צורוה. דער פערשאָלטע־נער!..

אין אַ מינוט אַרום האָט ער צוגעגעבען מיט גאַל:

—מיינט איהר אפשר, אַז איך וועל אייך עפּיס געבען פון דער עקאָנאָמיע. איך וועל אייך גאָרנישט געבען! ווען איך וואָלט געהאַט אַ רעכטען חבר, וואָלטען מיר שוין איצט געהאַט אַ רעכטע מטבע.

אינדערפריה, שוין צופאָהרענדיג צו דער סטאַנציע, האָב איך מיך ווידעראַמאָל אויפגעכאַפּט. טשעפּורניקאָוו איז נישט געשלאָפען אין האָט געקוקט אין וואָגען־פענסטערל, וואָס ער האָט אַראָבגעלאָזט ביז אַ העלפט. דערזעהן, אַז איך האָב גע־עפענט די אויגען, האָט ער אָנגעהויבען ריידען:

—ניין, דאָס איז אונמעגליך געווען. מען האָט פּשוט גע־מוזט ריזיקירען מיט'ן לעבען... כאַפּט איהם דער רוח מיט'ן געלד צוזאַמען... בשעת איך בין צוגעגאַנגען צו זיין וואָגען, האָב איך דאָרט געזעהן זיצען אַ באַבע. און איהר וועט גלויבען—זי האָט געהאַלטען רעוואָלווערן און קינזשאַלען—פונקט ווי אַני־אָנגעלאָדענער האַרמאַט איז זי געזעסען... און ווי אַ סאָווע האָט זי פון וואָגען אַרויסגעקוקט... דאָס איז דיר שוין איין מאָל אַ פּאָלק!..

איך האָב אַ קוק געטאָן אין דרויסען. דער שניי האָט נאָך געשאָטען אין געשאָטען, אין לופטען איז געווען ווייס. הינטער די בערג איז שוין אויפגעגאַנגען די זון, אָבער דאָ, אין טיפען טאָל, האָט זיך דאָס ליכט קוים אַדורכגעשלאָגען, און דאָס פינ-סטערניש האט געבלייכט. דער וואָגען האָט זיך אומגעוויגט און געזונקען אין דעמדאָזיגען שניי-ים, און עס וואָלט געווען שווער זיך פאָרצושטעלען, אַז מיר בעוועגען זיך פאָראויס, ווען נישט די שפיצען פונ׳ם הויכען ברעג-באַרג, וואָס זענען שטיל גע-שוואומען צוריק און פאַר די אויגען האָבען זיך פונאַנדערגעוויקעלט אַלץ נייע און נייע לאַנדשאַפטען...

און דער שניי האָט אַלץ געשאָטען און בעדעקט די ערד, און דאָס האַרץ איז דורכגענומען געוואָרען מיט אַ שווערען וועה, אין קאָפּ האָבען זיך אַרומגעדרעהט מרה-שחורה׳דיגע געדאַנקען, עהנליך צו דידאָזיגע מרה-שחורה׳דיגע בערגלעך אויפ׳ן וועג...

דאָס אָרלערל.

דאָס אָדלערל.

...מיין מיטוואוינער איז אַוועקגעפאָהרען, איך האָב בע-דאַרפט אַליין שלאָפען אין אונזער יורטע.

אַרבייטען האָט זיך נישט געוואָלט. האָב איך נישט אָנגע-צונדען קיין פייער און, האַלב-ליגענדיג אויף מיין געלעגער, האָב איך מיך אָבגעגעבען די שווערע שפּירונגען פון שטילקייט און פינסטערניש ביז דער קורצער צפון-טאָג האָט גע׳גוסס׳עט אין׳ם קאַלטען נעבעל. די לעצטע שוואַכע שטראַהלען זענען בּיסלעכווייז אַוועק דורכ׳ן אייז-פענסטער פון דער קליינער יור-טע. פון די ווינקלען איז אַרויסגעקראָכען אַ טיפע פינסטערניש און האָט בעהאָנגען די אָנגעבּויגטע ווענד, און דידאָזיגע ווענד, האָט זיך געדאַכט, האָבען זיך שטאַרק צונויפגערוקט איבער׳ן קאָפּ. עס האָט זיך אויך געדאַכט, אַז דער אומגעלומפּערטער שר פון דער יאַקוטישער וואוינונג ציהט ברייט אויס די הענד אַנט-קעגען דער פינסטערניש, פונקט ווי אין אַ שווייגענדיגען קאַמף... נאָר אָט זענען די נעבעלהאַפטע קאָנטורען פערשוואונדען... עס איז פינסטער... בלויז אין דריי ערטער האָבען שטיל געשימערט צושוואומענע פאָספאָרישע פלעקען. דאָס האָט דער טויטענ׳יגער יאַקוטישער פראָסט שטאַרק אַריינגעקוקט דורך די אייז-פענ-סטערלעך.

מינוטען, שעה׳ן זענען שווייגענדיג געשוואומען איבער

מיין קאָפּ. און איך האָב מיך גאָרנישט געכאַפּט, ווי אַזוי עס האָט זיך אַריינגעגנב׳עט יענע שרעקליכע שעה, בשעת די בענקשאַפט בעהערשט אַזוי דאָס האַרץ, בשעת דער פערוואָרפענער ווינקעל ווירקט אַזוי שווער מיט זיין חושך און קעלט, בשעת עס שטעהען־אויף אין אונרוהיגען דמיון די אַלע הויכע, נישט־דורכגעהענדיגע בערג, וועלדער, אונענדליכע סטעפּעס, וואָס ליגען צווישען דיר און דעם אַלעם, וואָס איז טייער און ווייט און וואָס ציהט דיך און וואָס ווערט איינגאַנצען פערשוואונדען פון אויג אין דערדאָזיגער שעה, שווימענדיג ערגעץ אין אַ טונקעלער ווייטקייט, ווי אַ גוסס פייערל פון אַנ׳אָבגעשטאָרבענער האָפנונג... און דער דערשטיקטער וועה, ערגעץ טיף אין האַרצען בעגראָבען, הויבט איצט אויף דרייסט דעם קאָפּ און אין דער טויטער שטילקייט און חושך שעפּטשעט ער דייטליך שרעקליכע ווערטער: „אויף אייביג, אויף אייביג אין דעמדאָזיגען קבר...“

אַ לייכט בעטענדיג וואָיען האָט זיך דערטראָגען צו מיר דורכ׳ן קוימען פון דעם פלאַכען דאַך און האָט מיך אַרויסגעפיהרט פון מיין פערגליוועררונג. דאָס איז מיין קלוגער פריינד, מיין טרייער הונד צערבער, וואָס איז דערפראָהרען געוואָרען אויף זיין שמירה־פּונקט און האָט איצט געפרעגט, וואָס איז מיט מיר און פאַרוואָס צינד איך נישט אָן קיין פייער אין אַזאַ שרעקליכען פראָסט.

איך האָב מיך בעוועגט און דערפיהלט, אַז איך פאַל פון די כוחות אינ׳ם קאַמף מיט׳ן שטיל־שווייגען און פינסטערניש און האָב בעשלאָסען אָנצונעהמען אַ רעטונגסמיטעל, וואָס האָט זיך דאָ טאַקי געפונען אונטער מיינע הענד. דאָסדאָזיגע מיטעל איז דער גאָט פון דער יורטע, דאָס מעכטיגע פייער.

די יאַקוטען הערען קיינמאָל נישט אויף צו הייצען און דעריבער האָבען זיי גאָרנישט קיין מיטעל צו פערמאַכען דעם קוימען. מיר אָבער האָבען יאָ אויסגעפונען אַזאַ מיטעל, אונזער קוימען ווערט פערמאַכט פון דרויסען און יעדעס מאָל

בעדאַרף מען דערצו אַרויפקריכֿען אויף דער פלאַכֿען דאַך פון דער יורטע.

איך בין אַרויפגעקראָכֿען אויפ׳ן דאַך דורך די טרעפּעלעך, וואָס זענען אויסגעטראָטען געוואָרען אין שניי, מיט וועלכֿען די גאַנצע יורטע איז בעשאָטען געוואָרען פון אויבען ביז אַראָב. אונזער יורטע איז געשטאַנען אין עק פון ישוב, אין אַ זייט. געוועהנליך האָט מען פון אונזער דאַך געקאָנט זעהן דעם גאַנצען טאָל און די אַרומיגע בערג, צווישען וועלכֿע ער איז געלעגען איינגעשלאָסען, און די פייערלעך פון די יורטעס, וואו עס האָבען געוואוינט די רעשטלעך פון די רוסישע קאָלאָניסטען, וואָס זענען יאַקוטען געוואָרען און אויך פערשיקטע טאָטערן. אָבער איצט איז דאָס אַלץ דערטרונקען געוואָרען אין אַ גרויסען קאַלטען נעבעל. דער נעבעל איז געשטאַנען אונבעוועגליך, אויסגעפּרעסט פון דער לופט דורך אַ פערציג-גראַדיגען פראָסט און ער האָט זיך אַלץ שווערער געלעגט אויף דער שווייגענדיגער ערד. אומעטום האָט דאָס אויג אָנגעטראָפען אויף אַ פאָרמלאָזע גרויע טויטע מאַסע און בלויז אין דער הויך, ערגעץ ווייט, ווייט, איז געהאַנגען אַן׳איינזאַמער שטערען, וואָס האָט דורכֿגעשניטען די קאַלטע לופט מיט אַ שאַרפען שטראַהל.

אַלץ אַרום איז אָבגעשטאָרבען. דער באַרגיגער ברעג פון טייך, די אָרימע יורטעס פון ישוב, דאָס קליינע קלויסטערל, די ווייטע גלאַטקייט פון די פעלדער, דער טונקעלער פאַס פון דער טייגע,—דאָס אַלץ איז פערטרונקען געוואָרען אין אַן׳אונענדליכֿען נעבעלדיגען ים. דער דאַך פון דער יורטע מיט זיין פשוט׳ען קוימען פון ליים, וואו איך בין געשטאַנען מיט׳ן הונד, וואָס האָט זיך שטאַרק צוגעטוליעט צו מיינע פיס, האָט אויסגעזעהן, ווי אַן׳אינזעל, איינגעשלאָסען אין אַן׳אונענדליכֿען אָקעאַן... אַרום איז טויט-שטיל... קאַלט און נישט היימליך... די נאַכֿט, אָנגעזאַפּט מיט אָנגעשטרענגטען פּחד, האָט פערהאַלטען דעם אָטעם.

צערבער האָט שטיל און יתומ׳דיג געוואָיעט. דער אָרימער כּלב האָט זיך, אַפּנים, אויך געשראָקען פאַר דעם שטאַרק-זערענדיגען פראָסט, וואָס האָט אַלץ אָבגעטויט. ער האָט זיך

צוגעטוליעט צו מיר, אויסגעצויגען פערטראַכט זיין שאַרפען פיסק, אויסגעשטעלט די אויערן און טיף אָנגעקוקט די גרויע פיסטערניש.

פלוצלונג האָט ער אַ פיהר געטהאָן מיט די אויערן און גענומען וואָרטשען. איך האָב מיך צוגעהערט. לכתחילה איז אַלץ געווען שטיל, ווי פריהער. שפעטער אָבער האָט זיך אין דער אָנגעשטרענגטער שטילקייט דערהערט אַ קלאַנג, אַ צווייטער, אַ דריטער... אין דער פראָסטיגער לופט האָט זיך פון וויטען דער-טראָגען די טופעריי פון אַ פערד, וואָס לויפט ערגעץ אויף אַ לאָנקע.

איך האָב אַ טראַכט געטאָן וועגען דעם אייזאַמען רייטער, וואָס לויט דער שוואַכער טופעריי פונ׳ם פערד, האָט ער נאָך געהאַט ביי אַ דריי ווייאָרסט ביז׳ן ישוב, און בין באַלד אַראָבגעלאָפען פון דאַך דורך דער קרומער וואַנד און אַריין אין דער יורטע. זיין ביי אַ מינוט מיט אַנ׳אָפענעם פנים אין דער פראָסטיגער לופט האָט ממש געגראָזיעט מיט אַנ׳אָבגע-פראָהרענער נאָז אָדער באַק. צערבער האָט אַרויסגעלאָזט אַ הוי-לען איילינגען ביל אין דער ריכטונג פונ׳ם רייטער און איז אַוועק מיט מיר.

אין קאַמינדעל, וואָס האָט ברייט און שוואַרץ געקוקט אין מיטען יורטע, האָט באַלד אויפגעפלאַמט אַ פייערל פון אַ קיהנדעל, וואָס איך האָב אָנגעצונדען. צו דעמדאָזיגען פייערל האָב איך צוגעוואָרפען טרוקענע שטיקעלעך האָלץ און באַלד האָט זיך אינגאַנצען געענדערט מיין וואוינונג. די טויט-שטילע יורטע איז פלוצלונג אָנגעפילט געוואָרען מיט געפילדער און קגאַקעריי. מיט הונדערטער צינגער איז דאָס פייער געלאָפען צווישען די שייטלעך האָלץ, אַרומגעכאַפט זיי, געשפילט מיט זיי, געשפרונגען, געקלאַפט, געטרוישט און געקנאַקט. עפיס ליכטיגס, לעבעדיגס, איילינגס און פלאַפעלדיגס האָט זיך אַריינגעריסען אין יורטע און געכאַפט אַ קוק אין אַלע ווינקלעך און שפאַרונעס. טיילמאָל איז אַנטשוויגען געוואָרען דאָס טראַסקענדיגע און גוט-פונאַנדערגעברענטע פייער. דעמאָלט האָב איך געהערט, ווי די

פונקען, וואָס זענען אַרויסגעלאָפען פונ׳ם קורצען און גליי־כ̄ען קוימען, האָבען געראַשט און געקנאַקט אינ׳ם פּראָסטיגען דרויסען, אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט שוין דאָס פייער פון דאָסניי געשפּילט און אין דער יורטע האָט מען געקאָנט הערען עפּעס איפּרייסען, פונקט ווי רעוואָלווערשאָסען.

איצט האָב איך מיך שוין נישט געשפּירט אַזוי איינזאַם, ווי פריהער. אַלץ, האָט אויסגעוויזען, בעוועגט זיך, שמייעט, רעדט און טאַנצט אַרום מיר. די אייז־פענסטער, וואָס מיט אַ מינוט צוריק האָט אין זיי אַריינגעקוקט אַ פּראָסטיגע נאַכ̄ט, האָבען איצט געגלאַנצט און געלויכ̄טען מיט די פאַרבען פון די פלאַמען, פונקט ווי בריליאַנטען. אַ בעזונדער תענוג האָב איך געפונען אין געדאַנק, אַז אין דער פינסטערניש פון דער קאַלטער נאַכ̄ט לייכ̄ט מיין איינזאַמע יורטע מיט איהרע אייז־פענסטערלעך, און, ווי אַ קליינינקער וואולקאַן, שיט זי גאַנצע סנאָפּעס פונקען, וואָס ציטערן און דער לופט צווישען קנוילען ווייסען רויך.

צערבער האָט זיך אַנידערגעזעצט געגען קאַמין און אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגען צום פייער. אונבעוועגליך איז ער געזעסען, ווי אַ ווייסע סטאַטוע. צייטענווייז קעהרט ער אום דעם קאָפּ צו מיר און אין זיינע קלוגע אויגען לייען איך אַרויס דאַנקבאַרקייט און ליבע. שווערע טריט סקריפּען אויפ׳ן הויף ביי דער וואַנד, אָבער צערבער איז רוהיג און גיט נאָר אַזוי, פון יוצא־וועגען אַ ריטשע. ער ווייס, אַז דאָס זענען אונזערע פערד, וואָס זענען ביז אַהער געשטאַנען ערגעץ אונטער אַ צוים, מיט פער־לעגטע אויערן און ציטערנדיג פון קעלט, אַרויס צום פייער, זיך אַנידערגעשטעלט ביי דער וואַנד און קוקען אויף די פרעה־ליך שפּרינגענדיגע פונקען און אויף דער ברייטער לענטע פון וואַרימען ווייסען רויך.

אָבער אָט האָט דער הונד מיט עפּיס אַ נישט־ניחא׳דיגקייט זיך אָבגעקעהרט פון פייער און גענומען וואָרטשען; אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר. איך האָט איהם אַרויסגעלאָזט און בשעת ער האָט ווילד אַרומגע־

טאַנצט און גענומען בילען אויף זיין געוועהנליכען שמירה-פּאָסט, אויפ׳ן דאַך, האָב איך געכאַפּט אַ קוק פון פּאָרהויז אין דרויסען. אַפּנים, אַנ׳איינזאַמער וועג-מענש, וואָס זיין דערנעהנ-טערונג האָב איך נאָך פריהער געהערט אין דער טויט-שטילער פּראָסטיגער נאַכט, האָט געוואָרפען אַנ׳אויג אויף מיין פרעהלי-כען פייער. איצט האָט ער פונאַנדערגערוקט די ברעטער פון מיין טויער, אַריינצופיהרען אין הויף אַריין זיין געזאָמעלט און מיט פעק בעלעגט פערד.

איך האָב נישט אָבגעוואַרט קיין בעקאַנטע. אַ יאַקוט וואָלט בכלל נישט געקומען אַזוי שפּעט אין אַ ישוב, און וואָלט ער יאָ געקומען, וואָלט ער זיכער געוואוסט, וואו עס וואוינען זיינע דאָגאָרעס*) און וואָלט נישט פערפאָהרען אַהין, וואו ער האָט געזעהן אַ פייער. דאָס מוז זיין, האָב איך מיר געטראַכט, אַ קאָ-לאָניסט. אין אַ געוועהנליכער צייט האָבען מיר זיך גאַנץ וועניג געפרעהט מיט אַזוינע געסט, אָבער איצט איז אַ לעבעדיגער מענש זעהר געוואונשען געווען. איך האָב געוואוסט, אַז באַלד וועט אויסגעהן דאָס פרעהליכע פייער; דער פלאַם וועט פויל און מיד זיך צוציהען איבער דעם אויסגעברענטען האָלץ, אַ קו-פּע קויהלען וועט פערבלייבען, און אַלץ שטילער, אַלץ זעל-טענער וועלען איבער דידאָזיגע קויהלען, שיפּענדיג, אַדורכ-לויפען פייערדיגע שלענגעלעך... אַ טויט-שטילע פינסטערניש וועט ווידעראַמאָל אַרומכאַפּען די יורטע און דאָס האַרץ וועט פון דאָסניי אָנגעגאָסען ווערען מיט בענקעניש. דאָס קאַמינדעל וועט קוקען אינדערפינסטער מיט אַ שוואַכען פונק אונטער אַ בערגעל אַש, פונקט ווי מיט אַ האַלב-אָפענעם אויג—אַ פּאָר מאָל וועט דאָס אויג אַ קוק טאָן און... אַנטשלאָפען ווערען. און ווי-דער וועל איך בלייבען אַליין. אַליין אין אַ לאַנגער בענקענדי-גער און אונענדליכער נאַכט.

עס איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלען, אַז מיר קאָן נאָך

*) דאָגאָר—פריינד, חבר

אויסקומען צו פערברענגען אַ נאַכט מיט אַ מענשען, וואָס זיין עבר איז בעפלעקט מיט בלוט. סיביר געוועהנט-צו צו זעהן אינ׳ם רוצח אויך אַ מענשען, און כאָטש די נאָהנטע בעקאַנשאַפט דערלויבט נישט בעזונדערס צו אידעאַליזירען דעם „גע-בעכל,״ וואָס האָט אויפגעבראָכען שלעסער, אַרויסגע׳גנב׳עט פערד אָדער אויסגע׳הרג׳עט מענשען אין אַ פינסטערער נאַכט, דאָך דערלויבט זי, דידאָזיגע בעקאַנשאַפט זיך צו אָריענטירען אין די פערוויקעלטע מענשליכע כונות און מעשים. אַ רוצח בעשעפטיגט זיך דאָך נישט בלויז מיט רציחות, ער לעבט דאָך אויך און פיהלט דאָך אויך דאָס אייגענע, וואָס אַלע אַנדערע מענשען, און אַודאי שפירט ער אַ דאַנקבאַרקייט צו דעם, וואָס האָט איהם געגעבען אַנ׳אָבדאַך אין אַ פראָסט און זאַווערוכע. אָבער בשעת מיר פלעגט אויסקומען צו מאַכען אין דערדאָזיגער סביבה אַ נייע בעקאַנטשאַפט און דער בעקאַנטער האָט געהאַט בעת-מעשה אַ געזאָטעלט פערד און און אויפ׳ן זאָטעל האָבען זיך געבאָמבעלט פעקלעך, האָט די אָנגעהעריגקייט פון פערד אַרויסגערופען ספקות אין מיר און די פעקלעך האָבען דערוועקט געוויסע מחשבות וועגען דעם, ווי אַזוי, אויף וואָס פאַר אַ שטייגער זיי זענען דערוואָרבען געוואָרען.

די שווערע יורטע-טיר, וואָס איז געווען בעשלאָגען מיט פערדען-פעל, האָט זיך אויפגעהויבען אויף דער קרומער וואַנד. פון דרויסען האָט אַ זעץ געטאָן אַ פאַרע און אַנ׳אונבעקאַנטער מענש איז צוגעגאַנגען צום קאַמינדעל. דאָס איז געווען אַ הויכער, סאָלידער און ברייטביינעגער מאַן. שוין אויפ׳ן ערשטען קוק האָט מען געקאָנט בעמערקען, אַז דאָס איז נישט קיין יאַקוט, הגם געטראָגען האָט ער יאַקוטישע מלבושים. אויף די פיס האָט ער געהאַט „טאָרבאַטען״ פון שניי-ווייסען פערדען-פעל. די ברייטע אַרבעל פון דער יאַקוטישער סאָנאַ*) האָבען זיך פאַל-

*) סאָנאַ — אַנ׳אויבער-בגד, אַ מין פוטער, קאָסטען א. ד. גל.

דענווייז אויפגעהויבען אויפ'ן אַקסעל ביז איבער די אויערן. דער קאָפּ און האַלז זענען אַרומגעוויקעלט געווען מיט אַ גרוי־סען שאַרף, וואָס זיינע עקען זענען געווען פערבונדען אַרום דער טאַליע. דער גאַנצער שאַרף מיט דער שפּיציגער קוטשמע, וואָס האָט געשטעקט איבער איהם, איז געווען בעזייהט מיט שטיקעלעך אייז.

דער אונבעקאַנטער איז צוגעגאַנגען צום קאַמינדעל און האָט אונגעשיקט, מיט האַלב־פערגליווערטע הענד פון פראָסט גע־נומען פונאַנדערבינדען דעם שאַרף, נאָכדעם די רימענדלעך פון דער קוטשמע. בשעת ער האָט אַראָבגעוואָרפען אויפ'ן אקסעל זיין באַשליק, האָב איך דערזעהן אַ יונג, פון פראָסט פערדרויסעלט פּנים פון אַ מאַן, וואָס האָט בעדאַרפט אַלט זיין אַ יאָהר דריי־סיג. זיינע גרויסע און שאַרפע פּנים־שטריכען האָבען געהאַט יע־נעם אויסדרוק, וועלכען איך האָב עפטער בעמערקט ביי די סטאַראָסטעס פון די אַרעסטאַנטען־אַרטעלען און בכלל ביי די אַלע מענשען, וואָס זענען זעהר חשוב און שטאַרק אין זייער סביבה און וואָס אין דער אייגענע צייט אָבער מוזען זיי זיך האַלטען פאָרזיכטיג מיט זייטיגע מענשען. זיינע שוואַרצע אויס־דריקספולע אויגען האָבען געוואָרפען שנעלע קורצע בליקען. דער אונטערשטער טייל פון געזיכט איז געווען עטוואָס אַרויס־גערוקט—אַ סימן פון אַ היציגער ליידענשאַפטליכער נאַטור, אָבער דער בראָדיאַגע (פון מאַנכע כאַראַקטעריסטישע שטריכען, גאַנץ אונבעמערקליכע פאַר'ן אויג, האָב איך משער־געווען, אַז מיין גאַסט איז אַ בראָדיאַגע) איז שוין לאַנג געוועהנט איינצוצוימען זיין היץ. בלויז דאָס לייכטע צוקען מיט דער אונטערשטער ליפּ און דאָס נערווען־שפּיל פון די מוסקולען האָבען צייטענווייז אָנגעוויזען אויף דעם אָנגעשטרענגטען אינערליכען קאַמף.

די אויסגעמאַטערטקייט, די פראָסטיגע נאַכט און אפשר אויך די בענקשאַפט, וואָס אַנ'איינזאַמער וועג־מענש לעבט־אי־בער, בשעת ער שלאָגט זיך דורך אַ וועג אין אַ געדיכטען נע־בעל.—דאָס אַלץ האָט עטוואָס אויסגעווייכט די שאַרפע שטריכען פון זיין געזיכט; אויף זיינע ברעמען און שוואַרצע אויגען האָט

זיך בעוויזען עפּיס אַנ'אויסדרוק פון אַנגסט, וואָס האָט זעהר האַרמאָנירט מיט מיין שטימונג אין דעמדאָזיגען אָוועגד און האָט מיר גורם-געווען עפּיס אַנ'אונגערנדיגע סימפּאַטיע צו דעם אונבעקאַנטען גאַסט.

ער האָט זיך מעהר נישט אויסגעטהאָן, נאָר צוגעבויגט צום קאַמינדעל און אַרויסגענומען פון קעשענע אַ לולקע.

—גוט-ג'אָוועגד, מיין הער!—האָט ער געזאָגט און אויסגעקלאַפּט די לולקע אין ווינקעל. אין דער אייגענער צייט האָט ער מיך אויפמערקזאַם אָנגעקוקט פון דער זייט.

—גוט-ג'אָוועגד,—האָב איך געענטפערט און אויך בעת-מעשה שאַרף אָנגעקוקט די אונבעקאַנטע פיגור.

—איהר זאָלט מיר ענטשולדיגען, וואָס איך בין אַזוי פשוט אַריין צו אייך. איך וועל מיך נאָר אַ ביסעל דערוואַרימען און פעררויכערן די לולקע—וועל איך נאָכדעם אַוועקפאָהרען, מחמת איך האָב דאָ נישט ווייט, ביי אַ צוויי וויאָרסט פון דאַנען, בעקאַנטע, וואָס וועלען מיך אויפנעהמען אין יעדער צייט.

אין זיין קול האָט זיך געשפּירט די אייגנעהאַלטענקייט פון אַ מענשען, וואָס וויל נישט בעלעסטיגען דעם צווייטען. נאָכדעם האָט ער מיך פון דאָסניי בעשטאָכען מיט עטליכע קורצע בליקען, פּונקט ווי ער וואָלט אָבגעוואַרט דער.יף, וואָס איך וועל זאָגען און, לויט דעם, איינשטעלען די ווייטערדיגע בעציהונגען. „ווי דו וועסט זיך בעגעהן מיט מיר, אַזוי וועל איך מיך בעגעהן מיט דיר,”—האָבען, דאַכט זיך, אויסגעדריקט דידאָזיגע דורכדרינגליכע קאַלטע בליקען. די מאַנירען פון מיין גאַסט זעגען יעדענפאַלס געווען אַנ'אָנגענעהמער קאָנטראַסט געגען דער קריכערישקייט פון אַ יאַקוטישען קאָלאָניסט, הגם איך האָב גאַנץ גוט פערשטאַנען, אַז ווען ער וואָלט נישט גערעכענט צו שלאָפען ביי מיר, וואָלט ער דאָס פערד נישט אַריינגעפיהרט אין הויף, נאָר ער וואָלט עס צוגעבונדען צום פּאַרקאַן.

—ווער זענט איהר?—האָב איך אַ פרעג געטאָן,—און ווי רופט מען אייך?

—מיך, מיינט איהר? מען רופט מיך באַגילאַי, אָבער

אויף דעם אָרטיגען לשון, אויף רוסיש הייס איך וואַסילי... אפשר האָט איהר געהערט? פון באַיאַגטאַאישען אולוס

—פון אוראַל זענט איהר, אַ בראָדיאַגע?

—נו, אָט-אָט. דאָס בין איך טאַקי. האָט איהר מסתמא געהערט וועגען מיר.

אויף די ליפען פון דעם אונבעקאַנטען האָט זיך אַ דורכגע׳גנב׳עט אַ צופרידען שמייכעלע.

—יאָ, איך האָב געהערט פון נ. נ. איהר האָט דאָך געוואוינט מיט איהם אין שכנות.

—הער נ. נ. קאָן מיך זעהר גוט.

—נו, דאָס טוט מיר זעהר הנאָה, איהר זענט אַ גוטער נאַסט ביי מיר. איהר קאָנט דאָ נעכטיגען, אַגב בין איך אַליין. יר וועלען שטעלען דעם סאַמאָוואַר.

דער בראָדיאַגע האָט גאַנץ גערן אָנגענומען מיין איינלאַדונג.

—איך דאַנק אייך, מיין הער! אויב איהר ווילט, וועל איך דאָ פערבלייבען. מען בעדאַרף אָבער אַראָבנעהמען די פעקלעך פון זאָטעל און אַריינטראָגען אין כאַטקע. דאָס פערד האָב איך אַפילו צוגעבונדען אויפ׳ן הויף. דאָך איז עס גלייכער: דער עולם איז גאַנץ געשיקט ביי אייך אין ישוב, בעזונדערט די טאָטערן.

ער איז אַרויס אויפ׳ן הויף און איז באַלד צוריק אַריינגעקומען מיט צוויי פעק. פונאַנדערגעבונדען די רימענס, האָט ער אַרויסגענומען פון דאָרטען זיין פראָוויאַנט, וואָס ער האָט געפיהרט מיט זיך: איינגעפראָהרען פוטער, איינגעפראָהרען מילך, עטליכע צעהנדליג אייער א. ד. גל. פון דעם אַלעם האָט ער אַ טייל פונאַנדערגעלעגט ביי מיר אויף די פאָליצעס, דאָס איבעריגע האָט ער אַרויסגעטראָגען אין פאָרהויז אויפ׳ן פראָסט—עס זאָל נישט צוגעהן. נאָכדעם האָט ער אַראָבגעצויגען פון זיך דעם שאַרף, פוטער און קאַפטאַן; אין אַרויטען העמד און הויזען פון בילביורעט (אַ מין פליס) האָט ער זיך אַנידערגעזעצט קעגען פייער.

—אָט, מיין הער,—האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ שמייכעל געטאָן,—איך וועל אייך זאָגען אָפענהערציג: איך פאָהר מיר אַזוי צו אייער טויער און טראַכט מיר בעת-מעשה: שוין-דשע וועט מען נישט לאָזען, איך זאָל דאָ איבערנעכטיגען? וואָרום איך פערשטעהט דאָך גאַנץ גוט: צווישען אונזערע חברה-לייט געפינען זיך דאָך אַזוינע, וואָס מען קאָן זיי נישט אַריינלאָזען אין אַ הויז. אָבער איך זאָג אייך באמת, אַז איך בין נישט פון די-דאָזיגע... איהר זאָגט דאָך, אַז איהר האָט געהערט וועגען מיר...

—איך האָב ווירקליך געהערט.

—נו, אָט-אָט! אָהן בעריהמעריי קאָן איך אייך זאָגען, אַז איך לעב עהרליך און פיין, איך האָב מיר אַ בהמה, אַן׳עקסעל פון דריי יאָהר, אַ פערד... איך בעאַרבייט די ערד, אַ גאָרטען...

דער בראָדיאַגע האָט עס גערעדט מיט אַ מאָדנעם טאָן און בעת-מעשה געקוקט, אַ פערטראַכטער, אין איין פינטעל אַריין, און ביי די לעצטע ווערטער האָט ער אַפילו אַ פיהר געטאָן מיט די הענד, פונקט ווי ער וואָלט זיך אַליין גע׳חדוש׳ט: זעה-נאָר, דאָס איז דאָך טאַקי אַן׳אמת, אַזוי איז עס דאָך טאַקי אין דער׳אמת׳ען.

—יאָ,—האָט ער ווייטער געזאָגט מיט דעמזעלבען טאָן,—איך אַרבייט! דאָס הייסט, איך אַרבייט ווי עס געהער צו זיין, טאַקי ווי גאָט האָט געהייסען. איך מיין טאַקי, אַז דאָס איז אַ סך גלייכער, איידער צו גנב׳ענען און נאָך ערגער—פערגיסען בלוט. אָט, אַ שטייגער, פאָהר איך ביינאַכט, דערזעה איך אַ פייער און פערפאָהר צו אייך... נו, ווייזט איהר מיר אַרויס אַכטונג, אַ סאַמאָוואַרל ווילט איהר שטעלען... איך בעדאַרף עס זעהר שעצען. איז עס דען נישט אַזוי?

—געוויס,—האָב איך בעשטעטיגט, הגם דער בראָדיאַגע האָט מעהר גערעדט צו זיך, ווי צו מיר און האָט זיך אַלץ געפרובט איבערצייגען אין די מעלות פון אַ רוהיגען לעבען.

חברים האָבען מיר באמת דערצעהלט וועגען איהם. דאָס איז געווען אַ בראָדיאַגע-קאָלאָניסט, וואָס האָט שוין צוויי יאָהר

גערוואוינט אין זיין כאַטקע, אין טייגע, איבער אַנ׳אָזערע אין אײנעם פון די גרויסע יאַקוטישע נאַסלעגען*). אין דער נישט־פעראַנטוואָרטליכער און פערלאָרענער קאָלאָניסטען־סביבה. וואו דער דלות איז גרויס, וואו מען בע׳גנב׳עט און בע׳גזל׳ט די נאַסלעגען, איז ער געווען אײנער פון די ווענינע, וואָס האָבען בעסער געוואָלט אַרבייטען, ווייל די אַרבייט האָט דאָך געגעבען אַ מעגליכקייט זיך אויפצוהויבען. בכלל גערעכט, זענען די יאַקוטען זעהר אַ גוטמוטיג פאָלק און אין אַ סך אולוסען עקזיסטירט דער מנהג גרינדליך אויסצוהעלפען די ניי־געקומענע קאָלאָניסטען. אמת, פון דערדאָזיגער הילף וואָלט דער מענש, וועלכער ווערט אײנגעשלאָסען אין די שווערע בעדינגונגען פון אַנ׳אונבעקאַנטען לאַנד, בעדאַרפט אָדער אײנגיכען אָוועקשטאַרבען פון הונגער און קעלט אָדער ווערען פשוט אַ גזלן. עס איז אויך אמת, אַז דידאָזיגע הילף ווערט גערנער אַרויסגעגעבען אין דער פאָרם פון הוצאות־הדרך און אַזויאַרום פטור־צו־ווערען פון אַ קאָלאָניסט, וואָס לאָזט זיך אַוועק צו די גאָלד־רודעס, פון וואַנען דער נישט־בעקוועמער בירגער קומט על־פי־רוב נישט צוריק. דאָך אָבער, בשעת אַ מענש וויל זיך ערנסט נעהמען צו דער אַרבייט, העלפען איהם די יאַקוטען זיך אַוועקצושטעלען אויף די פיס. וואַסילי האָט בעקומען פון נאַסלעג אַ כאַטקע און אַנ׳אָקס און דאָס ערשטע יאָהר האָט איהם די קהילה פערזייהט זעקס פוד תבאה. עס איז געווען אַ גוראָטען יאָהר. אויסערדעם, האָט ער זיך אויף גוטע בעדינגונגען אָנגעדונגען ביי די יאַקוטען צו שניידען היי, דערצו האָט ער נאָך צוגע׳מסחר׳ט מיט טאַבאַק און אין אַ צוויי יאָהר אַרום האָט זיך זיין בעל־הבתי׳שקייט אַ היבש ביסעל פערבעסערט. די יאַקוטען האָבען זיך בעצויגען צו איהם מיט גרויס חשיבות און

*) דאָס יאַקוטישע געביט ווערט אַדמיניסטראַטיוו געטיילט אויף קרייזען, עהנליך צו אויעזדען. די קרייזען, ווידער, ווערען געטיילט אויף אולוסען און די אולוסען אויף נאַסלעגען

די קאָלאָניסטען האָבען איהם גערופען אין די אויגען וואַסיל איוואַנאָוויטש און אונטער די אויגען—וואַסקע. די פּאָפּען, אַז זיי פאָהרען־אַרויס אין זייערע ישובים, פערפאָהרען גערן צו איהם, אָדער זיי לאַדען איהם איין צום טיש, ווען ער קומט צו זיי. ער האָט אויך געפיהרט בעקאַנטשאַפט מיט אונזערע ברידער, אינטעליגענטע מענשען, וואָס דער מזל האָט זיי פערוואָרפען אין דעמדאָזיגען העק. ער האָט, אַלזאָ, זעהר גוט געלעבט און האָט נאָר בעדאַרפט חתונה־האָבען. דאָ איז אַפילו פאַרהאַן אַ קליינע מניעה, מחמת מיט בראָדיאַגעס מאַכט מען נישט געוועהנליך די חתונה־צערעמאָניעס. אָבער גראָד דאָ האָט מען עס געקאָנט דורכפיהרען פאַר אַ ביסעל געלד, פאַר אַ קעלבעל אָדער אַ יונג פערדעל.

פונדעסטוועגען, אַז איך האָב מיך בעסער צוגעקוקט צו דעם ענערגישען געזיכט פונ׳ם יונגען בראָדיאַגע, האָב איך אַלץ מעהר און מעהר בעמערקט אין איהם עפּיס אויסטערלישעס. איצט איז מיר שוין דאָס פּנים נישט אַזוי געפעלען געוועזען, ווי אין דער ערשטער מינוט, דאָך אָבער האָט עס נאָך אַלץ געמאַכט אַנ׳אָנגענעהמען איינדרוק. די טונקעלע אויגען האָבען עפּטער געקוקט פערטראַכט און קלוג; די געזיכטס־שטריכען האָבען אויסגעדריקט ענערגיע; די מאַנירען זענען געווען פרייע; אין זיין טאָן האָט זיך געשפּירט די בעפרידענדיגע אייגענליבע פון אַ שטאָלצער נאַטור. טייל מאָל בלויז פלעגט נערוועאיש אויפציטערן דער אונטערשטער טייל פון זיין פּנים און דער גלאַנץ פון די אויגען פלעגט זיך אויסלעשען. עס איז געווען קענטיק, אַז באַגילאַי׳ען קאָסט עטוואָס אָנשטרענגונג דאָס האַלטען זיך ביי דעם רוהיגען טאָן, דורך וועלכען עס האָט זיך עפּיס געוואָלט דורכרייסען, עפּיס ביטערס, וואָס איז דערשטיקט געוואָרען דורך דער אָנשטרענגונג פון ווילען...

פון אָנהויב האָב איך בשום־אופן נישט געקאָנט אָנטאַפּען, וואָס דאָס איז אַזוינס. איצט אָבער ווייס איך. דער געוועהנטער בראָדיאַגע האָט זיך אָבגעגעאַרט: ער האָט זיך איינגעשמועסט, אַז ער איז צופרידען מיט זיין רוהיגער עקזיסטענץ,

מיט זיין הייזעל און בהמה׳לע, מיט זיין דריי-יעהריגען עקסעל און דער אַרומיגער אַכטונג. טיף אין דער נשמה האָט ער גע-וואוסט,—הגם ער האָט זיך געסטאַרעט צו דערשטיקען דאָס-דאָזיגע בעוואוסטזיין—אַז דאָס איז אַ גרוי לעבען, אַ קאַלט נישט פריינדליך לעבען אינדערפרעמד, וואָס איז גאָרנישט צוגעפּאַסט צו איהם. ערגעץ טיף אין דער נשמה האָט איהם געראופען די טייגע, און די פערפיהרערישע און אָבנאַרענדיגע וויטקייט האָט איהם געצויגען פון דער גרויער וואָכענדיגקייט. אַזוי האָב איך מיר שפּעטער דערקלערט דעמדאָזיגען שטריך, אָבער דעמאָלט האָב איך בלויז געזעהן, אַז דעם בראָדיאַגע, כאָטש ער איז רוהיג, פייניגט עפּיס שטאַרק און עפּיס ברעכט זיך אַדורך פון אויסען...

בשעת איך האָב מיך געטענטעלט מיט׳ן סאַמאָוואַר, איז וואַסילי געזעסען ביים קאַמינדעל און פערטראַכט געקוקט אויפ׳ן פייער. אַז אַלץ איז פאַרטיג געוואָרען, האָב איך איהם אַ רוף געטאָן.

—אַ דאַנק אייך, מיין הער,—האָט ער אַ זאָג געטאָן און זיך אויפגעהויבען.—אַ וואַרים וואָרט איז מיך פשוט מחיה. אַך, מיין הער, מיין הער!—האָט ער זיך פּלוצלונג אָנגערופען מיט גרויס ברען.—וועסט מיר גלויבען, אַז איך האָב דערזעהן דיין פייערל, האָט מיר דאָס האַרץ גענומען טאַנצען. איך זאָג דיר אָפענהערציג! וואָרום איך האָב געזעהן: ביי אַ רוסישען ברענט דאָסדאָזיגע פייערל... איבער פעלדער בין איך געפאָהרען... אַ פראָסט און אַ חושך... ערגעץ אין דער זייט רויכערט זיך אַ יורטע און דאָס פערד ציהט אַהין, ציהט צו דער יורטע... נאַ-טירליך, אַ יאַקוטיש פערד... אָבער זיי זענען מיר נישט ניחא. נו, וואָס קאָן זי מיר געבען, דידאָזיגע יורטע? אָבער אַז איך האָב דערזעהן דיין פייער, האָב איך באַלד אַ טראַכט געטאָן: אָט וואוהין מען בעדאַרף פערפאָהרען, אויב ער וועט באָר אַריינלאָזען... אַ יישר, וואָס דו האָסט מיך נישט אַדורכגעטרי-בען... וועסטו זיין אין אונזער נאַסלעג, זאָלסטו זיך אָבשטעלען

ביי מיר. מיט דעם גרעסטען פערגעניגען: עס וועט זיך שוין געפינען כיבוד אויך פאַר דיר, גאָט צו דאַנקען! איך וועל דיך אויפנעהמען פיין און עהרליך!

II.

אָבגעטרונקען טיי, האָט וואַסילי זיך ווידעראַמאָל אַנידער-
געזעצט בייס קאַמינדעל. ער האָט נישט געקאָנט געהן שלאָפען,
ווייל ער האָט געמוזט אָבוואַרטען, דאָס פערד זאָל זיך אָבקיהלען,
איידער מען גיט איהם די פּאָרציע היי. אַ יאַקוטיש פערד איז
נישט בעזונדערס שטאַרק, דערפאַר אָבער פאָדערט עס נישט
קיין סך. דער יאַקוט פיהרט אויף איהם פוטער און אַנדער
עסענוואַרג; ער קומט מיט איהם אין די סאַמע ווייטעסטע ער-
טער, וואו מען זוכט גאָלד, אָדער אין דער טייגע צו די טונ-
גוסען, ביים ווייטען אוטשור, דורכגעהענדיג הונדערטער וויאָר-
סטען איבער אַזוינע ערטער, וואו מען קאָן גאָרנישט קלערען
פון היי. אַז דער יאַקוט קומט אויף נאַכטלאַגער אין דער וויל-
דער טייגע, שאַרט ער פונאַנדער דעם שניי, פערלעגט אַ פייער
און די געפּענטעטע פערד לאָזט ער געהן אין דער טייגע.
דאָס גענייטע פערד בעקומט שוין אַרויס פון אונטער'ן שניי
די פאַראַיאָהריגע גראָזען און איינדערפריה איז עס שוין ווידער

גרייט אין שווערען וועג אַריין. דאָס יאַקוטישע פערד האָט אָבער אַ בעזונדער אייגענשאַפט: מען טאָר איהם נישט געבען צו עסען באַלד ווי ער קומט פון וועג; פאַר אַ נסיעה, ווידער, גיט מען איהם אויך נישט צו עסען אין אַ משך פון אַ מעת-לעת אָדער מעהר.

וואָסילי האָט בעדאַרפט אָבוואַרטען גאַנצע דריי שעה. איך האָב מיך אויך נישט געלעגט שלאָפען: מיר זענען געזעסען און זעלטען זיך דורכגעוואָרפען מיט אַ וואָרט. וואָסילי אָדער באַגילאַי, ווי ער רופט זיך לויט געוועהנהייט, האָט עפטער צו-געוואָרפען צום פייער אַ שייטעל האָלץ. דאָס איז שוין געווען זיינע אַנ׳אָרטיגע געוועהנהייט, וואָס ער האָט בעקומען אין די לאַנגע אָווענדען פונ׳ם יאַקוטישען ווינטער.

—וויט!—האָט ער פלוצלונג, נאָך אַ לאַנגען שווייגען, אַ זאָג געטאָן, פונקט ווי ער וואָלט געענטפערט אויף אַנ׳אייגענעם געדאַנק.

—וואָס זאָגט איהר?—האָב איך געפרעגט.

—אָט אונזער מדינה, רוסלאַנד... וואָס דו זאָלסט דאָ נישט נעהמען, איז עס אַלץ נישט, ווי ביי אונז. אָט, אַ פערד, אַ שטייגער. ביי אונז, אַז מען קומט מיט אַ פערד, איז די ער-שטע זאַך, דאַכט זיך, גיט מען איהם עסען, אָבער אַנ׳אָרטיג פערד וועט אַוועק׳פגר׳ען, ווען דו וועסט איהם געבען צו עסען באַלד ווי ער קומט פון וועג. און די היגע מענשען, אַ שטיי-גער: וואוינען אין וואַלד, פרעסען פערדענפלייש, רייה פלייש. און אַפילו נבלה, זאָל גאָט נישט שטראָפען פאַר די רייד, פרע-סען זיי אויך... טפו! פון חרפה און בושה ווייסען זיי נישט. געהמסטו-אַרויס אין אַ יורטע אַ בייטעלע מיט טאַבאַק, וועלען דיר אַלע, וויפיל מענשען עס זענען דאָ אין יורטע, אויסציהען אַ האַנד: גיב!

—נו, מילא, דאָס איז שוין אַזאַ מנהג ביי זיי,—האָב איך בעמערקט,—דערפאַר גיבען זיי אַליין אויך. אָט האָבען זיי אייך אויסגעהאָלפען אין אייער ווירטשאַפט.

—אמת, אויסגעהאָלפען.

—זענט איהר צופרידען מיט אייער לעבען?—האָב איך איהם אַ פּרעג געטאָן און אָנגעקוקט דעם בראָדיאַגע אין פּנים.

ער האָט עפּיס אונפערשטענדליך אַ שמייכעל געטאָן.

—יאָ, אַ לעבען...—האָט ער געזאָגט און צוגעוואָרפען צום פייער אַ נײַ שייטעל האָלץ.

דאָס פייער האָט איהם בעלויכטען דאָס פּנים: די אויגען האָבען שאַרף געקוקט.

—אָך, מיין הער, ווען איך זאָל אייך דערצעהלען... קיין גוטס האָב איך אין מיין לעבען נישט געזעהן און זעה איצט אויך נישט... ביז אַכטצעהן יאָהר האָב איך נאָך יאָ עפּיס געזעהן גוטס. גוט האָב איך געלעבט נאָר דעמאָלט, ווען איך האָב די עלטערן געפאָלגט. האָב איך נאָר אויפגעהערט צו פאָלגען, האָט זיך אויך מיין לעבען געענדיגט... פון יענער צייט אָן, האַלט איך אַז איך לעב גאָרנישט אויף דער וועלט. אַזוי... איך דרעה מיך, אַרום בחנם.

איבער׳ן רויטען פּנים פון בראָדיאַגע לויפען-אַרום שאָטענס, עס צוקט איהם נערוועאיש די אונטערשטע ליפּ, ווי ביי אַ קינד, פּונקט ווי ער וואָלט איצט פון דאָסניי זיך אומגעקעהרט צו יענער עלטער, בשעת ער האָט „געפאָלגט טאַטע-מאַמע”, פּונקט ווי ער וואָלט פון דאָסניי געוואָרען אַ קינד, אָבער דאָסדאָזיגע קינד איז איצט מוכן ומזומן זיך שטאַרק צעוויינען איבער זיין אייגען צובראָכען לעבען.

דערזעהן, אַז איך קוק איהם שאַרף אין פּנים אַריין, איז ער געקומען צו זיך און אַ טרייסעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

—נו, וואָס ווערסטו דאָ מאַכען... אפשר ווילט איהר, איך זאָל אייך דערצעהלען, ווי אַזוי מיר זענען אַנטלאָפען פון דער סאָקאָלינער אינזעל?

איך האָב, נאַטירליך, איינגעשטימט, און די גאַנצע נאַכט, סאַמע ביז בעגינען, האָב איך אויסגעהערט דעם בראָדיאַגעס מעשיות.

III.

אין אַ זומערנאַכט אין יאָהר 187* איז די שיף „ניזשני-נאָוו-גאָראָד“ געשוואומען אין די וואַסערן פון יאַפּאָנישען ים און איבערגעלאָזט הינטער זיך אין דער בלויער לופט אַ לאַנגען עק פון שוואַרצען רויך. דער באַרגיגער ברעג פונ׳ם ים-געביט איז געלעגען לינקס, בעדעקט מיט אַ זילבער בלויען נעבעל. רעכטס אין דער אונענדליכער ווייטקייט האָבען זיך געטראָגען די כוואַליעס פונ׳ם לאַפּערוזישען ים-אויסגוס. די שיף איז געגאַנגען קיין סאַכאַלין, אָבער די פעלזיגע ברעגען פון דער ווילדער אינזעל האָבען זיך נאָך נישט געזעהן.

אויף דער שיף איז געווען רוהיג און שטיל. די לבנה האָט בעלויכטען די פיגורען פון די לאָצמאַנען און וואַך-אָפיצירען. די פייערן פון דער שיף האָבען געציטערט און זיך אָבגעשלאָגען אויף דער טונקעלער אויבערפלאַך פון ים.

די שיף „ניזשני-נאָווגאָראָד“ איז געגאַנגען מיט „אַרעס-טאַנטען-לאָדונג“ קיין סאַכאַלין. די ים-אוסטאַווען זענען בכלל זעהר שטרענג, אָבער מיט אַזאַ לאָדונג אויף אַ שיף איז מען

אודאי נאָך שטרענגער. בייטאָג האָבען די אַרעסטאַנטען סמע-נעסחייז שפּאַצירט אויפ'ן שיפדעק, בעוואַכט פון אַ שטאַרקער וואַך. די איבעריגע צייט האָבען זיי פערבראַכט אין די חדרים אונטער'ן שיפדעק.

אַ גרויסער חדר מיט אַ נידעריגען באַלקען. דאָס ליכט דרינגט-אַריין בייטאָג דורך די קליינע פענסטערלעך, וואָס זעהען-אויס אויפ'ן טונקעלען פאָן, ווי צווייי העלע קנעפּלעך שורות, וואָס ווערען אַלץ קלענער און קלענער אויף די רונדע זייטען פון דער שיף. אינמיטען פון דער שיפסראַהם געפינט זיך אַ מין קאָרידאָרל. טשוהון-סלופּעס און אייזערנע גראַטעס טיילען-אָב דעמדאָזיגען קאָרידאָר פון דעם חדר מיט נאַרעס פאַר די אַרעס-טאַנטען. אינ'ס קאָרידאָר, אָנגעשפּאַרט אויף די ביקסען, שטע-הען וואַך-סאָלדאַטען. ביינאַכט הענגט דאָ אַ שורה לאַמטערנעס, וואָס ברענען שטאַר און טונקעל.

דאָס גאַנצע לעבען פון דידאָזיגע גרויע פּאַסאַזשירען הינ-טער דידאָזיגע גראַטעס ליגט אויף די אויגען פון דער וואַך. צי עס שטעהט איבער'ן ים אַ העלע טראָפּישע זון, צי עס פייפט דער ווינד און די מאַכטבוימער סקריפּען און בויגען זיך, צי עס שפּילט זיך פונאַנדער דער שטורמווינד אויפ'ן ים און די גאַנ-צע שיף קרעכצט-אָב פון זיינע קלעפּ—דאָ איז שטענדיג אַלץ איינגעשלאָסען און הונדערטער מענשען הערען זיך צו צום פייפען פון ווינד.

אַ סך מעהר אַרעסטאַנטען זענען דאָ אויף דער שיף, איי-דער וואַך-סאָלדאַטען, אָבער יעדער שריט, יעדע בעוועגונג פון דערדאָזיגער גרויער מחנה איז איינגעצוימט געוואָרען אין אַ פריהער בעשטימטער אייזערנער ליניע, און די שיף-קאָמאַנדע איז אַזויאַרום בעשיצט פאַר אַ בונט, אַ מרידה.

איבעריגענס, איז דאָ אַלץ גענומען געוואָרען אין בע-טראַכט, אפילו דאָס סאַמע אונגלויבליכסטע: ווען די צורייצטע פערביטערטע חיה זאָל, אַ שטייגער, זיך אויפכאַפּען אין דער אַרעסטאַנטען-מחנה און נעהמען בונטעווען פון פערצווייפלונג, אָדער די שיסעריי דורך די גראַטעס זאָל נישט ווירקען און די

חיה זאָל אַפילו האַלטען ביים צוברעכען דידאָזיגע גראַטעס—האָט דער קאָמאַנדיר אויך דעמאָלט אַ שאַרף און מעכטיג געוועהר אין זיין האַנד: ער בעדאַרף נאָר אויסשרייען עטליכע ווערטער אין דער מאַשינען-אָבטיילונג:

—מען זאָל לאָזען דעם דאַמפוואַלצער!..

—ער ווערט געלאָזען!—און באַלד נאָך דעמדאָזיגען ענטפער ווערען אַריינגעלאָזט צו די אַרעסטאַנטען אין חדר שטראָמען ברענענדיגען דאַמף, פונקט ווי אין אַ נעסט פון טאַראַקאַנעס. דאָס איז אַנ׳אייגענאַרטיג און מעכטיג געוועהר געגען אַלע אונאָרדנונגען און בונטען מצד דער גרויער בעפעלקערונג פון דער שיף.

נישט-געקוקט אויפ׳ן דרוק פונ׳ם שטרענגען רעזשים, האָט די בעפעלקערונג הינטער די אייזערנע גראַטעס דאָך געלעבט איהר געוועהנליך לעבען. און אין יענער זומערנאַכט, בשעת די שיף האָט מיט איהרע רעדער געשניטען דעם רוהיגען ים און געלאָזט פאַלען איינציגע ציטריגע שטראַהלען אין זיין טריבער פינסטערניש, בשעת די וואַכסאָלדאַטען, אָנגעשפאַרט אָן די ביקסען, האָבען געדרעמעלט אין די דורכגאַנגען פון דער שיף און די לאַמטערנעס, וואָס האָבען לייכט אויפגעציטערט פון די קלעפ פון די תמיד נישט-שלאָפענדיגע מאַשינעס, האָבען געוואָרפען אַ שטאַרען פערטראַכטען שיין אין דעם אייזע״נעם קאָרידאָר און הינטער די גראַטעס, וואו די גרויע אַרעסטאַנטען זענען שורות׳ווייז געלעגען אונבעוועגט,—אין דערדאָזיגער נאַכט האָט זיך הינטער דידאָזיגע גראַטעס אָנגעשפילט אַ שרעקליכע דראַמע. די גרויע קייטען-קהילה האָט געטויט איהרע פערברעכער.

אויף מאָרגען, בשעת דער נאָמען-קאָנטראָלירונג, האָבען דריי אַרעסטאַנטען זיך נישט אויפגעהויבען פון זייערע ערטער. ויי זענען געבליבען ליגען אויף די נאַרעס, כאָטש נאַטשאַלסטוואָ האָט הויך און בייז אויסגערופען זייערע נעמען. אָבער אַז נאַטשאַלסטוואָ איז אַריין אין אַרעסטאַנטען-חדר און אויפגעהויבען די כאַלאַטען פון די שלאָפענדיגע, האָט זי זיך איבער-

ציינט, אַז דידאָזיגע דריי אַרעסטאַנטען וועלען זיך שוין קיינ-מאָל נישט אויפהויבען צו דער נאָמען-קאָנטראָלירונג.

אין אַלע אַרעסטאַנטישע אַרטעלען ווערען די סאַמע וויכ-טיגסטע ענינים דורכגעפיהרט דורך דעם מעהר ווירקענדיגען און איינג-בעהעפטען אַרעסטאַנטען-קערן. פאַר דער מאַסע, וואָס הייסט אויפ'ן אַרעסטאַנטישען לשון „שפאַנקע," פאַר אָט דער גרויער סטאַדע געשעהן טיילמאָל אַזוינע זאַכען גאַנץ אונגע-ריכט.

איבערראַשט פון דער געוואַלטיגער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָבגעשפּילט ביינאַכט, האָט די אַרעסטאַנטען-סטאַדע פון אַנ-הויב געמאַכט אַ שווייג. אונטער'ן נידעריגען באַלקען איז גע-שטאַנען עפּיס אַ שרעקענדיג שטיל-שווייגען. געהערט האָט זיך נאָר דאָס רוישען פון ים, די לויפענדיגע כוואַליעס, וואָס ווע-רען צוקלאַפּט דורך דער ברוסט פון דער שיף און דאָס שווע-רע אָטעמען פון דער מאַשין צוזאַמען מיט'ן מרה-שחורה'דיגען קלאַפּען פון די קאָלבעס.

אָבער באַלד האָט זיך אָנגעהויבען אַ שמועסען צווישען די אַרעסטאַנטען וועגען די פאָלגען פון דערדאָזיגער „געשעהע-ניש." נאַטשאַלסטוואָ האָט, אַפּנים, נישט געהאַט בדעה צו פער-רייבען דעמדאָזיגען אונאָנגענעהמען ענין: זי האָט געקאָנט, אַ שטייגער, אָנווייזען, אַז די דריי טויטען זענען געקומען צופעליג אָדער פון אַ פּלעצליכער קראַנקהייט. אָבער די סימנים פון געוואַלט האָבען זיך דייטליך געזעהן. האָט מען געמאַכט אַנ'אויספאָרשונג. די אַרעסטאַנטען האָבען זיך געהאַלטען יד-אחת. אין אַן אַנדער צייט וואָלט נאַטשאַלסטוואָ אודאי געפונען אַ פּאָר מענשען, וואָס וואָלטען דורך שרעק אָדער דורך גוטע הבטחות מרוצה-געוואָרען צו מסר'ן, אָבער איצט האָט דער עולם געהאַלטען מויל נישט בלויז פון אַ געפיהל פון חבר'שאַפט, נאָר אויך פון טויט-שרעק. ווי נאַטשאַלסטוואָ איז נישט שרעקליך, ווי עס פלאַטערט נישט די הויט פון איהר בייזר'ן זיך—דער אַרטעל איז אָבער נאָך שרעקליכער: אין דערדאָזיגער נאַכט, אויף די נאַרעס און אויף די אויגען פון דער וואַך, האָט ער בעוויזען זיין געוואַלטיגע

מאַכט. אַ סך האָבען בלי-שום-ספק נישט געשלאָפען די נאַכט. נישט איין אויער האָט שטיל אויפגענומען די פערשטיק-טע געשרייען פונ׳ם קאַמף אונטער׳ן דעקעל*), דאָס כאָרכלען און זיפצען, וואָס זענען גאָרנישט עהנליך צו דעם אָבזיפצען פון אַ שלאָפענדיגען מענשען, אָבער קיין איינער האָט מיט קיין איין וואָרט נישט אויסגעגעבען די-יעניגע, וואָס האָבען דאָסדאָ-זיגע שטיקעל אַרבייט אָבגעטאָן. נאַטשאַלססוואָ האָט, אַלזאָ, קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי צו נעהמען אויפ׳ן צימבעל די אָפיציעל-פעראַנטוואָרטליכע לייט: דעם סטאַראָסטע און זיין גע-הילף. אין דעם אייגענעם טאָג האָט מען זיי פערשמידט אין קייטען.

וואַסילי איז דעמאָלט געווען אַ סטאַראָסטע-געהילף און גע-טראָגען האָט ער אַנ׳אַנדער נאָמען.

צוויי טעג זענען אַוועק, און די אַרעסטאַנטען האָבען בע-טראַכט דעם ענין מיט גרויס ישוב-הדעת. לכתחילה האָט זיך געדאַכט, אַז דער עסק איז גוט קאָנספּירירט, די שולדיגע וועט מען נישט אַרויסגעפינען, און די פאָרשטעהער פון אַרטעל, וואָס זענען פערשמידט געוואָרען אין קייטען, וועלען אָבקומען מיט אַ לייכטער דיסציפּלינאַרער שטראָף. אויף אַלע פראַגען האָט מען געגעבען איין-איינציגען ענטפער:

— מיר זענען געשלאָפען!

אָבער אַז מען איז נאָך טיפער אַריינגעדרונגען אין ענין, האָט דער עולם גענומען עטוואָס צווייפלען. דידאָזיגע ספקות האָבען געהאַט אַ שייכות טאַקי צו וואַסילי׳ן. אמת, אין אַזוינע פאַלען סטאַרעט זיך שטענדיג דער אַרטעל, אַז די אונשולדיג-קייט פון די „פעראַנטוואָרטליכע לייט" זאָל זיך מעהר אָדער

*) „מאַכען אַ דעקעל" הייסט אויפ׳ן אַרעסטאַנטישען לשון דער הרג׳ענען אין דער טורמע גופא. געוועהנליך ווערט אין אַזאַ פאַל ארויפגעוואָרפען אַ כאַלאַט אויפ׳ן קאָפּ פונ׳ם קרבן, צו פערשטיקען זיינע געשרייען. און אָט דאָס הייסט טאַקי דעקעל.

ווייניגער ווארפֿען אין די אויגען, און וואָס איז שייך צו וואַסיליי'ן וואָלט ער דאָ גאָר לייכט געקאָנט בעווייזען, אַז ער האָט זיך נישט בעטייליגט אין דער נאַכט-טראַגעדיע. פֿונדעססוועגען אַז די געניטע אַרעסטאַנטען, חברה-לייט, וואָס זענען דורכגעגאַנגען דורך פֿייער און וואַסער, האָבען בעטראַכט די לאַגע פֿונ'ם גע-הילף, האָבען זיי געשאָקעלט מיט די קעפּ.

—הער-נאָר,—איז צוגעגאַנגען צו וואַסילי'ן אַן'אַלטער גע-ביטער בראָדיאַגע,—וועלען מיר נאָר קומען אויפ'ן אינזעל, זאָל-סטו תּיכּף מאַכען פּליטה. דוין עסק, ברודער, איז אַ שלעכטער, אַ ביטערער עסק!

—פֿאַרוואָס?

—דערפֿאַר!.. דו ביזט צום ערשטען מאָל פֿער'משפּט אָדער צום צווייטען מאָל?

—צום צווייטען מאָל.

—נו, אָט האָסטו דיר, געדענקסטו, ווי דער פֿערשטאָר-בענער פֿעדקע האָט אַלץ פֿער'מסר'ט איינעם? דאָס האָט ער דיך פֿער'מסר'ט. צוליב איהם ביזטו דאָך געגאַנגען אַ גאַנצע וואָך אין האַנד-קייטען, אמת, האַ?

—יאָ, אַזוי.

—נו, וואָס האָסטו איהם געזאָגט? די סאָלדאַטען האָבען דאָך געהערט. וואָס-זשע טראַכסטו זיך? דאָס איז דאָך אַ ראיה, אַז דו האָסט איהם געסטראַשעט?

וואַסילי און די איבעריגע צוהערער האָבען פֿערשטאַנען, אַז דער ענין איז גאָרנישט אַזוי פֿויגעלדיג.

—נו, מיין ליבער, בעדאַכט זיך און מאַך זיך גרייט: וועסט דערשאָסען ווערען.

דער עולם האָט אַפּילו אָנגעהויבען מורמלען.

—דו האָסט נישט מיט דער צונג, בּוראַן!—האָבען די אַרע-סטאַנטען אַרויסגעוויזען זייער אונצופֿרידענהייט.

—דער אַלטער שוטה בראָקט אין דער וועלט אַריין!

—אפֿנים, פֿון אַלטקייט דעם שׂכל פֿערלאָרען. אַ ווערטעלע צו זאָגען: דערשאָסען ווערען!

—מיין נישט, אַז איך האָב שוין פערלאָרען דעם שכל,— האָט זיך דער אַלטער בייז אָנגערופען און אַפילו אַ שפּיי געטאָן פון פערדרוס,—איהר חברה, שפּאַניע*), פערשטעהט אַ סך! איהר משפּט לויט די רוסישע פּאַראָנדקעס, און איך לויט די היגע! איך קאָן די היגע פּאַראָנדקעס זעהר גוט... וואָס אַרט דיך, וואַסילי, איך וויים, וואָס איך רייד: דער ענין וועט אַריבערגעשיקט ווערען צום דעם אַמורער גענעראַל-גובערנאַטאָר, אַלזאָ, מאַך דיך גרייט—וועסט דערשאָסען ווערען. און אויב מען וועט דיר שוין אַרויסווייזען אַ גרויסען חסד און מען וועט דיר הייסען, זאָלסט דיך אַנידערלעגען אויף דער „קאָבּילע"**), איז עס נאָך ערגער: פון דער קאָבּילע וועסטו שוין נישט אויפשטעהן. דו בעדאַרפסט פערשטעהן, מיין ליבער, אַז דאָס איז אַ שיף. אויפ'ן שיף איז דאָס געזעץ צוויי מאָל אַזוי שטרענג, ווי אויף דער יבשה. און צוריקגערעדט,—האָט דער אַלטער צוגעגעבען מיט אַ פערשטיקטען קול: ער האָט זיך, קענטיג, איינגעמאַטערט פון אַזויפיל ריידען—איז מיר אַלצאיינס, זאָל פון אייך אַלעם קיין שריד ופליט נישט בלייבען!

די אויסגעלאָשענע אויגען פון דעמדאָזיגען זקן, וואָס איז צובראָכען געוואָרען אינ'ם שווערען בראָדיאַגע-לעבען, האָבען שוין לאַנג געקוקט אויף דער וועלט שטאַר און טריב-גלייכגי,טיג. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד און זיך אָבגעקעהרט.

צווישען די אַרעסטאַנטען געפינען זיך נישט ווייניג יוריסטען. און אויב אַזאַ פּאַרטיע, אין איהר גאַנצער צוזאַמענשטעלונג, טראָגט-אַרויס איהר השערה'דיגען פּסק-דין נאָכדעם ווי זי בעטראַכט גוט דעם ענין, שטימט ער כמעט שטענדיג מיט דער ווירקליכקייט. אין דעמדאָזיגען פאַל האָבען אַלע אַרעסטאַנטען-

---

*) פּעראַכטונגס-נאָמען פונ'ם וואָרט „שפּאַנקע" (זעה די פריהערדיגע בעמערקונג.)

**) קאָבּילע רופט מען די באַנק, צו וועלכער עס ווערט צוגעבונדען דער יעניגער, וואָס ווערט בעשטראָפט מיט'ן קנוט.

יוריסטען זיך געהאַלטען ביי בוראַנס מיינונג, און דעמאָלט איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז וואַסילי מוז מאַכען פליטה. אַזוי ווי ער האָט בעדאַרף ליידען פאַר׳ן אַרטעל, האָט דער אַרטעל געהאַלטען פאַר זיין חוב בעהילפיג צו זיין איהם. דער זאַפּאַס פון טוכאַרעס און גאַלעטען, אָנגעזאַמעלט פון דער „עקאָנאָמיע,״ איז איבערגעגאַנגען אין זיין רשות, און וואַסילי האָט שוין „צונויפגעשלאָגען אַ פּאַרטיעלע״, וואָס האָט געוואָלט זיך בעטייליגען אינ׳ם ויברח.

דער אַלטער בוראַן האָט שוין איין מאָל געמאַכט אַ ויברח פון סאַכאַלין. און דעריבער איז דער גורל געפאַלען אויף איהם.

—מיר איז שוין מסתמא בעשערט,—האָט ער זיך אָנגערופען,—צו שטאַרבען אין טייגע. אמת, פאַר אַ בראָדיאַגע פּאַסט בעסער צו שטאַרבען אין טייגע. אָבער איך בין שוין אַלט, שוואַך און קראַנק.

דער אַלטער בראָדיאַגע האָט גענומען פינטלען מיט זיינע שטאַרע אויגען.

—נו, מילא, פערפאַלען. זאָלבענאַנד, זאַלבעדריט איז גאָרנישטאָ חאָס צו געהן—דער וועג איז אַ שווערער. מיט אַ צעהן מענשען קאָן מען שוין יאָ עפּיס אויפטאָן. און איך וועל געהן מיט אייך, כל-זמן מיינע פיס וועלען מיר דינען. לאָמיר שטאַרבען ערגעץ אַנדערש, נישט אויף דערדאָזיגער אינזעל.

בוראַן האָט נאָכמעהר גענומען פינטלען מיט די אויגען און איבער זיין איינגעשרומפּענעם בעווינדטיגטען פנים האָבען זיך געקייקעלט אַלטע טרעהרען.

„דער אַלטער בראָדיאַגע איז אָבגעשוואַכט געוואָרען,״— האָט וואַסילי אַ טראַכט געטאָן און איז געגאַנגען „צונויפשלאָגען אַנ׳אַרטעל״, אויסגעפינען אַנדערע חברים.

IV.

די שיף איז אַריין אין ים-אויסגוס, אויסמיידענדיג דעם קאַפּ, די אַרעסטאַנטען האָבען זיך געדרענגט ביי די פענסטער-לעך און מיט אונרוהיגער נייגעריגקייט געקוקט אויף די בערגיגע הויכע ברעגען פון דער אינזעל, וואָס זענען אַלץ מעהר און מעהר אויסגעוואַקסען אין דער אָווענד-טונקעלקייט.

עס איז געווען אַ פינסטערע נאַכט, ווען די שיף איז אַריין אין האַפען. די בערג-קאָנטורען האָבען זיך צונויפגערוקט און זיך אויפגעהויבען, ווי אַ שוואַרצע מאַסע. די שיף האָט זיך אָבגעשטעלט, די וואַכטאָלדאַטען האָבען פערנומען זייערע פּלעצער: מען האָט גענומען אַרויספיהרען די אַרעסטאַנטען.

אינדערפינסטער האָט זיך וואו-ניט-וואו געזעהן אַ פייערל אויפ'ן ברעג. דער ים האָט געפּאַטשט דעם ברעג, אויפ'ן הימעל זענען געהאַנגען שוואַרצע וואָלקענס און יעדעס אַרעסטאַנטישע האַרץ איז אויך בעהאַנגען געווען מיט אַנאַ טריבער שוואַרצער בענקעניש.

—דאָס איז אַ האַפען,—האָט בוראַן שטיל געזאָגט,—דויאַ*) הייסט ער. די ערשטע צייט וועט מען דאָ וואוינען אין קאַזאַרמעס.

גאָך דער קאָנטראָלירונג האָט מען אַרויסגעפיהרט די אַרעסטאַנטען-פּאַרטיע אויפ'ן ברעג אין דער געגענוואַרט פון נאַטשאַלסטוואָ. נאָכדעם ווי די אַרעסטאַנטען האָבען פערבראַכט עטליכע חדשים צייט אויפ'ן ים, האָבען זיי איצט צום ערשטען מאָל דערשפּירט אַ פעסטען באָדען אונטער די פיס. די שיף, אויף וועלכער זיי האָבען פערבראַכט אַזאַ שטיק צייט, האָט זיך אַרומגעוויגט אינדערכינסטער און זיך אָבגעאָטעמט אינמיטען דער נאַכט מיט ווייסע קנוילען רויך.

פאָראויס האָבען זיך בעוויזען פייערן, עס האָבען זיך דערהערט שטימען:

—דאָס איז די פּאַרטיע?

—די פּאַרטיע.

—געה-אַהער, אין דער זיבעטער קאַזאַרמע.

די אַרעסטאַנטען האָבען זיך געלאָזט געהן צו די פייערן. מען איז געגאַנגען צעוואָרפען, אין אונאָרדנונג, און אַלעמען האָט איבערראַשט דער אומשטאַנד, וואָס ביי דער זייט האַקט זיי קיינער נישט מיט די קאָלבעס.

—ברידער,—האָבען זיך דערהערט פער'חדוש'טע שטימען,—מיר געהען דאָך עפּיס אָהן אַ וואַך?

—שווייג!—האָבען בוראַן טריב אַרויסגעברומט,—צו וואָס בעדאַרפסטו דאָ האָבען אַ וואַך? נישקשה, וועסט אָהן אַ וואַך אויך נישט אַנטלויפען פון דאַנען. דאָס איז אַ גרויסע, ווילדע אינזעל. און אַרום איז ים. דו הערסט נישט, צי וואָס?

אין דער פינסטער נאַכט האָט זיך אויפגעהויבען אַ ווינד, וואָס האָט נערוועזיש געצוקט די פייערליך אין די לאַמטערנעס און פון ים האָט זיך דערטראָגען אַ פערשטיקטער גערויש, פונקט

---

*) דער האַפען דויע, אויפ'ן מערב-ברעג פון סאַכאַלין.

דאָס ברומען פֿון אַ דערוואַכטער חיה.

—הערסט, ווי עס ברומט?—האָט זיך בוראַן אָנגערופֿען צו וואַסיל׳ן.—אַזוי איז דאָס: אַרום אַ ים, אינמיטען סם... מען מוז אַריבערפֿאָהרען דעם ים, אָבער אויך ביז׳ן ים וועט מען בעדאַרפֿען דורכגעהן אַ שטיק אינזעל... האָלצעס און טייגע און קאָרדאָנען!.. שווער אויפֿ׳ן האַרץ איז מיר, און דער ים רעדט עפּיס שלעכטס, נעהמט-צו די האָפֿנונג. איך וועל שוין, אַפֿנים, נישט אויסמיידען די אינזעל—אַלט בין איך! צוויי מאָל געמאַכט אַ ויברח: איין מאָל האָט מען מיך אין בלאַגאָוועשטשענסק געפּאַקט, דאָס צווייטע מאָל אין ראַסעיע... מען שלעפּט מיך ווידער אַהער... שוין, אַפֿנים, בעשערט מיר צו שטאַרבען אויף דעמדאָויגען אינזעל...

—דו וועסט נאָך נישט שטאַרבען!—האָט וואַסילי צוגעגעבען מוט דעם אַלטען.

—יונג ביזטו, אָבער איך בין שוין אויסגעניצט. עך, דער ים, דער ים האָט זיך בייז און שווער צושפּילט!

פֿון דער קאַזאַרמע נומער 7 האָט מען אַרויסגעפֿיהרט די אַלע אַרעסטאַנטען, וואָס האָבען דאָרט געוואוינט ביז אַהער, און אַריינגעפֿיהרט אַהין די ניי-געקומענע פּאַרטיע; אויף דער ערשטער צייט האָט מען צוגעשטעלט אַ וואַך. צוגעוועהנט צו אַ תּפֿיסה מיט שלעסער, וואָלטען זיי זיך איצט, אָהן אַ וואַך, צוזייהט איבער דער אינזעל, ווי שעפּסען, וואָס זענען אַרויסגעלאָזט געוואָרען פֿון שטאַהל. די, וואָס האָבען שוין דאָ פֿערבראַכט אַ לענגערע צייט, האָט מען נישט איינגעשלאָסען: נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך אַרומגעקוקט און זיך בעקאַנט מיט די בעדינגונגען, האָבען זיי אַליין איינגעזעהן, אַז מאַכען פּליטה איז זעהר אַ ריזיקאַלישע אונטערנעהמונג, כמעט אַ זיכערער טויט, און דעריבער האָבען זיך אויף אַזאַ זאַך בעשלאָסען בלויז געצעהלטע אויסערגעוועהנליכע נאַטורען, אָבער אויך די האָבען געמאַכט לאַנגע הכנות. אָבער דידאָזיגע נאַטורען וועלען אַלעמאָל אַנטלויפֿען, סיי פֿון דער טורמע און סיי פֿון דער אַרבייט, און איינשליסען זיי איז גאַר אַנ׳אומזיסטע זאַך.

—נו, בוראַן, גיב אַן עצה,—איז וואַסילי צוגעטראָטען צו איהם אין אַ טאָג דריי אַרום נאָכדעם, ווי מען איז געקומען אויף דער אינזעל.—דו ביזט דאָך עפּיס ביי אונז דער עלטסטער, פאַר-אויס ווייסטו דאָך געהן, בעדאַרפסטו אויך זיין דער גאַנצער פיהרער. מען בעדאַרף דאָך עפּיס מאַכען אַ שטיקעל זאַפּאַס.

—וואָס קאָן איך דיר עצה'ן,—האָט דער אַלטער קוים אָפּ-געענטפערט.—ס'איז שווער... און שוין נישט די יאָהרען... אָט זעהסטו: נאָך אַ דריי טעג וועלען אַוועק, וועט מען אַראָפּנעהמען די וואַך, פאַרטיעסוויז וועט מען אַרויספיהרען אין פערשידענע ערטער צו דער אַרבייט און דעמאָלט איז דערלויבט פריי אַרויס-צוגעהן פון קאַזאַרמע. אָבער מיט אַ זאַק וועט מען פון דער קאַזאַרמע נישט אַרויסלאָזען. אָט דאָ בעדאַרפסטו זיך בעדאַכ-טען.

—דו בעדאַכט זיך, בוראַנישקע, וואָרום דו ביזט געני-טער.

אָבער בוראַן איז אַרומגעגאַנגען, אַ בייזער, אַ צוטראָגענער און אַ מוטלאָזער. ער האָט מיט קיינעם נישט גערעדט און בלויז צו זיך אַליין עפּיס צוגעברומט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מיט יעדען טאָג ווערט אַלץ מעהר און מעהר אָבגעשוואַכט דער אַלטער בראָדיאַגע, וואָס איז צום דריטען מאָל געבראַכט געוואָ-רען אויף דעם אַלטען אָרט. דערווייל אָבער האָט וואַסילי בע-וויזען צוזוציהען נאָך אַ צעהן פליטה'ניקעס, העלדישע יונגען, און איז אַלץ צוגעשטאַנען צו בוראַנ'ען מיט דער כונה איהם אויפצומונטערן, מאַכען איהם בעוועגליכער, טעטיגער. טיילמאָל איז עס איהם געלונגען, אָבער אויך דעמאָלט האָט דער אַלטער געוואָרטשעט, אַז אַזאַ אונטערנעהמונג איז איבער די כוחות און אַז ער האָט אַ שלעכט פאָרגעפיהל.

„דידאָזיגע אינזעל איז נישט אויסצומיידען!" דאָס איז געווען די שטענדיגע פראַזע, אין וועלכער דער שלים-מזל'די-גער בראָדיאַגע האָט אויסגעדריקט זיינע ספקות און נישט-זיכער-קייט. אין אַ לייכטערער מינוט פלעגען איהם פונדעסטוועגען אויפמונטערן די זכרונות, ער פלעגט זיך דערמאָהנען אין זיינע

אַמאָליגע ויברה׳ס, און דעמאָלט, בעזונדערס אין אָווענד, ליגענ־דיג אויף דער נאַרע, נעבען וואַסילי׳ן, פּלעגט ער איהם דער־צעהלען פון דער אינזעל און פון וועג, וואָס די פליטה׳ניקעס בעדאַרפען דורכמאַכען.

דער האַפען דוע ליגט אין דער מערב-זייט פון אינזעל, קעגען דעם אַזיאַטישען ברעג. דער טאָטערשער ים-אויסגוס האַלט דאָ ביי אַ 300 וויאָרסט די ברייט. אַדורכגעהן איהם מיט אַ קליין שיפעלע איז, נאַטירליך, גאָר אַן׳אונמעגליכע זאַך, און דעריבער מוז מען אויסקליבען גאַנץ אַנדערע פונקטען, פון וואַנען צו לויפען. דאָס אַנטלויפען גופא איז, אייגענטליך, נישט שווער אויף דער אינזעל.

—געה, וואוהין דו ווילסט,—זאָגט בוראַן,—אויב דו ווילסט שטאַרבען. די אינזעל איז אַ גרויסע, דורכאויס בעדעקט מיט ווילדע קוסטעס און טייגע. דער הילי־אַק, אַ שטייגער, וואָס איז דאָך אַ היגער געניטער איינוואוינער, האַלט זיך אויך נישט אויף יעדען אָרט. וועסטו זיך פערנעהמען, לאָמיר זאָגען, קיין מזרח, וועסטו זיך פערבלאָנזשען צווישען פעלזען: אָדער דו וועסט פערפאַלען ווערען און אַ הונגעריגער פויגעל וועט דיך אויפפרעסען, אָדער דו וועסט צו ווינטער פון דאָסניי קומען אַהער. וועסטו זיך פערנעהמען קיין דרום, וועסטו קומען צום ברעג פון דער אינזעל; דאָרט איז שוין ים: מוז מען אָבער האָבען צו איהם אַ גרויסע שיף. בלייבט אונז, אַלזאָ, איין וועג—קיין צפון, און האַלטען בעדאַרף מען זיך נאָר מיט׳ן ברעג. דער ים וועט שוין אַליין ווייזען דעם וועג. וועלען מיר אַדורכ־געהן אַ דרייהונדערט וויאָרסט, וועלען מיר קומען צו אַ ים־אויסגוס. דאָס איז אַ שמאָלער אָרט: דאָ קאָן מען זיך אַריבער־שיפען אויף לאַנדקעס אויף דער אַמורישער זייט.

אָבער אין אַ ווילע אַרום האָט בוראַן אָנגעהויבען ציהען זיין געוועהנליכען מרה-שחורה׳דיגען רעפריין:

—אָבער אָט וואָס איך וועל דיר זאָגען, מיין חברה-מאַן, דאָס איז אויך אַ שווערער וועג, ווייל מען בעדאַרף געהן פאַר־ביי קאָרדאָנען, און אין די קאָרדאָנען געפינען זיך סאָלדאַטען,

דער ערשטער קאָרדאָן הייסט וואַרקי, פאַר דעם לעצטען—פּאַנגי און דער לעצטער הייסט פּאָגיבאַ*). פאַרוואָס עפּיס פּאָגיבאַ? הייל אַ נאַש-בראַט קומט דאָ אום על-פּי-רוב. און די קאָרדאָנען זענען זעהר כּיטרע. וואו עס פּערדרעהט זיך נאָר דאָס שמאָלע שטעגעלע, דאָרט שטעהט אַ קאָרדאָן, געהסטו און געהסט און פּאַלסט גלייך אין קאָרדאָן אַריין, גאָט זאָל אויסהיטען!

—אָבער דו ביזט דאָך שוין צוויי מאָל געגאַנגען, ווייסטו דאָך מסתמא דעם וועג?

—געגאַנגען, מיין ליבער, געגאַנגען...—און דעם אַלטענס פערלאָשענע אויגען האָבען פון דאָסניי אויפגעפלאַמט,—נו, טאָ הערט מיך אויס און טוט אַזוי, ווי איך הייס אייך. איינגיכען וועט מען אַרויסרופען אַ צאָהל מענשען, זיי זאָלען געהן בויען אַ מיהל, זאָלט איהר זיך שטעלען אין דערדאָזיגער צאָהל. דאָרט וועט מען מאַכען אַ זאַפּאַס פון פּראָוויזיע, זאָלט איהר אייערע סוכאַרעס און גאַלעטען בעהאַלטען אין אַ וואָגען. אין דער מיהל זיצט פּעטרוכע, איינער פון די קאַטאָרזשניקעס. וועט ער אייך שוין וויזען דעם וועג, פון דער מיהל הייסט עס. אַ דריי טעג וועט מען נישט וויסען, אַז איהר זענט אַוועק, אַזוי איז שוין דאָ דער סדר. דריי טעג מעג מען נישט קומען אויף דער נאָמען-קאָנטראָלירונג—עס מאַכט נישט אויס. דער דאָקטער בעפרייט פון דער שטראָף, וואָרום ער זאָגט, אַז דער שפּיטאָל איז אַ שלעכטער. עמיץ, דהיינו, ווערט אויסגעמאַטערט, שלאָגט זיך אַרויס פון די כּוחות, געהט ער נישט אין שפּיטאָל, נאָר אין פעלד, אין די קוסטעס, און דאָרט, אויף דער פרישער לופט, קומט ער צו די כּוחות. קומט מען אָבער נישט אויף דעם פערטען טאָג, ווערט שוין אַזאַ איינער געהאַלטען פאַר אַ פליטה׳ניק. און דעמאָלט איז שוין אַלצאיינס: קומט מען זיך מעלדען, מוז מען

*) פּאָגיבאַ—פון׳ם רוסישען וואָרט פּאָגיבעל-אומקומעניש, אונטערגאַנג, געהן פערלאָרען, געהן צום גרונד.

זיך גלייך לעגען אויף דער קאָבילע.

—פאַרוואָס אויף דער קאָבילע?—האָט וואַסילי אַ זאָג געטהאָן.—אָט, גאָט וועט העלפען, מיר וועלען אַוועק און זיך שוין נישט צוריקקעהרן.

—און זיך שוין נישט צוריקקעהרן,—האָט בוראַן געננוטען וואָרטשען און די אויגען זענען איהם ווידעראַמאָל אויסגעלאָשען געוואָרען,—וועסטו זיך צוריקקעהרן, וועלען דיך די קראָהען צופּיקען ערגעץ אין אַ גרוב, ביי די קאָרדאָנען. דער קאָרדאָן, בעדאַרפסטו וויסען, האָט קיין צייט נישט צו טענטלען זיך מיט אַ נאַש-בראַט. ער בעדאַרף דיך גאָרנישט צושטעלען צוריק אויף הונדערטער וויאָרסטען. דערזעהט ער אַזאַ איינעם, לעגט ער איהם אַוועק מיט'ן ביקס—און געענדיגט אַ געשעפט.

—דו קראַקע בעסער נישט, אַלטע קראָהע דו!.. דו זאָג באַבראָוו'ן וואָס מען בעדאַרף און דער אַרטעל וועט שוין געבען.

דער אַלטער האָט עפּיס אַרויסגעוואָרטשעט און זיך אַוועגערוקט מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, און וואַסילי איז געגאַנגען זאָגען די חברים, אַז מען זאָל זיך פאַרטיג מאַכען אין וועג. פונ'ם געהילף-אַמט האָט ער זיך פריהער אָבגעזאָגט, און אויף זיין אָרט האָט מען אויסגעקליבען אַ צווייטען. די פליטה'ניקעס האָבען געמאַכט פּעקלעך, אויסגעטוישט די בעסערע מלבושים און שיך, און אויף מאָרגען, בשעת מען האָט באמת בעשטימט אַ פּאַרטיע אויף דער מיהל, זענען זיי אַריין אין דערדאָזיגער פּאַרטיע. אין דעם אייגענעם טאָג זענען זיי אַוועק פון דער מיהל אין די קוסטעס, אָבער בוראַן האָט געפעלט.

דער צוזאַמענשטעל פון די פליטה'ניקעס איז געווען זעהר אַ געלונגענער. מיט וואַסילי'ן איז געגאַנגען זיין חבר, וואָס לויט'ן בראָדיאַגע-נאָמען האָט ער געהייסען וואָלאָדקע, איינער אַ מאַקאַראָוו, אַ גבור און כוואַט, וואָס איז צוויי מאָל אַנטלאָפען פון קאַרע*), צוויי טשערקעסען, העלדישע ענטשלאָסענע יונגען, וואָס

---

*) א קאטאָרגע=פונקט אין סיביר.

זענען אין אַזאַ פאַל געווען די בעסטע חברים, אַ טאַטער, אַ קרי-כער און אַ היצקאָפּ, דערפאַר אבער זעהר אַ געשיקטער חברה-מאַן. די איבעריגע זענען שוין געווען געוועהנליכע בראָדיאַגעס, וואָס האָבען אָבער געהאַט אַ סך פראַקטיק פון די סיבירישע נסיעות.

דער אַרטעל איז געזעסען אַ טאָג אין די קוסטעס, דאָרט איבערגענעכטיגט, דער צווייטער טאָג האָט זיך שוין באַלד אויך געענדיגט, אָבער בוראַן איז נאָך אַלץ נישט געקומען. האָט מען געשיקט דעם טאָטער אין קאַזאַרמע אַריין. געקומען בסוד אין קאַזאַרמע, האָט ער אַרויסגערופען באָבראָוו'ן, אַנ'אַלטען אַרעס-טאַנט, וואַסיליס אַ חבר, וואָס איז געווען זעהר חשוב ביי די אַרעסטאַנטען. אויף מאָרגען איז באָבראָוו אַליין געקומען אין די קוסטעס, צו די פּליטה'ניקעס.

—נו, וואָס ברידער, מיט וואָס קאָן איך אייך דינען?

—שיק אונז למען השם בוראַנ'ען. אָהן איהם קאָנען מיר דאָך נישט געהן. מיר שטעהען דאָ צוליב איהם.

איז באָבראָוו אַוועק אין קאַזאַרמע, אָבער בוראַן הויבט גאָרנישט אָן צו וועלען געהן. ער צאַפּעלט זיך אַלץ, טענה'ט-איין מיט זיך אַליין און מאַכט מיט די הענד.

—וואָס טראַכסטו זיך, בוראַן?—האָט זיך באָבראָוו אָנגערו-פען צו איהם.

—וואָס געהט עס דיר אָן?

—וואָס הייסט, וואָס געהט עס מיר אָן? וואָס גרייטסטו זיך נישט אין וועג אַריין?

—שטאַרבען בעדאַרף איך באַלד, אָט וואָס!

באָבראָוו איז בייז געוואָרען.

—וואָס טראַכסטו זיך באמת? שוין פיר מעת-לעת ווי מען וואַרט אויף דיר אין די קוסטעס. זיי וועלען זיך מוזען בעצאָה-לען מיט דער קאָבילע... און אַנ'אַלטער בראָדיאַגע ביזטו נאָך!

האָט זיך דער אַלטער צעוויינט פון דידאָזיגע ווער-טער.

—מיין צייט איז שוין אַוועק... איך וועל נישט אויסמיידען די אינזעל... אַנ'אָבגעניצטער מענש בין איך שוין...

—צי דו ביזט אַנ׳אָבגעניצטער מענש, צי נישט, דאָס איז דיין עסק. וועסטו נישט דערגעהן און וועסט שטאַרבען אין וועג, וועט דיך קיינער נישט בעשולדיגען. אָבער געהן מוזטו, ווייל דו וועסט דערפיהרען עלף מענשען צום קנוט. ווען איך זאָל נאָר זאָגען איין וואָרט דעם אַרטעל, וואָס וועט מען דעמאָלט טאָן מיט דיר?

—איך ווייס,—האָט בוראַן זיך אָבגערופען מיט אַ טריבען קול,—מען וועט מיר מאַכען אַ „דעקעל", ווייל איך בין דאָס ווערט... עס איז נישט שען פאַר אַנ׳אַלטען בראָדיאַגע צו שטאַרבען מיט אַזאַ טויט... אַפנים, אַז מיר איז שוין בעשערט צו געהן... אָבער איך האָב דאָך גאָר קיין שום זאַפּאַס נישט געמאַכט?

—אַלץ וועט דיר באַלד געגעבען ווערען. וואָס בעדאַרפסטו?

—קודם מוז איך האָבען צוועלף גוטע נייע כאַלאַטען.

—אָבער זיי האָבען דאָך זייערע אייגענע?

—דו האָרך נאָר, וואָס איך רייד צו דיר,—האָט דער אַלטער זיך אָנגערופען מיט האַרץ,—איך ווייס, אַז יעדער איינער האָט אַ כאַלאַט, אָבער צו צוויי בעדאַרף מען. פאַר דער לאָדקע וועט יעדער איינער מוזען בעצאָהלען די הילאַקעס מיט אַ כאַלאַט. צוועלף גוטע מעסערס בעדאַרף מען האָבען און צוויי העק און צוויי קעסלען.

באָבראָוו האָט באַלד פערזאַמעלט דעם אַרטעל און זיי איבערגעגעבען, וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך. יעדער איינער פון אַרטעל, וואָס האָט געהאַט אַנ׳איבעריגען כאַלאַט האָט איהם אַוועקגעגעבען פאַר די פליטה׳ניקעס, ווייל יעדער אַרעסטאַנט פיהלט-מיט אינסטינקטיוו די אַלע, וואָס ווילען פון די פערשטיקטע ווענד זיך אַרויסרייסען אויף דער פרייהייט. קעסלען און מעסערס האָט מען טיילווייז בעקומען אומזיסט און טיילווייז פאַר געלד ביי די אַלטע פערשיקטע. אין צוויי טעג צייט איז אַלץ צוגעגרייט געוואָרען.

פון דער צייט, זינט די פאַרטיע איז געקומען אויף דער

אינזעל, זענען אַוועק דרייצעהן טעג.

אויף מאָרגען אינדערפריה האָט באָבראָוו געבראַכט בוי־ראַנ׳ען אין די קוסטעס אַריין צוזאַמען מיט די זאַפּאַסען. די פּליטה׳ניקעס האָבען פייערליך אָבגעזאָגט עפּיס אַ תּפילה, וואָס זאָל האָבען זיך געפּאַסט צו דעמדאָזיגען מאָמענט, לויט אַ בעזונדער אַרעסטאַנטישען שטייגער זיך צוזעגענט מיט באָבראָוו׳ן און זיך אַ וועקגעלאָזט אין וועג אַריין.

V.

—נו, וואָס, איז אייך טאַקי פרעהליך געוועזן, בשעת איהר האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין?—האָב איך אַ פרעג געטאָן נאָכדעם, ווי איך האָב מיך גוט צוגעהערט צו דער פערשטאַרקטער שטים פון דעם דערצעהלער און זיך גוט צוגעקוקט צו זיינע געזיכטססטריכען, וואָס זענען בעזונדערס אויפגעלעבט געוואָרען ביי דערדאָזיגער שטעל פון דער דערצעהלונג.

—נו, ווי קאָן מען זיין נישט פרעהליך! זענען מיר נאָר אַרויס פון די קוסטעס און די מאַמע-טייגע האָט גענומען רוישען איבער אונז, זענען מיר, ווער איהר גלויבען, אַזוי ווי פון דאָסניי געבוירען געוואָרען. אַזוי האָבען זיך אַלע דערפרעהט. בלויז איין בוראַן איז געגאַנגען פאָראויס, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט און פאַר זיך עפּיס געוואָרטשעט. דער אַלטער איז שוין נישט אַרויס אַזוי פרעהליך, ווי מיר. בוראַנס האַרץ האָט, אַפּנים, געפיהלט, אַז איהם איז נישט בעשערט צו געהן מיט אונז ווייט.

האָבען מיר באַלד איינגעזעהן, אַז דער קאָמאַנדיר אונזערער איז נישט פון די זיכערע און גוטע. ער איז אַפילו פון

די גענײטע בראָדיאַגעס און איז צווײ מאָל אַנטלאָפֿען פֿון דער אינזעל סאַכאַלין און קאָן, קענטיג, גאַנץ גוט דעם וועג: געהן געהט ער גלײך, ווײגט זיך עטוואָס צו און קוקט נישט בײ די זײטען, פּונקט ווי אַ הונד, וואָס געהט לויט׳ן שפּור—דאָך אָבער זענען מיר, איך מיט וואָלאָדקע׳ן, מיט מײן חבר, געווען שטאַרק אין ספק.

—זעה-נאָר,—מאַכט צו מיר וואָלאָדקע,—מיר קענען נאָך אַרײנפֿאַלען אין אַנ׳אומגליק דורך בוראַנ׳ען. זעהסט, ער איז עפּיס גאָרנישט דער אײגענער.

—וואָס מײנסטו?—פֿרעג איך.

—דאָס מײן איך, וואָס דער אַלטער איז עפּיס גאָרנישט בײם זינען. ער רעדט נאָר מיט זיך אַלײן, דער קאָפּ שאָקעלט זיך איהם, און מען זעהט גאָרנישט, ער זאָל מאַכען עפּיס אַ פֿעראָרדנונג, ווי אַ פֿיהרער. מיר האָבען שוין לאַנג געמעגט אָבּ-רוהען, אָבער ער, זעהסטו, געהט און געהט. ס׳טויג אויף כּפּרות, כלעבען.

זעה איך אויך, אַז ס׳טויג אויף כּפּרות, געהען מיר צו צו בוראַנ׳ען און רופֿען זיך אָן:

—פּעטער, האַ, פּעטער, וואָס שפּאַנסטו אַזוי אין אײן אָטעם? מען בעדאַרף אָבּרוהען אַ ביסעל, זיך עטוואָס צולעגען.

דרעהט ער זיך אום צו אונז, קוקט אונז אָן און לאָזט זיך ווײטער אין וועג.

—וואָס אײלט איהר אַזוי? וואָס ווילט איהר אַזוי רוהען?—זאָגט ער.—וואַרט, אין וואַרקי אָדער אין פּאָגיבאַ וועט אײך דער ביקס אַוועקלעגען, וועט איהר דעמאָלט קאָנען ליגען און ליגען.

—אַ, זאָלסטו דיר אָפּבײסען די צונג!—דאָך האָבען מיר זיך נישט געשפּאַרט מיט איהם—פּאָרט אַנ׳אַלטער בראָדיאַגע. אַגב האָבען מיר אַלײן אײנגעזעהן, אַז דאָס איז נישט קײן גלײ-כע זאַך: דעם ערשטען טאָג בעדאַרף מען וואָס מעהר געהן. איצט איז נישט די צײט צו רוהען.

זענען מיר שוין אַדורכגעגאַנגען נאָך אַ שטיקעל וועג. קלאַפּט מיר ווידער וואָלאָדקע אין דער זײט:

—הערסטו, וואַסילי, מיר געפעלט נישט דער עסק!

—וואָס איז שוין ווידער?

—ביז וואַרקי, זאָגט מען, איז איינגאַנצען צוואַנציג וויאָרסט. ביי אַנ׳אַלטצעהן וויאָרסט זענען מיר שוין אַוודאַי אַדורכגעגאַנגען. האָב איך מורא, מיר זאָלען זיך נישט אָנשטויסען אויף אַ קאָרדאָן.

—בוראַן, האַ, בוראַן!.. פעטערל!—שרייען מיר ווידער.

—וואָס ווילט איהר?

—וואַרקי איז דאָך שוין נאָהנט.

—נאָך ווייט,—ענטפערט ער, און געהט ווייטער.

דאָ וואָלט אַוודאַי געשעהן אַנ׳אומגליק מיט אונז. צום גליק אָבער האָבען מיר דערזעהן—אויפ׳ן טייכעל שטעהט צוגעבונדען אַ שיפעל. דערזעהן דאָס שיפעל, זענען מיר אַלע שטעהן געבליבען. בוראַנ׳ען האָט מאַקאַראָוו מיט געוואַלט אָבגעהאַלטען. וואָרום ווי-באַלד, טראַכטען מיר זיך, אַז דאָ שטעהט אַ שיפעל, מסתמא וואוינט דאָ עמיץ אין דערנאָהנט. טאַ, שטעהט-זשע, חברה-לייט, אין די קוסטעס אַריין!

זענען מיר אַריין אין טייגע. ביז אַהער זענען מיר געגאַנגען מיט׳ן טייכעל: פון איין זייט בערג און פון דער צווייטער זייט בערג, געדיכט בעוואַקסען מיט בוימער. פון סאַמע וויאָסנע-אָן געהען איבער דער אינזעל וואַרימע נעבלען און דער טאָג איז אויך געווען אַ נעבעלדיגער. זענען מיר אָבער אַרויפגעקראָכען אויפ׳ן באַרג און דורכגעגאַנגען אַ קליין שטיקעל וועג, האָט אַ ווינד גענומען בלאָזען פון טאָל און אַקוראַט פערטריבען דעם נעבעל צום ים. קוקען מיר זיך אַרום, זעהען מיר, אונטען, הינטער׳ן בערגעל שטעהט אַ קאָרדאָן, פונקט ווי אויפ׳ן לאַדאָן, סאָלדאַטען געהען-אַרום איבער׳ן הויף און הינד ליגען און דרעמלען. זענען מיר אַלע פערציטערט געוואָרען: נאָר איין קלייניגקייט און אַלע וואָלטען אַריינגעפאַלען צום וואָלף אין די ציינער.

—סטייטש, סטייטש, פעטער בוראַן, דאָס איז דאָך אַ קאָרדאָן!

—יאָ אַ קאָרדאָן. דאָס איז טאַקי וואַרקי.

—נו,—רופען מיר זיך אָן צו איהם,—זאָלסט אונז מוחל-זיין, הגם דו ביזט עלטער פאַר אונז, פונדעסטוועגען מוזען מיר זיך אַליין אַנ׳עצה געבען. מיט דיר קאָן מען אַריינפאַלען אין אַנ׳אומגליק.

האָט זיך דער אַלטער צעוויינט.

—ברידער!—זאָגט ער.—איך בין שוין אַלט. זענט מיר מוחל. איך געה שוין אַרום פערציג יאָהר, די פיס שוין אויס-געטראָטען, דער זכרון דינט מיר שוין נישט: אַ טייל געדענקט זיך נאָך און אַ טייל שוין איינגאַנצען פערגעסען. איהר מוזט מיר מוחל-זיין. איצט אָבער מוז מען וואָס גיכער אַוועק פון דאַנען. גאָט זאָל אויסהיטען, ווען עמיץ זאָל געהן נאָך אַ יאַג-דע צום קאָרדאָן אָדער דער ווינד זאָל פערטראָגען צו די הינד דעם בראָדיאַגע-ריח—דעמאָלט זענען מיר פערפאַלען.

זענען מיר אַוועק ווייטער. אין וועג האָבען מיר איבער-געשמועסט צווישען איינאַנדער און בעשלאָסען, מען זאָל אַכ-טונג געבען אויף בוראַנ׳ען. חברה האָט מיך אויסגעקליבען פאַר אַ פיהרער. איך בעדאַרף, הייסט עס, השגחה-געבען אויף דער אָרדנונג און בוראַן וועט געהן פאָראויס, ווייל ער ווייס דאָך דעם וועג. אַ בראָדיאַגע האָט שוין געוועהנטע פיס: דער גוף מעג איינגאַנצען אַוועקשטאַרבען, אָבער די פיס לעבען נאָך—געהט ער זיך, מאַכט איין טריט נאָכ׳ן צווייטען. און אַזוי איז טאַקי דער זקן געגאַנגען סאַמע ביז׳ן טויט אַריין.

על-פי-רוב זענען מיר געגאַנגען מיט די בערג. דאָס איז אַפילו אַ שווערער וועג, דערפאַר אָהן סכנות-נפשות. אויף די בערג רוישט די טייגע, טייכעלעך לויפען און שפּילען איבער די שטיינער. דער היליאַק וואוינט אין די טאָלען, ביי די טייכען און ימ׳ען, ווייל ער נעהרט זיך מיט די פיש, וואָס געהען אַריין פון ים אין די דאָרטיגע טייכען. קיטאַ הייסען דידאָזיגע פיש, און זיי זענען פאַרהאַן אַזויפיל, אַז עס איז פשוט צו שטיינען. ווער עס האָט נישט געזעהן מיט די אייגענע אויגען, דער וועט אַפילו נישט גלויבען: מיט די הענד פלעגען מיר כאַפּען די פיש.

אַזוי זענען מיר אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען פאָרזיכֿטיג און אָבגעהיט. זענען מיר נאָר געווען עטוואָס זיכֿערער, זענען מיר אַראָב צום ים אָדער צו אַ טייכֿעל, אָבער קוים האָבען מיר געהאַט עטוואָס ספקות, פלעגען מיר ווידער זיך האַלטען מיט די שפּיצען פון די בערג. די קאָרדאָנען זענען מיר אַרומגעגאַנגען פּאַוואָליע און פאָרזיכֿטיג, אָבער שטעהן שטעהען זיי פערשידען: אַמאָל אויף אַ מהלך פון צוואַנציג וויאָרסט און אַמאָל אויף גאַנ-צע פופציג. טרעפען פאָראויס, וואו עס געפינט זיך אַ קאָרדאָן, איז געווען אונמעגליך, אָבער גאָט האָט זיך דערבאַרמט איבער אונז, מיר זענען בשלום אַריבער אַלע קאָרדאָנען ביז דעם לעצטען...

VI.

דער בעל-מעשה האָט זיך אָנגעוואָלקענט און אַנטשוויגען געוואָרען.

—נו, וואָס-זשע איז ווייטער געשעהן?—האָב איך אַ פרעג געטאָן.

—דאָס פערד... שטעהט שוין צופיל... צייט אָבצובינדען עס...

מיר זענען אַרויס אין דרויסען. דער פראָסט איז געפאַלען, דער נעבעל איז צורונען געוואָרען. דער בראָדיאַגע האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן הימעל.

—שוין נאָך האַלבע נאַכט,—האָט ער זיך אָנגערופען.

איצט האָבען זיך דייטליך געזעהן די יורטעס פונ'ם שכנ'ישען ישוב, מחמת דער נעבעל האָט נישט געשטערט. דער ישוב איז געשלאָפען. ווייסע פאַסען רויך האָבען שטיל און שלעפעריג זיך געקנוילט אין דער לופטען און טיילמאָל פלעגען זיך פלוצלונג אַרויסרייסען פון אַ קוימען גאַנצע סנאָפעס פונקען, וואָס פלעגען זיך ווילד צוטאַנצען אינ'ם פראָסט. די יאַקוטען הייצען דעם אויווען אַ גאַנצע נאַכט אָהן הפסקות, אָבער די הייץ ווערט זעהר שנעל אַרויסגעצויגען דורכ'ן קורצען אָפענעם קוימען און דעריבער, אַז עמיץ כאַפט זיך אויף דער ערשטער פון קעלט, וואַרפט ער צו פריש האָלץ.

דער בראָדיאַגע איז אַ ווײַלע געשטאַנען און געשוויגען, קוקענדיג אויפ׳ן יאַקוטען-ישוב. נאָכדעם האָט ער אָבגעזיפצט.

—ס׳זעהט-אויס ווי אונזער דאָרף, כלעבען! איך האָב שוין לאַנג נישט געזעהן קיין דאָרף. די יאַקוטען וואוינען אין די נאַסלעגען, ווי חיות אין וואַלד—איינזאַם און אַליין... עך, ווען איך וואָלט כאָטש געקאָנט זיך אַריבערציהען אַהער, וואָלט איך אפשר אויסגעהאַלטען.

—נו, אין נאַסלעג וועט איהר נישט אויסהאַלטען? איהר האָט דאָך אַ ווירטשאַפט. איהר זאָגט דאָך, אַז איהר זענט צו-פרידען מיט אייער מעמד...

דער בראָדיאַגע האָט נישט באַלד געענטפערט.

—שוין קיין כוח נישטאָ, אָט וואָס! וואָלטען מיינע אויגען נישט געזעהן דעם הייגען קאַנט!

ער איז צוגעגאַנגען צום פערד, אַ טאַפּ געטאָן איהם אונטער דער גריווע, אָנגעפּאַטשט אין האַלז. דאָס קלוגע פערד האָט אָבגעקעהרט צו איהם דעם קאָפּ און גענומען הירזשען.

—נו, גוט, גוט!—האָט וואַסילי האַרציג אַ זאָג געטאָן.—איך וועל דיך אָבבינדען. זעה-נאָר, סערקאָ, זאָלסט מיך מאָרגען נישט פערשעמען. איך וועל עס מאָרגען לאָזען לויפען מיט די טאָטערשע פערד. דאָס איז זעהר אַ וואויל פערדעל. איך האָב עס אויסגעלערענט צו לויפען און יעצט קאָן עס קאָנקורירען מיט יעדען גוטען לויף-פערד. אַ ווינד.

ער האָט אָבגעבונדען דאָס ציימעל און דאָס פערד איז פרעהליך אַוועגלאָפען צום בערגעל היי.

וואַסילי איז נאָך אַלץ געווען אָנגעוואָלקענט. ער האָט אַזוי ווי פערגעסען אָדער נישט געוואָלט פאָרטזעצען זיין מעשה. איך האָב איהם דערמאָהנט, אַז איך וואַרט אויפ׳ן המשך.

—און וואָס איז דאָ צו דערצעהלען?—האָט ער טריב אַרויסגעזאָגט,—באמת איך וויים נישט... אונז איז נישט געלונגען... אָבער אַז איך האָב שוין אָנגעהויבען, טאָ לאָמיר ענדיגען...

צוועלף טעג זענען מיר געגאַנגען און אַלץ נישט

אַדורכגעגאַנגען די אינזעל סאַכאַלין. אין דער׳אמת׳ען אָבער האָבען מיר שוין אויפ׳ן אַכטען טאָג בעדאַרפט זיין אויף דער אַמורישער זייט. אָבער דאָס איז געשעהן דערפאַר, ווייל מיר זענען נישט זיכער געווען אין אונזער קאָמאַנדיר. מיר האָבען נישט געוואָלט זיך פערלאָזען אויף איהם. וואָלטען מיר געגאַנגען איבער גלאַטע ערטער, מיט׳ן ברעג, וואָלטען מיר אַודאַי שנעל געקומען, אָבער מיר האָבען געמוזט געהן איבער בערג און טאָלען, איבער וויסטענישען און טייגעס און געפאַלענע בוימער... נו, ווי געהט מען דאָ שנעל? אונזער פראָוויזיע האָט זיך שוין אָנגעהויבען אויסצונעהמען, ווייל מיר האָבען אָנגעגרייט נאָר אויף צוועלף טעג. האָבען מיר גענימען פערקלענערן די פּאָרציעס. מיר האָבען אַרוסגעגעבען וועניג סוכאַרעס און יעדער האָט זיך בעדאַרפט אַליין דערנעהרען: אין טייגע זענען געווען אַ סך יאַגדעס. אַזויאַרום זענען מיר געקומען צו אַ קליין אויסגוסעל, וואָס הייסט לימאַן. דאָס וואַסער פונ׳ם אויסגוסעל איז געזאַלצען; טיילמאָל אָבער טרייבען אָן אַהער די כוואַליעס פונ׳ם טייך אַמור און דעמאָלט איז שוין דאָס וואַסער נישט געזאַלצען. נו, ווען מיר וואָלטען געקאָנט בעקומען אַ לאָדקע, וואָלטען מיר דאָ, אויף דעמדאָזיגען אָרט, געקאָנט זיך אַריבערפּעקלען אויף דער אַמורישער זייט.

האָבען מיר גענומען אַרומטראַכטען און אַרומקלערן, וואו מיר זאָלען בעקומען אַ לאָדקע. זאָגען מיר צו בוראַנ׳ען: „גיב עפּיס אַ גוטע עצה!״ אָבער פון בוראַנ׳ען איז גאָר אַ תל געוואָרען: די אויגען אויסגעלאָשען, זעהט-אויס הויט און ביין און וואָס צו עצה׳ן ווייס ער נישט. „ביז די היליאַקעס, מאַכט ער, קאָן מען בעקומען אַ לאָדקע.״ אָבער וואו זענען דידאָזיגע היליאַקעס און ווי אַזוי קאָן מען ביי זיי אַרויסבעקומען אַ לאָדקע, דאָס ווייס ער נישט.

—נו,—רופען מיר זיך אָן, איך מיט וואָלאָדקע׳ן, צום עולם: „איהר וואַרט דאָ אויף אונז און מיר וועלען זיך אַוועקלאָזען מיט׳ן ברעג. אפשר וועלען מיר זיך אָנשטויסען אויף די היליאַקעס און איינהאַנדלען ביי זיי אַ לאָדקע אָדער צוויי. אָבער

וועהט-נאָר, זענט פאָרזיכטיג, וואָרום דאָ, אין דערנאָהנט ערגעץ מוז אַודאי שטעהן אַ קאָרדאָן.

זענען זיי פערבליבען און מיר זאַלבעדריט זענען אַוועק מיט׳ן ברעג. זענען מיר געגאַנגען און געגאַנגען און געקומען צו אַ פעלז. קוקען מיר זיך אַרום, זעהען מיר, ווי אונטען, ביים טייכעל, שטעהט אַ היליאַק און מאַכט צורעכט עפּיס אַ כלי. גאָט האָט איהם אונז צוגעשיקט, דעמדאָזיגען אָרקון.

—וואָס, אַ נאָמען איז דאָס אָרקון?—האָב איך איהם אַ פרעג געטאָן.

—איך וויים אַליין נישט. אפשר אַ נאָמען און אפשר הייסט דאָרט אַזוי זייער סטאַראָסטע. איך קאָן אייך נישט זאָ-גען. אָבער אַז מיר זענען צוגעגאַנגען צו איהם פּאַמעליכעל—זאָל ער נאָר נישט אַנטלויפען, טראַכטען מיר—און אַרומגערינ-געלט איהם, האָט ער זיך גענומען קלאַפּען מיט׳ן פינגער אין דער ברוסט: „אָרקון,—מאַכט ער,—אָרקון.״ און וואָס איז אַזוינס אָרקון, ווייסען מיר נישט. פּרובען מיר זיך דורכשמועסען מיט איהם. וואָלאָדקע האָט גענומען אַ שטעקעלע און אָנגעצייכענט אַ לאָדקע אויפ׳ן זאַמד,—אָט דאָס, הייסט עס, פאָדערן מיר פון דיר. האָט דער היליאַק באַלד פערשטאַנען, וואָס מיר ווילען, האָט ער גענומען שאָקלען מיט׳ן קאָפּ און בעוויזען אויף די פינגער: דאָ בעווייזט ער צוויי, דאָ פינף און דאָ אַלע צעהן פינגער. ווייסען מיר נישט, וואָס ער מיינט דאָ מיט די פינגער, אָבער מאַקאַראָוו האָט זיך באַלד געכאַפּט:

—ברידער,—מאַכט ער,—ער בעדאַרף דאָך צו וויסען, וויפיל מענשען זענען מיר און ווי גרויס בעדאַרף זיין די לאָד-קע.

—אמת!—זאָגען מיר און מיר בעווייזען דעם היליאַק, אַז מיר אַלע צוזאַמען זענען צוועלף פאַרשוין.

האָט ער ווידעראַמאָל אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ—אַ סימן, אַז ער האָט פערשטאַנען.

נאָכדעם הייסט ער אונז, מיר זאָלען איהם אָבפיהרען צו אונזערע חברים. האָט עס אונז אַפילו געשראָקען א ביסעל. אבער

וואָס קאָן מען דאָ מאַכען? מיט די פיס אַריבערשפּרייזען דעם ים—קאָן מען נישט. נו, האָבען מיר איהם אַוועקגעפיהרט. דערזעהן דעם היליאַק, האָט חברה גענומען וואָרטשען: „צו וואָס האָט איהר געבראַכט דעם היליאַק? וואָס, איהר ווילט, ער זאָל אונז זעהן?" רופען מיר זיך אָן: „שווייגט, מיר וועלען שוין מיט איהם עפּיס מאַכען אַנ'עסק." און דער היליאַק—גאָרנישט, ווי נישט איהם מיינט מען, געהט זיך אַרום צווישען אונז און שרעקט זיך נישט. ער טאַפּט נאָך אַפילו אונזערע כאַלאַטען.

האָבען מיר איהם אַוועקגעגעבען די כאַלאַטען, וואָס מיר האָבען געהאַט אין רעזערוו, האָט ער זיי אַרומגעבונדען מיט אַ רימען. אַרויפגעוואָרפען אויפ'ן פּלייצע און גענומען אַראָבגעהן פון באַרג. געהען מיר, נאַטירליך, נאָך איהם, זעהען מיר, אונטען, אין דערנידער, שטעהען זיך היליאַקישע יורטעלעך, אַזוי ווי אין אַ דערפעל.

— נו, וואָס-זשע אָבער וועט זיין איצט?—האָט חברה געצווייפעלט.—אין דאָרף איז ער דאָך אַוועק, אַלע היליאַקעס וועט ער דאָך צונויפזאַמלען!..

—נו, וואָס שרעקען מיר זיך?—זאָגען מיר.—אינגאַנצען זענען דאָ פיר יורטעס. וויפיל, אַלזאָ, מענשען קאָנען דאָ זיין? מיר אָבער זענען דאָך עפּיס צוועלף פאַרשוין און גוטע מעסערס האָבען מיר—דריי פערטעל אַרשין די לענג. און ווי אַזוי קאָן מען פערגלייכען אַ היליאַק מיט אַ רוס? אַ רוס איז דאָך עפּיס געקנאָטען פון ברויט און יענער פרעסט בלויז פיש. אַ סך כוח וועסטו אָנזאַמלען פון פיש? וואָס קאָנען זיי אונז טאָן?

אָבער מען בעדאַרף זאָגען דעם אמת, איך האָב מיך אויך אַ ביסעל געשראָקען: זאָל נאָר נישט געשעהן עפּיס אַנ'אומגליק. אָט שטעהען מיר ביים ברעג פון דער אינזעל סאַכאַלין, אָבער צי וועט אונז דער אויבערשטער העלפען און מיר וועלען זיך אַריבערפעקלען אויף דער צווייטער זייט? אויף יענער, אויף דער אַמורישער זייט, איבער'ן אויסגוס, זעהען זיך בלויע בערג אונטער'ן ברעג פון הימעל. וואָלט איך געווען אַ פויגעל, וואָלט איך מיך,

דאַכט זיך, אויפגעהויבען און אַוועקגעפלויגען. אָבער דער עלענ-בויגען איז נאָהנט און איינבייסען איהם קאָנסטו פאָרט נישט!..

נו, מילא, האָבען מיר עטוואָס צוגעוואַרט. זעהען מיר, ווי עס געהט צו אונז אַ כאַליאַסטרעלע היליאַקעס. אָרקון געהט פאָראויס און אַלע האַלטען שפּיזען די הענד. „נו, זעהט איהר,— ווערט אַ געמורמעל צווישען עולם,—די היליאַקעס געהען זיך שלאָגען!..״—נו, מילאָ,—רוף איך מיך אָן—וואָס עס זאָל אָבער נישט געשעהן—די מעסערס מוזען זיין געגרייט. קיינער טאָר זיך נישט אונטערגעבען אַ לעבעדיגער און אַ לעבעדיגען טאָר מען זיי קיין איינעם אין די הענד אַריין נישט איבערגעבען. ווערט מען איינעם דער׳הרג׳ענעם—מילאָ, איז פערפאַלען, מסתמא איז שוין יענעם בעשערט דער׳הרג׳עט צו ווערען! אָבער מען בעדאַרף שטעהן מיט אַלע כוחות פאַר דעם, אין וועלכען עס טליעט נאָך עטוואָס לעבען. אָדער אַלע וועלען אומקומען, אָדער אַלע ווע-לען גליקליך אַרויס. האַלט זיך פעסט, חברה-לייט!

אָבער די היליאַקעס זענען דאָ גאָט די נשמה שולדיג גע-ווען. אָרקון האָט דערזעהן, אַז מיר זענען אופגערעגט, האָט ער איינעם איבערגעלאָזט מיט אַלע שפּיזען און צו אונז איז ער אַרויף מיט די היליאַקעס גאָר אָהן געוועהר. דאָ האָבען מיר שוין איינגעזעהן, אַז די היליאַקעס האָבען עהרליכע כוונות, זע-נען מיר אַוועק מיט זיי צו יענעם פונקט, וואו עס זענען גע-שטאַנען פערבעהאַלטען זייערע שיפלעך. צוויי שיפלעך האָבען זיי אַרויסגעשלעפּט—איינס אַ גרעסערס, דאָס צווייטע אַ קלענערס. אַכט פאַרשוין האָט אָרקון געהייסען זיך אַריינלאָזען אינ׳ם גרע-סערן שיפעל, די איבעריגע אינ׳ם קליינעם.

האָבען מיר שוין, הייסט עס, שיפלעך אויך, אָבער אַרי-בערפעקלען זיך אויף יענעם ברעג, קאָן מען נישט. פון דער אַמורישער זייט האָט געיאָגט אַ גרדיסער ווינד, די כוואַליעס האָבען זיך הויך אויפגעהויבען און געפּאַטשט אין ברעג. אין אַזאַ יויעטער און אין אַזוינע לאָדקעלעך האָט מען בשום-אופן נישט געקאָנט זיך אַריבערשיפען.

צוליב דעם ווינד האָבען מיר געמוזט פטר׳ן נאָך צוויי

טעג אויפ׳ן ברעג. אָבער אונזער פראָוויזיע איז אויסגעגאַנגען און מיר פּאַקען אַלץ דעם בּויך מיט יאַגדעס. אָבער דער גור־טער אָרקון, געבענשט זאָל ער זיין, האָט אונז געגעבען פיר יוקאָלעס—אַזאַ מין פיש, האָבען מיר זיך גענעהרט דערמיט. זעהר אַנ׳עהרליכער היליאַק געווען, גאָט זאָל איהם בעצאַהלען דערפאַר. נאָך איצט קומט ער מיר עפטער אויפ׳ן זכּרון!

עס געהט-אַוועק אַ טאָג, און מיר פיינִיגען זיך אויפ׳ן ברעג. דאָס האַרץ ווערט פּשוט צוריסען פון עגמת-נפש. נעכ־טיגען מיר שוין איבער די נאַכט, שטעהען אויף איינדערפריה— דער ווינד הוליעט נאָך. בעפאַלט עפּיס אַזאַ נודנעקייט, אַז דאָס לעבען איז נישט ניחא. צוליב׳ן ווינד זעהט זיך נאָך בעסער דער אַמורישער ברעג, ווייל ער האָט פערטריבען דעם נעבעל. אונ־זער בוראַן האָט זיך אַוועגעזעצט אויפ׳ן בערגעל און איז שוין אַזוי געבליבען זיצען, מיט אַ פּאָר אויגען, אויסגעגלאָצט צו יע־נעם ברעג. ער רעדט גאָרנישט און קלייבט נישט קיין יאַגדעס. האָט עמיץ רחמנות מיט׳ן אַלטען און ברענגט איהם יאַגדעס אין היטעל—נעהמט ער און עסט, אָבער אַליין ריהרט ער זיך נישט פון אָרט. דאָס אַלטע בראָדיאַגע-האַרץ האָט זיך אָנגעצונ־דען אין איהם. און אפשר האָט ער געוואַרט אויפ׳ן טויט... עס טרעפען אַזוינע זאַכען!..

אָבער עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז מיר האָבען שוין מעהר נישט געקאָנט אויסהאַלטען און דער עולם האָט געמור־מעלט: „ביינאַכט ווען מיר ווי-עס-איז אַרויספאָהרען. ביי טאָג איז אונמעגליך, ווייל די קאָרדאָן-וואַך קאָן אונז דערזעהן, אָבער ביינאַכט איז אָהן סכּנות, און גאָט וועט אפשר העלפען, מיר וועלען זיך נישט דערטרינקען.״ אָבער דער ווינד פייפט אַלץ איבער׳ן אויסגוס, די כוואַליעס געהען און געהען. ווייסע העזעלעך שפּילען אויף די וואַלען-שפּיצען און די זקני־מ׳לעך (אַ מין מעווע) לויפען איבער׳ן ים און שרייען, ווי שדים.

—רבותי!—האָב איך מיך אָנגערופען.—לאָמיר זיך לעגען שלאָפען. ביינאַכט, אַז די לבנה וועט אויפגעהן, וועלען מיר אפשר מיט גאָטס הילף זיך אַריבערפּעקלען אויף יענער זייט.

דעמאָלט אָבער וועלען מיר שוין נישט קאָנען שלאָפען, בעדאַרפען מיר איצט אָנשלאָפען נייע כּוחות.

איז עס חברה געפעלען געוואָרען, האָט מען זיך אַנידערגעלעגט שלאָפען. אַנ׳אָרט האָבען מיר אויסגעקליבען אויפ׳ן הויכען ברעג, נעבען פעלז. פון אונטען, פון ים האָט מען אונז נישט געקאָנט זעהן: די בוימער האָבען פערשטעלט. בלויז איין בוראַן האָט זיך נישט אַנידערגעלעגט. ער איז געזעסען און האָט אַלץ געקוקט אויפ׳ן צווייטען ברעג. געלעגט האָבען מיר זיך, ווען די זון האָט גענומען נידערן, אָבער ביז נאַכט איז נאָך ווייט געווען. איך האָב מיך איבערגעצלמ׳ט, זיך צוגעהערט, ווי די ערד זיפצט-אָב, ווי דער ווינד וויגט די טייגע און בין איינגעשלאָפען.

שלאָפען מיר זיך אַזוי און שפּירען גאָרנישט, וואָס פאַר אַנ׳אומגליק עס געהט אויף אונז.

צי איך האָב אַ סך, צי ווייניג געשלאָפען, אָבער פּלוצלונג דערהער איך, ווי בוראַן רופט מיך. האָב איך מיך אויפגעכאַפּט, זעה איך, די זון וויל שוין אונטערגעהן, דער ים איז איינגעשטילט געוואָרען, אָבער איבער מיר שטעהט בוראַן מיט אַ פּאָר ווילדע אויגען.

—שטעה-אויף,—זאָגט ער,—זיי זענען שוין געקומען... נאָך דיין נשמה זענען זיי שוין געקומען...—און בעוויזט אַזוי מיט דער האַנד אויף די קוסטעס.

בין איך באַלד אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, זעה איך: סאָלדאַטען אין די קוסטעס...

איינער, נעהנטער, צילט מיט אַ ביקס, דער צווייטער, אַ ווייטערער, לויפט צו אונז, און פון בערגעל לאָזען זיך אַראָב נאָך אַ דריי סאָלדאַטען מיט אויפגעהויבענע ביקסען. אין איין רגע איז אַנטרונען געוואָרען פון מיר דער שלאָף, איך האָב ז געשריי געטאָן, און אַלע זענען אויפגעשפּרונגען, ווי איין מענש דער ערשטער סאָלדאַט האָט קוים בעוויזען אויסצושיסען, וו מיר אַלע זענען זיי בעפאַלען...

דעם בראָדיאַגעס קול איז פּלוצלונג פערשטיקט געוואָרע

פון אויפרעגונג. ער האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ. אין יורטע איז געווען האַלב פינסטער, ווייל ער האָט פערגעסען צוצעוואַרפען האָלץ.

מען האָט גאָרנישט בעדאַרפט דערצעהלען,—האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ טאָן, וואָס האָט געקלונגען, ווי אַ בקשה.

—ניין, ענדיגט שוין... וואָס איז געווען ווייטער?...

—און ווייטער?.. וואָס קאָן זיין ווייטער... איהר פערשטעהט אַליין: זיי זענען געווען זאַלבעפינפט און מיר—צוועלף פּאַרשוין. זיי האָבען געוואָלט אונז פּאַקען שלאָפענדיגערהייט, ווי די מייז, אָבער אָנשטאָט דעם, האָבען מיר זיי צוטומעלט און נישט געלאָזט, זיי זאָלען זיך צונויפזאַמלען אין איין קופּע... לאַנגע מעסערס האָבען מיר געהאַט...

אין גרויס איילעניש האָבען זיי אויסגעשאָסען צו איין מאָל, אָבער זיי האָבען נישט געטראָפען. בשעת מען לויפט פון באַרג, איז שווער זיך אָבצוהאַלטען, און אונטען שטעהען מיר, קומען זיי גלייך צו אונז אין די הענד אַריין...

—איהר וועט גלויבען?—האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ מין רחמנות-טאָן און אויפגעהויבען די אויגען מיט אַן׳אויסדרוק פון איגערליכען וועה.—אַפילו בעשיצען זיך האָבען זיי נישט געקאָנט, ווי געהעריג. זיי האָבען נאָר מיט די באַגנעטען געפּאָכט, פּונקט ווי זיי וואָלטען זיך אָבגעשלאָגען פון הינד, אָבער מיר זענען געגאַנגען אויף זיי, ווי אימה׳דיגע וועלף!..

אַ סאָלדאַט האָט מיך אַ שטאָך געטאָן אין פוס מיט׳ן באַגנעט, בלויז אַ קליין דראַפּעלע געטאָן, אָבער איך האָב מיך פערטשעפּעט און בין אומגעפאַלען. איז ער אַרויפגעפאַלען אויף מיר. פון אויבען, ווידער, איז מאַקאַראָוו אַרויפגעקראָכען. הער איך: בלוט פלייצט איבער מיר... איך מיט מאַקאַראָוו׳ן זענען אויפגעשטאַנען, אָבער דאָס סאָלדאַטעל איז געבליבען ליגען...

האָב איך מיך אויפגעהויבען, זעה איך, די לעצטע צוויי לויפען אויפ׳ן בערגעל. פאָראויס לויפט סאָלטאַנאָוו, דער נאַטשאַלניק פון קאָרדאָן, אַ מענש אַ ווילדער און אַ היציגער. אַלע קאָנען איהם. אַפילו די היליאַקעס האָבען מורא פאַר איהם

און נישט איינער פון די אונזעריגע איז שוין געפאַלען פון זיי־נע הענד. אָבער דאָסמאָל איז עפּיס אַנדערש געשעהן... ער האָט זיך אַליין בעצאָהלט...

מיר האָבען געהאַט צווישען אונז צוויי טשערקעסען, זע־נען זיי געווען געשיקט, ווי די קעץ און געוואַלטיג מוטיג. האָט זיך איינער אַ וואָרף געטאָן צו סאַלטאַנאָוו'ן און אינמיטען בערגעל האָבען זיי זיך בעגעגענט. סאַלטאַנאָוו האָט אַרויסגע־פייערט פון רעוואָלווער, דער טשערקעס האָט זיך איינגעבויגען,ביידע זענען אַנידערגעפאַלען. דעם צווייטען טשערקעס האָט אויסגעוויזען, אַז זיין חבר איז אומגעקומען, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו סאַלטאַנאָוו'ן... מיר האָבען נאָך נישט בעוויזען זיך אַרומצוקוקען, ווי ער האָט שוין אָבגעהאַקט סאַלטאַנאָוו'ן דעם קאָפּ.

אויף די פיס איז ער אויפגעשפרונגען, די צייהן האָבען איהם געגלאַנצט, אין די הענד האַלט ער דעם קאָפּ... זענען מיר אַלע פערשטיינערט געוואָרען, שטעהען מיר און קוקען... האָט ער עפּיס הויך אויסגעשריען, אויף זיין לשון... גאָכדעם האָט ער אַ פּאָר מאָל אַ פּאָך געטאָן מיט'ן קאָפּ און אַוועקגעשליי־דערט...

דער קאָפּ איז אַריבערגעפלויגען איבער די בוימער... שטיל איז געוואָרען, שטעהען מיר אַלע נישט טויט, נישט לעבעדיג און הערען: אונטען האָט אַ פּליוך געטאָן אין וואַסער—דער קאָפּ איז אין ים אַריינגעפאַלען.

און אויפ'ן בערגעל שטעהט דאָס לעצטע סאָלדאַטעל. פּלוצלונג וואַרפט ער אַוועק דעם ביקס, פערדעקט דאָס פּנים מיט די הענד און אַנטלויפט. מיר יאָגען איהם אַפילו נישט: לויף זיך, וואוהין דו ווילסט. אַליין איז ער, נעבעך, פערבלי־בען אין קאָרדאָן, ווייל זיי זענען אינגאַנצען צוואַנציג פּאַרשוין. דרייצעהן זענען אַוועקגעפּאָהרען נאָך פּראָוויזיע—אויפ'ן אַמורי־שען ברעג און האָבען זיך נישט צוריקגעקעהרט צוליב'ן ווינד און זעקס האָבען מיר אַוועקגעלעגט.

די בהלה האָט זיך געענדיגט, אָבער מיר האָבען זיך זעהר

דערשראָקען און בשום-אופן נישט געקאָנט קומען צו די רעיונות, קוקען מיר אויף אײנאַנדער: איז עס געשעהן אין חלום אָדער אויפ'ן וואָהר? אָבער פלוצלונג הערען מיר: הינטען, אויף יענעם אָרט, וואו מיר זענען געשלאָפען, אונטער'ן בוים, קרעכצט-אָב בוראַן.

דער ערשטער סאָלדאַט, וואָס האָט אויסגעשאָסען, האָט דער'הרג'עט אונזער בוראַנ'ען. נישט אינגאַנצען דער'הרג'עט—ער האָט זיך נאָך אַ ביסעל געמוטשעט. אַז די זון האָט זיך געזעצט הינטער'ן באַרג, איז דער אַלטער געשטאָרבען. עס האָט שרעקליך וועה געטאָן דאָס האַרץ אויף איהם!..

זענען מיר צוגעגאַנגען צו איהם, זעהען מיר, דער אַלטער זיצט אונטער'ן בוים. מיט דער האַנד האַלט ער זיך פאַר דער ברוסט, אויף די אויגען האָט ער טרעהרען. האָט ער מיך אַ רוף געטאָן מיט'ן פינגער. „הייס,—זאָגט ער,—די יונגען, זיי זאָלען מיר אויסגראָבען אַ קבר. סיי-ווי קאָנט איהר איצט נישט אַריבערפאָהרען דעם ים. מען מוז אָבוואַרטען ביז נאַכט, אַנישט קאָנט איהר זיך נאָך אָנבעגעגענען אויפ'ן וואַסער מיט די איבעריגע סאָלדאַטען. איך בעט אייך, איהר זאָלט מיך דאָ בעגראָבען.”

—וואָס רעדסטו, וואָס רעדסטו, פעטערל בוראַן!—רוף איך מיך אָן.—פאַר אַ לעבעדיגען מענשען גראָבט מען דאָך נישט קיין קבר... מיר וועלען דיך אַריבערפיהרען אויפ'ן אַמורישען ברעג, דאָרט וועלען מיר דיך אויף די הענד אַראָבטראָגען... גאָט איז מיט דיר...

—ניין, מיין ליבער,—מאַכט דער אַלטער,—קעגען מזל קאָן מען נישט געהן, און מיר איז שוין, קענטיג, אַזוי בעשערט צו ליגען אויף דערדאָזיגער אינזעל... מילא, פערפאַלען... דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט... זעהסטו, דאָס גאַנצע לעבען האָב איך מיך אַלץ געריסען פון סיביר קיין רוסלאַנד און איצט וואָלט איך כאָטש געוואָלט שטאַרבען אין סיביר און נישט אויף דערדאָזיגער פערשאָלטענער אינזעל...

האָב איך מיך גע'חדוש'ט אויפ'ן אַלטען—גאָרנישט דער-

זעלבער: רעדט צו דער זאַך, די אויגען קוקען איהם דיין, בלויז דער קול איז אַ שוואַכער. האָט ער אונז פערזאַמעלט אַרום זיך און געגומען לערנען:

—הערט-נאָר, קינדער,—האָט ער זיך אָנגערופען,—וואָס איך וועל אייך דערצעהלען, אָבער איהר זאָלט עס גוט אַריינ-נעהמען אין זכרון. איצט וועט איהר געהן אַליין, אָהן מיר, איבער סיביר, און איך וועל פערבלייבען דאָ. דער עסק איי-ערער איז פערבונדען מיט סכנות-נפשות נאָך ערגער ווי פרי-הער, ווייל איהר האָט דער׳הרג׳עט סאָלטאַנאָוו׳ן. איצט וועט אַוועק אַ קלאַנג וועגען דעם נישט גאָר אין אירקוטסק—אַפילו אין רוסלאַנד. מען וועט אייך נאָכשפּירען אין ניקאָלאַיעווסק. געדענקט-זשע, קינדער, געהט פּאָרזיכטיג. הונגער און קעלט וועט איהר ליידען, אָבער אין די דערפער זאָלט איהר אַריין וואָס ווע-ניגער און די שטעדט זאָלט איהר וואָס ווייטער אויסמיידען. פאַר הילי‌אַקעס זאָלט איהר זיך נישט שרעקען—זיי וועלען אייך נישט טשעפּען. נו, איצט נעהמט אייך אַריין גוט אין קאָפּ, מחמת איך וועל אייך זאָגען דעם וועג אויף דער אַמורישער זייט. פאַר דער שטאָדט ניקאָלאַיעווסק וועט איהר האָבען אַ הוי-פּעל און אין דעמדאָזיגען הויפּעל וואוינט אונזער בעל-טובה, דער סוחר טאַרכאַנאָווס אַ פּריקאַזטשיק. אַמאָל האָט ער אויף סאַכאַלין געהאַנדעלט מיט די הילי‌אַקעס, איז ער איינמאָל פערפאָהרען מיט סחורה אין די בערג און האָט פערלוירען דעם וועג, זיך פערבלאָנזשעט. און מיט די הילי‌אַקעס האָט ער געהאַט עפּיס אַ סכסוך, אַ קריג. האָבען זיי דערזעהן, אַז ער איז פערקראָכען אין אַ העק, האָבען זיי איהם אַוועקגעלעגט דאָרט, כמעט אינ-גאַנצען דער׳הרג׳עט. אין דער אייגענער צייט אָבער זענען מיר, סאַכאַלינער בראָדיאַגעלעך, געגאַנגען מיט דעם אייגענעם טאָל... דעמאָלט האָב איך דאָס ערשטע מאָל געמאַכט פּליטה פון סאַ-כאַלין. הערען מיר, ווי אַ רוסישער מענש בעט הילף אין דער טייגע, האָבען מיר זיך אַלאָז געטאָן אין טאָל און מציל-געווען איהם פון די הילי‌אַקעס... פון דעמאָלט-אָן געדענקט ער אונז, אונזער בעל-טובה: „איך בעדאַרף אייך,—זאָגט ער—נישט אַרויס-

לאָזען פון אויג ביז'ן סאַמע טויט," און מיר האָבען שטענדיג אַ טובה פון איהם. איהר זוכט איהם אָב, וועט איהר זיין גליק-ליך און ער וועט אייך שוין בעהילפיג זיין.

דער אַלטער האָט אונז איבערגעגעבען, ווי אַזוי, מיט וואָסערע ווערטער מיר זאָלען געהן, ווי אַזוי מיר זאָלען זיך האַל-טען, און נאָכדעם האָט ער זיך אָנגערופען:

—איצט, קינדער, טאָרט איהר נישט פערלירען קיין צייט. וואַסילי, זאָג זיי, מען זאָל מיר דאָ אויסגראָבען אַ קבר, ווייל דער אָרט איז אַ גוטער. זאָל דער ווינד פון דער אַמורישער זייט דערפליהען אַהער און דער ים זאָל רוישען. איילט זיך אָבער צו, קינדער, נעהמט זיך אַלע צו דער אַרבייט!

האָבען מיר אַזוי געטאָן.

דאָ זיצט דער אַלטער אונטער'ן בוים און דאָ גראָבען מיר איהם אַ קבר. אויסגעגראָבען מיט די מעסערס דעם קבר, האָבען מיר אָבגעזאָגט אַ תפילה צו גאָט, אָבער דער אַלטער האָט געשוויגען, בלויז מיט'ן קאָפּ געשאָקעלט און געוויינט. אַז די זון איז פערגאַנגען, איז דער אַלטער געשטאָרבען. און אַז עס איז געוואָרען פינסטערליך, האָבען מיר איהם מקבר-געווען.

זענען מיר אַרויסגעשוואומען אויפ'ן מיטען אויסגוס, איז אויפגעגאַנגען די לבנה. עס איז ליכטיגער געוואָרען. האָבען מיר זיך אַלע אַרומגעקוקט, די היטלען אַראָבגענומען... הינטער אונז הייבט זיך די אינזעל סאַכאַלין און אויף בוראַנעס בערגעל שטעהט אַ בוים...

אַריבערגעפּעקעלט זיך אויף דער אַמורישער זייט, הערען מיר, ווי די היליאַקעס ריידען דאָרט: „סאַלטאַנאָווס קאָפּ, וואַ-סער..." מאָדנע מענשען זענען דידאָזיגע היליאַקעס. פויגלען, קענטיג, ברענגען זיי אויפ'ן עק די סאַמע לעצטע ידיעות. וואָס עס זאָל נישט געשעהן, ווייסען זיי עס באַלד אין דער אייגע-נער מינוט. עטליכע היליאַקעס האָבען מיר געטראָפען ביים ים—פיש האָבען זיי געכאַפּט. שאָקלען זיי מיט די קעפּ, לאַכען. מסתמא, צופרידען פון אונזער שטיקעל אַרבייט. אָבער מיר קלע-רען זיך בעת-מעשה: שדים, רוחות, אייך איז גוט צו לאַכען,

אָבער ווי איז עס אונז אויף דער נשמה! פאַר דעמדאָזיגען קאָפּ וועלען מיר אַלע אפשר מוזען בעצאָהלען מיט דעם אייגענעם קאָפּ. נו, האָבען זיי אונז געגעבען פּיש. מיר, ווידער, האָבען זיי אויסגעפּרעגט מכח דעם וועג און זענען ווייטער אַוועק. געהען מיר אַזוי איבער דער ערד, ווי איבער הייסע שטיינער און עס שרעקט אונז יעדער שאָרך און יעדעס הויפעל ווייכען מיר אויס, און פון אַ רוסישען מענשען בעגראָבען מיר זיך אין טייגע. דאָס איז דאָך עפּיס שרעקליך...

בייטאָג רוהען מיר אין די טייגעס, ביינאַכט שפּאַנען מיר ווייטער. בעגינען זענען מיר צוגעגאַנגען צו אַ הויפעל, וואָס איז געשטאַנגען אין וואַלד, אַרומגעצוימט מיט אַ פּאַרקאַן און דער טויער איז געוועזען פעסט צוגעשלאָסען. לויט די סימנים, וואָס בוראַן האָט אונז איבערגעגעבען, בעדאַרף עס זיין טאַרכאַנאָווס הויף. געהען מיר צו, קלאַפּען-אָן מיט גרויס דרך-ארץ, זעהען מיר: עמיץ צינדט-אָן פייער און פרעגט:

—ווער קלאַפּט עס דאָרטען?

—בראָדיאַגעלעך,—ענטפערן מיר,—פאַר סטאַכעי מיטריטש'ן אַ גרוס געבראַכט פון בוראַנ'ען.

אָבער סטאַכעי מיטריטש, טאַרכאַנאָווס הויפּט-פּריקאַזטשיק, איז בעת-מעשה נישט געווען אינדערהיים, און אינ'ם הויפעל האָט ער איבערגעלאָזט זיין משרת. און אָנגעזאָגט האָט ער דעמדאָזיגען משרת, אַז אויב עס וועלען קומען די סאַכאַלינער, זאָל ער זיי אַרויסגעבען צו פינף רובל אויף אַ פּאַרשוין און שטיוועל און האַלבע פּעלצלעך און וועש און פּראָוויזיע—וויפיל מען וועט נאָר בעדאַרפען. „ווי גרויס זייער צאָל זאָל נישט זיין,—האָט ער געזאָגט,—זאָלסטו זיי אַלעמען בעפרידיגען, און דאָס, וואָס דו וועסט זיי אַרויסגעבען, זאָלסטו בעשטעטיגען דורך עדות.”

אין הויפעל האָט מען שוין געוואוסט פון דער רציחה איבער סאַלטאַנאָוו'ן, האָט זיך דער משרת, דערזעהנדיג אונז, שטאַרק דערשראָקען.

—אַך, ברידערלעך,—רופט ער זיך אָן,—האָט איהר נישט

צומאָל דער'הרג'עט סאַלטאַנאָוו'ן? אויב אַזוי איז דאָך שלעכט!

—זעהסטו, מיר, צי נישט מיר—וועגען דעם איז איצט נישט די צייט צו ריידען. זאָגט בעסער, צי וועט איהר אונז נישט בעהילפיג זיין אין אונזער שווערער לאַגע. פון בוראַנ'ען האָבען מיר אַ גרוס פאַר סטאַכעי מיטריטש'ן.

—וואו איז בוראַן אַליין? האָט מען איהם שוין ווידער אַריינגעפּאַקט אין סאַכאַלין?

—יאָ, אַריינגעפּאַקט,—זאָגען מיר,—אָבער ער איז שוין אויף יענער וועלט.

—נו, אַ ליכטיגען גן-עדן זאָל ער האָבען... אַ וואוילער בראָדיאַגע געווען, אַנ'עהרליכער מאַן, כאָטש נישט זעהר קיין קלוגער. סטאַכעי מיטריטש דערמאָהנט איהם נאָך עד-היום. איצט וועט ער שטעלען אַ ליכטעל נאָך איהם, אָבער ווי איז זיין נאָמען? ווייסט איהר נישט, חברה?

—מיר ווייסען נישט. בוראַן און בוראַן—אַזוי האָט מען איהם גערופען. דאַכט זיך, אַז דער נפטר אַליין האָט נישט געוואוסט, ווי אַזוי ער האָט געהייסען. אַ בראָדיאַגע בעדאַרף קיין נישט האָבען.

—יאָ. עך, ברידער, אַ שווער לעבען האָט איהר!.. טאָמער וויל דער פּאָפּ זאָגען פאַר גאָט אַ גוט וואָרט וועגען אייך, ווייס ער נישט, ווי אַזוי איהר הייסט... האָט דאָך דער בראָדיאַגע געמוזט אַמאָל האָבען אַהיים: ברידער, שוועסטער און אפשר קינדערלעך אויך.

—נו, געוויס אַזוי. דער בראָדיאַגע האָט אַפילו אַוועקגעוואָרפען זיין אייגענעם נאָמען, אָבער אַ באַבע האָט דאָך איהם געבוירען אויף דער וועלט, אַזוי ווי אַלע מענשען...

—אַ ביטער לעבען לעבט איהר! אָך, זעהר אַ ביטער לעבען...

—וואָס קאָן זיין ביטערער: מיר עסען דאָס, וואָס מיר בעטלען-אויס, טראָגען דאָס, וואָס מען וואַרפט-אַוועק, און אַז מיר וועלען שטאַרבען, וועלען מיר צו קבורה נישט קומען. נישט יעדער בראָדיאַגע איז זוכה צו אַ קבר. אין אַ מדבר

שטאַרבט ער—דאָרט פרעסט איהם אויף די בלוטדורשטיגע חיה, דאָרט פיקעט איהם לאַנג דער פויגעל און אַפילו זיינע ביינ־דעלעך בלייבען נישט ליגען אין איין אָרט: דער גרויער וואָלף צעוואַרפט זיי אין פערשידענע זייטען. אָך, אַ ביטער לעבען האָבען מיר!

און בעווייגט אונזער מזל האָבען מיר. הגם מיר ריידען רחמנות׳דיגע רייד צום משרת—מיט אַ סיבירער מענשען מוז מען ריידען וואָס רחמנות׳דיגער, וועט ער דיר אַלץ מעהר גע־בען—דאָך אָבער שפירען מיר אַליין, אַז דאָס איז אמת, אַז דאָס שטימט פינטעל אין פינטעל מיט׳ן אמת. אָט, קלערען מיר, וועט ער באַלד געהמען געגעצען, נאָכדעם וועט ער זיך אי־בער׳צלמ׳ען און זיך אַ וואָרף טאָן שלאָפען... אין וואַרימקייט, אין זאַטקייט, אָהן מורא, אָהן שרעק, אָבער אין דער פינסטע־רער נאַכט מוזען מיר אַרומבלאָנקען אין אַ ווילדער טייגע און, פונקט ווי די נישט־גוטע, וועלען מיר פאַרטאָג, ביים ערשטען קרעה פון די העגער, זיך פערבאָרגען און אויסבעהאַלטען פון מענשען.

——חברה,—רופט זיך אָן דער משרת,—איך מוז שוין געהן שלאָפען. איך שענק אייך פון מיין זייט צו פערציגער אויף אַ פאַרשוין; אויך וועט איהר בעקומען דאָס, וואָס איהר דאַרפט בעקומען, און געהט אייך בשלום. אַלע אַרבייטער קאָן איך נישט אויפוועקען, וועל איך נעהמען אַ דריי זיכערע אַר־בייטער און זיי וועלען שוין בעשטעטיגען דאָס אַלץ, וואָס אייך איז אַרויסגעגעבען געוואָרען. זענט אָבער פאָרזיכטיג, איהר זאָלט נישט אַריינפאַלען אין אַ גרויס אומגליק. אין דער שטאָדט גיקאָלאַיעווסק טאָרט איהר גאָרנישט אַריינקומען. איך בין נישט לאַנג געקומען פון דאָרטען. דער איספראַווניק איז דאָרט אַ נייער און זעהר אַ היציגער. ער האָט געהייסען פערהאַלטען אַלע דורכגעהער, יוער עס זאָל נישט זיין. „אַ קראָה,—זאָגט ער,—וועל איך נישט לאָזען פאַרבייפליהען און אַ האָז וועל איך נישט לאָ־זען אַדורכשפרונגען און אַ חיה וועט ביי מיר נישט אַדורכלויפען און די סאַכאַלינער חברה־לייט וועל איך אויסכאַפען, ווי די מיז!" איהר וועט זיין גליקליך, ווען איהר וועט קאָנען זיך אַדורכ־

שמוגלען פאַרביי דערדאָזיגער שטאָדט, אָבער אין שטאָדט גופא זאָלט איהר בשום אופן נישט אַריין.

האָט ער אונז אַרויסגעגעבען דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אונז בעדאַרפט אַרויסגעבען און אויסערדעם האָבען מיר נאָך בעקומען פון איהם פיש און צו פערציגער אויף אַ פאַרשוין— פון זיין אייגענער קעשענע. נאָכדעם האָט ער זיך איבערגע׳צלמ׳ט צום הימעל און פערשלאָסען דעם טויער. באַלד האָט מען אין הויפעל אויסגעלאָשען די פייערן און זיך געלעגט שלאָפען; צו טאָג איז נאָך געווען ווייט. מיר זענען אַוועק מיט אונזער וועג, און אין דערדאָזיגער נאַכט איז אונז אַלעמען זעהר נודנע געווען.

אָך, יעדער בראָדיאַגע איז אָנגעפילט מיט עפּיס אַ שרעקליכער בענקעניש! די נאַכט איז אַ פינסטערע, די טייגע איז אַנ׳איינגעשלאָסענע... דער רעגען וואַשט דיך, דער ווינד טרייקענט דיך, און אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ פאַר דיר קיין היימיש ווינקעלע, קיין אָבדאַך... עס ציהט, עס בענקט זיך אַלץ נאָך דער היים, אָבער אַז דו קומסט אַהיים, ווייס יעדער הונד, אַז דו ביזט אַ בראָדיאַגע...און נאַטשאַלסטוואָ איז דאָ שטענדיג אַ סך און נאַטשאַלסטוואָ איז שטרענג... לאַנג וועסטו דאָרט אַרומגעהן אַ פרייער? מען וועט דיך ווידער אַריינפּאַקען אין תפיסה אַריין!

און אַפילו דידאָזיגע תפיסה זעהט אַמאָל אויס, ווי אַ גן-עדן, כלעבען!.. און אָט געהען מיר און געהען ביינאַכט און וואָלאָדקע רופט זיך פלוצלונג אָן:

—נו, ברידער, וואָס טוט דאָרט איצט אונזער חברה׳לע?

—ווענען מיינסטו?

אָט אונזער חברה דאָרט אויף סאַכאַלין, אין דער זיבעטער קאַזאַרמע. זיי שלאָפען מסתמא און וויסען גאָרנישט פון צרות... אָבער ווי איז אונז דאָ!.. עך, מען האָט גאָרנישט געטאָרט אַנטלויפען...

האָב איך אָנגעשריען אויף איהם. „זיי נישט קיין באַבע! וויבאַלד אַז דו ביזט אַ שוואַך מענשעלע, האָסטו טאַקי נישט

געדאַרפט מאַכען פּליטה. מען קען דאָך פון דיר מרה-שחורה'דיג ווערען !..

און איך אַליין, דעם אמת געזאָגט, האָב מיך אויך שטאַרק פערטראַכט. אויסגעמוטשעטע זענען מיר—געהען מיר און דרעמלען. דער בראָדיאַגע האָט שוין אַזאַ טבע—ער געהט און שלאָפט. און מאַך איך נאָר צו די אויגען, קומט מיר צו חלום די קאַזאַרמע. עס לייכט די לבנה, אויף דער וואַנד ציטערט מיד דער שיין און הינטער די גראַטעס שטעהען נאַרעס און אויף די נאַרעס שלאָפען שורות'ווייז אַרעסטאַנטעל'עך. און מיר חלומ'ט זיך, אַז איך ליג אויך צווישען זיי, איך ליג און ציה מיך אויס... אָבער ווי נאָר איך ציה מיך אויס, ווערט תיכף אַנטרונען דער שלאָף פון די אויגען...

דער שרעקליכסטער חלום איז דער, ווען טאַטע און מאַמע קומען צו-חלום. מיט מיר איז אַזוי ווי גאָך גאָרנישט געשעהן און איך ווייס נישט—נישט פון אַ טורמע, נישט פון אַ סאַלאַלין און נישט פון אַ קאָרדאָן. איך ליג אינ'ם טאַטענס הייזעלע און די מוטער קאַמט און גלעט מיר די האָר. און אויפ'ן טיש שטעהט אַ ליכטעל און דערביי זיצט דער טאַטע מיט ברילען אויף די אויגען און קוקט-אַריין אין אַנ'אַלטען ספר און די מאַמע זינגט אַ ליד.

כאַפּ איך מיך אויף—וואָלט איך מיר, דאַכט זיך, אַ מעסער אין האַרצען אַריינגעלאָזט. אָנשטאָט דעם טאַטענס הייזעל—אַ סומנע שטעגעלע אין טייגע. פאָראויס געהט מאַקאַראָוו און מיר נאָך איהם. אַ ווינד גיט אַ רויש אין די צווייגען און ווערט אַנטשוויגען. פון ווייטען, צווישען די בוימער, זעהט זיך דער ים און איבער'ן ים טאָגט אַ בערג הימעל: באַלד וועט, הייכט עס, ווערען טאָג און מיר וועלען זיך מוזען בעגראָבען ערגיץ אין אַ טאָל. און קיינמאָל,—מסתמא האָט איהר אויך געהערט—קיינמאָל שווייגט נישט דער ים. אָדער ער רעדט, אָדער ער זאָגט עפּיס אָדער ער מורמעלט זיך אַזוי... און דעריבער האָב איך אַלץ געהערט אַ ליד אין חלום. דעם גרעסטען אומעט וואַרפט

אויף אונז אָן דער ים, ווייל מיר זענען צו איהם נישט גע-וועהנט.

מיר האָבען זיך דערנעהנט צו ניקאָלאַיעווסק. דאָ האָבען מיר שוין אָנגעטראָפען מעהר הויפלעך און די געפאַהר איז גרע-סער געוואָרען. ביסלעכוויז רוקען מיר זיך אַלץ פאָראויס, אָבער שטיל. ביינאַכט געהען מיר און בייטאָג פעררוקען מיר זיך ער-גען אין אַ גרוב, וואו קיין מענש האָט נישט געטראָטען, קיין חיה איז נישט געגאַנגען און קיין פויגעל איז נישט געפלוי-גען.

די שטאָדט ניקאָלאַיעווסק האָבען מיר געמוזט וואָס וויי-טער אַרומגעהן, אָבער די וויסטע ערטער האָבען אונז אויסגע-מאַטערט און אַגב איז אויסגעגאַנגען אונזער פראָוויזיע. איינמאָל אין אָוועגד געהען מיר אַזוי צו צום טייך, זעהען מיר: אויפ'ן ברעג זיצען עפיס מענשען. קוקען מיר זיך אָבער בעסער צו, דערקאָנען מיר די „וואָלנע קאָמאַנדע"*), וואָס זיצט און כאַפט פיש אין אַ נעץ. נו, געהען מיר שוין צו אָהן פחד.

—אַ גוטען אָוועגד, וואָלנע קאָמאַנדע!

—אַ גוטען אָוועגד—אַ גוט יאָהר!—ענטפערן זיי.—געהט איהר פון ווייט ערגעץ?

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט—מיר האָבען זיך פונאַנדערגע-שמועסט. אָבער זייער סטאַראָסטע האָט אונז שאַרף אָנגעקוקט, נאָכדעם אַוועקגערופען מיך אין אַ זייט אין אַ פרעג געטאָן:

—געהט איהר נישט אַמאָל פון סאַכאַלין? האָט איהר נישט „בעדעקט" סאָלטאַנאָח'ן?

האָב איך, דעם אמת געזאָגט, נישט געוואָלט זיך מודה-זיין. ער איז אַפילו אַן'אייגענער ברודער, אָבער אַזאַ זאַך

---

*) די וואָלנע קאָמאַנדע בעשטעהט פון קאַטאָרזשניקעס, וואָס האָבען שוין געענדיגט דעם אויספרובונגס-טערמין. זיי וואוינען נישט אין טורמע, נאָר אין פרייע קוואַרטירען, אָבער זיי און זייער אַרבייט זענען נאָך אונטערגעוואָרפען אַ געוויסען קאָנטראָל מיט בעזונדערע געזעצען.

וועסטו אַפילו אַן׳אייגענעם ברודער נישט געטרויען. אַגב איז דאָך די וואָלנע קאָמאַנדע נישט דאָס, וואָס דער אַרעסטאַנטישער אַרטעל: וויל איינער פון דער וואָלנער קאָמאַנדע זיך איינשריי-בען אין יחוס ביי נאַטשאַלסטוואָ, געהט ער שטילערהייד און מסר׳ט — וואָרום ער איז דאָך פאַרט אַ „וואָלנער,״ אָבער אין די טורמעס זענען אַלע שפּיאָנען און מוסרים אויפ׳ן אויג, און באַלד ווי עס געשיהט עפּיס, ווייסען מיר שוין אויף וועמען צו קלע-רען! אָבער ווי קאָן מען וויסען דאָ, אויף דער פרייהייט?

נו, זעהט ער, אַז די צונג האָט זיך מיר עפּיס פערהאַקט, זאָגט ער ווידעראַמאָל:

— איהר שרעקט זיך נישט פאַר מיר, אַן׳אייגענעם ברודער וועל איך קיינמאָל נישט אַרויסגעבען און אַגב וועל איך גאָר-נישט האָבען דערפון. אויב נישט איהר, איז נישט איהר! אָבער באַלד ווי מען האָט דערהערט אין שטאָדט, אַז אויף סאַכאַלין האָט מען דער׳הרג׳עט אַ נאַטשאַלניק און דאָ האָב איך דערזעהן, אַז איהר זענט עלף פאַרשוין, האָב איך גלייך פערשטאַנען. עך, חברה, ס׳איז זעהר, זעהר ביטער! עפּיס אַ קלייניגקייט: דער׳-הרג׳עט אַ קאָרדאָן-נאַטשאַלניק. און דאָ האָבען מיר גראָד אַ שלעכטען איספּראַווניק. נו, מילא, דאָס איז אייער זאַך... וועט איהר בשלום פאַרבייגעהן די שטאָדט, איז אייער גליק. מיר האָבען דאָ גענוג פראָוויזיע אין אונזער אַרטעל, און אַזוי ווי מיר געהען היינט אַהיים, קאָנט איהר בעקומען אונזער ברויט און אַפילו מיט פיש נאָך אַ צולאָג. אפשר בעדאַרפט איהר אַ קעסעל אויך?

— איך ווייס, זאָג איך, אַן׳איבריגער וועט גאָרנישט שאַ-דען.

— נעהמט דעם אַרטעל-קעסעל... ביינאַכט וועל איך אייך ברענגען עפּיס פון שטאָדט אויך. מען מוז דאָך עפּיס פערהעל-פען אַן׳אייגענעם ברודער.

איז אונז לייכטער געוואָרען. האָב איך אַראָפּגענומען דאָס היטעל און זיך פערנויגט פאַר׳ן גוטען מענשען, די חברים האָ-בען אויך געטאָן דאָס אייגענע. אַ גרויסע טובה האָט ער אונז

בעטאָן מיט זיין פּראָוויזיע, אָבער נאָך אַ גרעסערע—מיט זיין גוט וואָרט. ביז אַהער האָבען מיר זיך אַלץ אויסבעהאַלטען פון מענשען, ווייל מיר ווייסען, אַז דעם טויט קענען מיר בעקומען נאָר דורך מענשען, אָבער דאָ האָט מען רחמנות געהאַט אויף אונז.

אָבער פון גרויס שמחה זענען מיר שיער נישט אַריינגעפאַלען אין אַן'אומגליק. באַלד ווי די וואָלגע קאָמאַנדע איז אַוועקגעפאָהרען, איז דער עולם זעהר פרעהליך געוואָרען. וואַלאָדקע האָט זיך אַפילו גענומען האָפּקען, און אַלע האָבען פערגעסען אין פּחד. זענען מיר אַוועק אין אַ טאָל, וואָס הייסט דאָ דיקמאַן-טאָל, ווייל אין איהם האָט דער דייטש דיקמאַן געבויט זיינע שיפען... דאָס איז סאַמע ביים טייך... דאָ האָבען מיר פערלעגט אַ פייער, אויפגעהאַנגען צוויי קעסלען, אין איינעם טיי, אין'ם צווייטען פיש-יויך. דרויסען איז שוין צוגעפאַלען דער אָווענד, אָט איז שוין פינסטער געוואָרען און אַ רעגענדעל פאַלט. אָבער ביים פייער און ביים טיי געהט אונז גאָרנישט אָן דער רעגען.

זיצען מיר זיך אַזוי און שמועסען, ווי ביים טאַטען אין ווייבגאָרטען און טראַכטען גאָרנישט בעת-מעשה, אַז קוים זעהען מיר דאָ די שטאָדטישע פייערן, מסתמא זעהט מען דאָרט אויך אונזער פייער. אָט אַזוי קאָן אַמאָל אַ נאַש-בראַט פערגעסען אין אַלע סכנות. איבער בערג און איבער טייגעס זענען מיר געגאַנגען, פאַר יעדען שאָרך האָבען מיר זיך געשראָקען, און דאָ האָבען מיר פערלעגט אַ פייער סאַמע נעבען שטאָדט און שמועסען זיך אַזוי, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשעהן...

צו אונזער גליק האָט אין שטאָדט געוואוינט אַן'אַלטיטשקער טשינאָווניק. אַמאָל איז ער געוועזן אַ סמאָטריטעל אין דער נ.-ער טורמע. דידאָזיגע טורמע איז געוועזן אַ גרויסע, פּאַק און פול מיט אַרעסטאַנטען, אָבער אַלע האָבען שטענדיג דערמאָהנט מיט אַ גוט וואָרט דעם אַלטען. גאַנץ סיביר האָט געקאָנט סאַמאַראָקן, און אַז איך האָב נישט לאַנג דערהערט, אַז ער איז גע-געשטאָרבען, בין איך אומישנע געפאָהרען צום פּאָפּ און גע-

שטעלט אַ ליכטעל נאָך איהם. דאָס איז געווען זעהר אַ גוטער אַלטיטשקער, אַ ליכטיגער גן-עדן זאָל ער האָבען, אָבער איין זאַך—זידלען זיך האָט ער ליב געהאַט... מיט די ערגסטע ווערטער פלעגט ער שיטען, גאָטן זאָל אויסהיטען. ער פלעגט מאַכען קולות און געוואַלדען, טופען מיט די פיס, פערקוועטשען די הענד, אָבער קיינער האָט זיך נישט געשראָקען פאַר איהם. מען האָט איהם אַלעמאָל זעהר געשעצט און געאַכפערט, מחמת ער איז געווען אַ מענש מיט יושר. ער האָט קיינמאָל נישט בעליידיגט דעם אַרעסטאַנט, קיינמאָל נישט צוגעדריקט איהם, נישט צוגעשלעפט זיינע אַרטעל-גראָשענס, ווי אַנדערע, סיידען דער אַרטעל אַליין האָט איהם געוואָלט מיט עפּיס בעלוינען. די אַרעסטאַנטען, דעם אמת געזאָגט, האָבען איהם טאַקי נישט פערגעסען, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער בעל-מטופל... האָט מען איהם געשטיצט אויפ'ן שענסטען אופן...

דעמאָלט, בשעת מיר זענען געגאַנגען פון סאַכאַלין, האָט ער שוין געענדיגט זיין דינסט, און האָט געוואוינט אין ניקאָלאַיעווסק אין זיין אייגענעם הייזעל. אָבער ער האָט זיך נאָך אַלץ גע'חבר'ט מיט די אַרעסטאַנטען פון דער פרייער קאָמאַנדע. נו, זיצט ער זיך אַזוי ביי זיך אויפ'ן גאַניקעל און רויכערט זיין לולקע. זעהט ער, אַז אין דיקמאַנס טאָל ברענט עפּיס אַ פייער, טראַכט ער זיך בעת-מעשה: „ווער האָט עס געקאָנט פונאַנדערלעגען דאָרט אַ פייער?"

זע-צען גראָד פערבייגעגאַנגען צוויי אַרעסטאַנטען פון דער פרייער קאָמאַנדע, רופט ער זיי צו און פרעגט:

—זאָגט מיר, וואר טאַנגט היינט אייער קאָמאַנדע די פיש? ביי דיקמאַנס טאָל פאַנגט זי?

—ניין,—זאָגען יענע,—נישט דאָרט, נאָר עטוואָס העכער. אָבער די וואָלנע קאָמאַנדע איז גאָר היינט אַוועק אין שטאָדט אַריין.

—נו, אָט דאָס טראַכט איהר טאַקי... זעהט איהר דאָרט, הינטערן טייך, אַ פייערל?

—מיר זעהען.

—ווער קאָן דאָרט זיין ביים פייער? ווי מיינט איהר?

—ווער קאָן עס וויסען, סטעפּאַן סאַוועליטש, מסתּמא דורכ־געהער.

—יאָ, דורכגעהער... אַ טראַכט טאָן וועגען אַנ׳אייגענעם ברודער קאָנט איהר נאָך אַלץ נישט, אויסוואורפען וואָס איהר זענט! איך בעדאַרף נאָר טראַכטען און זאָרגען וועגען אייך... האָט איהר געהערט, וואָס דער איספּראַווניק האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק געזאָגט וועגען די חברה־לייט, וואָס זענען אַנטלאָ־פען פון סאַכאַלין: מען האָט זיי געזעהן נישט ווייט... אפשר האָבען זיי דאָס, די טפשים, פערלעגט אַ פייער?

—עס קאָן זיין, סטעפּאַן סאַוועליטש, און אויב זיי האָבען פערלעגט אַ פייער, איז אויך נישט קיין חדוש.

—נו, וועלען זיי אַריינפאַלען! אָט וואָס די אויסוואורפען טוען!.. איך וויים נישט, צי דער איספּראַווניק איז אין שטאָדט. אויב ער האָט זיך נאָך נישט אומגעקעהרט, וועט ער זיך באַלד אומקעהרען און אַז ער וועט דערזעהן דאָס פייער, וועט ער תיכף אַרויסשיקען אַ קאָמאַנדע אַהין. וואָס טוט מען, האַ? עס איז דאָך אַ רחמנות אויף די אויסוואורפען: פאַר סאַלטאַנאַוו׳ן וועלען זיי דאָך אַלע בעצאָהלען מיט די קעפּ. איהר מאַכט נאָר צורעכט די לאָדקע, חברה...

און מיר זיצען זיך בעת־מעשה ביים פייער און וואַרטען אויפ׳ן פיש־יויך—שוין לאַנג קיין וואַרימס נישט געגעסען. און די נאַכט איז אַ שוואַרצע און פון ים איז אַ כמאַרע אויפגעגאַנ־גען און אַ רעגענדל קאַפּעט און אין דער טייגע אין מאָל האָט בעגונען רוישען, אָבער אונז איז גוט... אַ נאַש־בראַט, אַ בראָ־דיאַגע איז די שוואַרצע נאַכט אַ מאַמע און וואָס עס איז פינ־סטערער אויפ׳ן הימעל, אַלץ ליכטיגער איז אויף דער נשמה.

אָבער פלוצלונג האָט דער טאָטער אונזערער אויסגע־שפּיצט די אויערן. דידאָזיגע טאָטערן האָבען אַ געהער פון אַ קאַץ. האָב איך אויך אָנגעשטעלט די אויערן. הער איך: אַ רודער שניידט פּאַמעליך דאָס וואַסער. בין איך צוגעגאַנגען נעהנ־טער צום ברעג, זעה איך: אַ שיפעל גנב׳עט זיך, ביי די רו־

דערס זיצען מענשען און ביי דעם, וואָס האַלט דעם רעגולי־רונגס־רודער, גלאַנצט אַ קאָקאַרדע אויפ'ן שטערען.

נו, זאָג איך, חברה, עס איז שוין אַ סוף צו אונזער לעבען... דער איספּראַווניק.

זענען אַלע אויפגעשפּרונגען, איבערגעקעהרט די קעסלען און—אין טייגע אַריין!.. איך האָב געהייסען, מען זאָל זיך האַלטען צוזאַמען. מיר וועלען זעהן, וואָס דאָ וועט זיין: אויב זיי, די אָנפאַלער, זענען ווייניג אין צאָהל, וועלען מיר אפשר בעסער קאָנען זיך ראַטעוועט, ווען מיר וועלען זיין אַלע צוזאַמען. האָט זיך דער עולם פערבאָרגען הינטער די בוימער און מען וואַרט מיט אַנ'איינגעהאַלטענעם אָטעם.

געקומען דאָס שיפעל צום ברעג, געהען־אַרויס פינף פּאַר־שוין אויפ'ן ברעג, האָט זיך איינער פון זיי צולאַכט און אַ זאָג געטאָן:

—וואָס, די טפשים זענען זיך צולאָפען? נישקשה, איהר וועט אַלע אַרויסגעהן, ווייל איך האָב אַזאַ שפּרוך געגען אייך. זעהסט, העלדישע יונגען זענען דאָס, אָבער זיי לויפען, ווי די האָזען!

נעבען מיר, הינטער'ן בוים זיצט דאַרין, רופט ער זיך אָן:

—הערסט, וואַסילי. אַ מאָדנע זאַך, דעם איספּראַווניקס קול איז מיר אַזוי ווי בעקאַנט!

—שווייג,—זאָג איך,—דו וועסט זעהן וואָס דאָ וועט נאָך זיין, זיי זענען דאָך נישט קיין סך!

געהט איינער פון זיי אַרויס און זאָגט:

—עי, שרעקט זיך נישט!.. וועמען קאָנט איהר אין דער היגער טורמע?

האָבען מיר פערהאַלטען דעם אָטעם און שווייגען.

—שדים, צו אַלדע שוואַרציאָהר,—רופט זיך ווידער אָן דער איינער,—זאָגט, וועמען קענט איהר אין דער היגער טורמע? אפשר וועט איהר אויך אונז דערקענען?

האָב איך מיך אנגערופען:

—צי מיר קאָנען אייך, צי מיר קאָנען אייך נישט, אָבער עס וואָלט גלייכער געווען פאַרביידען, אַז מיר זאָלען איינאַנדער קיינמאָל נישט קאָנען. מיר זאָגען אייך, אַז לעבעדיגערהייד וועט איהר אונז נישט נעהמען.

דאָס האָב איך די חברים געגעבען אַ צייכען, מען זאָל זיין געגרייט. זיי זענען אינגאַנצען געווען זאַלבעפינפט—זענען מיר, אַלזאָ, שטאַרקער. עס וועט נאָר זיין שלעכט,—טראַכט איך מיר,—ווען זיי וועלען נעהמען פייערן פון די רעוואָלווערן: מען וועט דערהערן אין שטאָדט. נו, מילא, איינמאָל שטאַרבט מען. אָהן אַ קאַמף וועלען מיר זיך פונדעסטוועגען נישט אונטערגעבען.

דאָ האָט דער אַלטער אַליין גענומען ריידען:

—קינדער,—האָט ער זיך אָנגערופען,—שוין-זשע געפינט זיך נישט צווישען אייך אַזאַ איינער, וואָס זאָל קאָנען סאַמאַראָוו׳ן?

האָט מיך דאַרין אַ שטויס געטאָן:

—אמת! דאָס איז, דאַכט זיך, דער סמאָטריטעל...—הערט נאָר, וואַשע בלאַגאָראָדיע,—רופט ער זיך שוין אָן הויך—האָט איהר דאַרינ׳ען געקאָנט?

—ווי אַזוי זאָל איך איהם נישט קאָנען? אַ סטאַראָסטע איז ער דאָך ביי מיר געווען. פעדאָט האָט ער, דאַכט זיך, געהייסען.

—איך בין דאָס טאַקי, וואַשע בלאַגאָראָדיע. חברה אַרויס פון די לעכער! דאָס איז אונזער פאָטער!

זענען מיר אַלע אַרויס.

—נו, וואָס, וואַשע בלאַגאָראָדיע, שוין-זשע זענט איהר טאַקי געקומען אונז כאַפּען. מיר גלויבען נישט דערין!

—נאַראָנים, טפשים זענט איהר! רחמנות אויף אייך האָב איך, הילצערנע קעפּ! פון גרויס חכמה, קענטיג, זענט איהר עס געפאַלען אויפ׳ן שכל צו פערלעגען צ פייער אַקוראַט אנטקעגען שטאָדט!

—מיר האָבען זיך, וואַשע בלאַגאָראָדיע, פערנעצט—זאָגען מיר—אַ רעגען געהט.

—אַ רע-גען? און דאָס זענען נאָך בראָדיאַגעס! נישקשה, איהר וועט נישט פערנעצט ווערען. איהר האָט נאָך מזל, וואָס איך בין פריהער פונ׳ם איספּראַווניק צרדיס אויפ׳ן גאַניק פער-רויכערען די לולקע. וואָלט אייער איספּראַווניק דערזעהן דאָס פייער, וואָלט ער אייך שוין געשונען אַנ׳אָרט, וואו זיך אויס-צוטריקענען... עך, חברה, חברה! איך זעה, אַז חכמים זענט איהר גאָר קנאַפּע, און אומזיסט האָט איהר אַוועגעלעגט סאַלטאַ-נאָוו׳ן, אויסוואורפען וואָס איהר זענט! איהר לעשט שוין אויס דאָס פייער און געהט-אַוועק פון ברעג אַהין, ווייטער, אין טאָל. דאָרט וועט איהר, כלבים, מעגען פערלעגען כאָטש צעהן פיי-ערן!

דער אַלטער זידעלט זיך און מיר שטעהען אַרום איהם, הערען און שמייכלען זיך צו.

—אָט וואָס איך האָב אייך געבראַכט: ברויט האָב איך אייך געבראַכט אין שיפעל און אַ דריי ציגעלעך טיי. צו גוטען זאָלט איהר אַמאָל דערמאָהנען דעם אַלטען סאַמאַראָוו׳ען. אויב גאָט וועט אייך העלפען, איהר וועט זיך בשלום אַרויסדרעהען פון דאַנען און איהר וועט אַמאָל זיין אין טאָבאָלסק, זאָלט איהר שטעלען אַ ליכטעל פאַר מיינטוועגען. איך וועל שוין מסתמא דאָ שטאַרבען, ווייל מיין ווייב האָט דאָ אַ הויז... נו, איך בין שוין אויך זעהר אַלט... עפּטער קומט מיר אויפ׳ן זכרון דאָס אָרט, וואו איך בין געבוירען געוואָרען. זענט מיר, אַלזאָ, געזונד. אַנ׳-עצה וועל איך אייך נאָך געבען: געהט נישט צוזאַמען! בעזונ-דער געהט. זאַלבעזיפּעלט זענט איהר?

—עלף פּאַרשוין,—זאָגען מיר.

—נו, זענט איהר נישט קיין הילצערנע קעפּ? מען ווייס דאָך שוין אין איירקוטסק וועגען אייך און איהר שפּאַנט נאָך אַלע צוזאַמען?

האָט זיך דער אַלטער אַריינגעזעצט אין שיפעל און איז צוועגעפּאָהרען און מיר זענען אַוועק טיפער אין טאָל, אויפגע-

קאָלט דאָרט טיי, פיש-יויך, פונאַנדערגעטיילט די פראָוויזיע צווי-שען איינאַנדער און זיך צושיידט—מיר האָבען געפאָלגט דעם אַלטען.

איך בין אַוועק מיט דאַרינ׳ען, מאַקאַראָוו מיט די טשער-קעסען, דער טאָטער מיט די צוויי בראָדיאַגעס און די איבעריגע דריי זענען אַוועק צוזאַמען. מעהר האָבען מיר זיך שוין נישט געזעהן. איך ווייס נישט, צי אַלע חברים לעבען, צי איז עמיץ פון זיי געשטאָרבען. וועגען טאָטער האָב איך יאָ געהערט, מען זאָל איהם אויך האָבען פערשיקט קיין סאַכאַלין, אָבער איך ווייס נישט, צי איז דאָס אמת.

אין דער אייגענער נאַכט, בשעת עס האָט נאָך נישט גע-שאַריעט אויף טאָג, בין איך מיט דאַרינ׳ען פאַוואָליע, אויף די שפּיץ פינגער פאַרבייגעגאַנגען די שטאָדט ניקאָלאַיעווסק. בלויז איין הונד פון אַ נאָהטען הויפעל האָט אַ ביל געטאָן.

און אַז די זון איז אויפגעגאַנגען, האָבען מיר שוין אַדורכ-געשפּאַנט ביי אַ צעהן ווערסט טייגע און זענען ווידער אַרויף אויפ׳ן וועג, אָבער פלוצלונג הערען מיר—אַ גלעקעל קלינגט. האָ-בען מיר זיך אַוועקגעלעגט הינטער אַ קוסט, זעהען מיר, עס פאָהרט אַ פּאָסטוואָגען אויף דריי פערד און אין וואָגען זיצט דער איספּראַווניק איינגעהילט אין שינעל און דרעמעלט.

האָב איך און דאַרין זיך איבערגעצלמ׳ט: געלויבט צו גאָט, וואָס ער איז דעם לעצטען אָוועגד נישט געווען אין שטאָדט. ער איז דאָך דאָס אַרויסגעפאָהרען פאַקען אונז.

VIII.

דאָס פייער אין קאַמינדעל איז אויסגעלאָשען געוואָרען. דער אייז אין די פענסטער האָט גענומען שמעלצען, און דער־פון האָט זיך געלאָזט דרינגען, אַז עס פאַלט דער פראָסט, מחמת אין די שטאַרקע פרעסט צוגעהט נישט דער אייז אינ־וועניג אין יורטע, ווי הייס עס זאָל דאָרט נישט זיין. דעריבער האָבען מיר שוין נישט צוגעוואָרפען קיין האָלץ אין קאַמינדעל און איך בין אַרויס אין דרויסען פערמאַכען דעם קוימען.

דער נעבעל איז באמת צורונען געוואָרען, די לופט איז געוואָרען דורכזיכטיג און ווייך. אין דער צפון־זייט, הינטער די בערג, בעדעקט מיט א שוואַרצער וואַלד־מאַסע, האָבען זיך אויפ־געהויבען ווייסליכע וואָלקענס, וואָס האָבען זיך שנעל געצויגען איבער׳ן הימעל. עס האָט זיך געדאַכט, אַז עמיץ האָט שטיל אָבגעזיפּצט אין דער טיפער קאַלטער נאַכט און די קנוילען דאַמף, וואָס האָבען זיך אַרויסגעריסען פון זיין ריזען־ברוסט, האָבען זיך פּאַוואָליע געטראָגען איבער׳ן הימעל פון בערג צו בערג און נאָכדעם שטיל געגוססט אין דער טיפער בלויקייט. דאָס האָט געשפּילט דאָס שוואַכע צפון־ליכט.

איך בין געשטאַנען אויפ׳ן דאַך און זיך אָבגעגעבען דעמדאָזיגען טרויעריגען רייץ, אַ פערטראַכטער געקוקט אויף די פאַרבען-איבערגיסונגען פונ׳ם צפון ליכט. די נאַכט איז געלעגען אויסגעשפרייט אין איהר גאַנצער קאַלטער און טריבער פראַכט. שטערען האָבען געפינקעלט אויפ׳ן הימעל, אויף דער ערד איז דער שניי געלעגען, ווי אַ ווייס ליילעך, שוואַרץ איז געשטאַנען די טייגע, בלוי האָבען זיך געהויבען די ווייטע בערג. און אָט דאָס גאַנצע שווייגענדיגע בילד, וואָס איז אָנגעזאַפּט געוועזן מיט קעלט, האָט מיט אומעט אָנגעגאָסען די נשמה און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עפּיס אַ טרויעריגע נאָטע ציטערט אין לופטען: „ווייט, ווייט!“

אַז איך האָב מיך אומגעקעהרט צוריק אין יורטע, האָט שוין דער בראָדיאַגע געשלאָפען און עס האָט זיך געהערט זיין מעסיג אָטעמען.

איך האָב מיך אויך אַנידערגעלעגט, אָבער איך האָב לאַנג נישט געקאָנט איינשלאָפען אונטער דעם רושם פון אַ נישט-פערענדיגטער מעשה. עטליכע מאָל האָט דער שלאָף זיך אַראָבגעלאָזט אויף מיין צוהיצטען קאָפּ, אָבער אין דער אייגענער רגע, ווי אויף צו-להכעיס, האָט דער בראָדיאַגע גענומען זיך בעוועגען אויף דער באַנק און ריידען פון שלאָף. זיין ברוסט-שטים, וואָס האָט געמאַכט אַנ׳איינדרוק פון עפּיס אַ ווייטען אונפערשטענדליכען גערויש, האָט פעריאָגט מיין דרעמעל, און אין מיין דמיון זענען אויפגעשטאַנען די בילדער פון זיין דערצעהלונג. צייטענווייז האָב איך מיך פערגעסען, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איבער מיר רוישען די לערכענבוימער און די צעדערס און אַז איך קוק-אַראָב פון אַ הויכען פעלז און זעה אין טאָל די ווייסע קאָרדאָנען-הייזלעך און צווישען מיין אויג און דער ווייסער וואַנד פליהט אַ באַרג-אָדלער, פאָכענדיג שטיל מיט׳ן פרייען פליגעל. און די חלומות האָבען מיך אַוועקגעטראָגען העט ווייט פונ׳ם דריקענדיגען חושך פון דער איינגער יורטע, עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ פרייער ווינד האָט מיך דורכגענומען, אין די אויערן האָט פערקלונגען דער גערויש פון ים, די זון האָט זיך

געזעצט און מיין שיפעל האָט זיך שטיל געוויגט איף די כוואַ-ליעס פון אויסגוס.

דערדאָזיגער יונגער בראָדיאַגע האָט מיט זיינע מעשיות אויפגעקאָכט אין מיר דאָס גאַנצע בלוט. איך האָב געטראַכט פון דעם, וואָס פאַר אַנ׳איינדרוק עס האָט בעדאַרפט מאַכען די-דאָזיגע בראָדיאַגע-עפּאָפּעיע, ווען זי ווערט דערצעהלט אין דער דושנער קאַטאָרגע-קאַזאַרמע, צווישען די פיר וואַנד פון אַ פעסט-איינגעשלאָסענער תפיסה. און פאַרוואָס, האָב איך מיך געפרעגט, ווערט דידאָזיגע דערצעהלונג איינגעקריצט אין מיין זכרון נישט צוליב די שווערינקייטען פון דער נסיעה און נישט צוליב די יסורים און אַפילו נישט צוליב „דער ווילד-פיינליכער בראָדיאַגע-בענקשאַפט,” נאָר צוליב דער פּאָעזיע פון דער פרייהייט? פאַרוואָס האָב איך אין דערדאָזיגער מעשה דערשפירט בלויז דעם רוף פון פרייהייט, רוים, ים, טייגע און סטעפ?.. און אויב דער סטעפ רופט מיך אויך אַזוי, ווי עס ציהט מיך צו זיך אָט די אונבעקאַנטע ווייטקייט, הייגט ווי בעדאַרף זי שוין רופען צו זיך דעם בראָדיאַגע, וואָס האָט אַזאַ אונרוהיג האַרץ און איז אַזוי געוועהנט צו געהן און צו שפּאַנען איבער דער ברייטער וועלט!

דער בראָדיאַגע האָט געשלאָפען, אָבער מיינע מחשבות האָבען מיך אַלץ געפייניגט. איך האָב גאָר פערגעסען אין די סיבות, צוליב וועלכע מען האָט איהם איינגעזעצט און פער-שיקט, און וואָס ער האָט איבערגעלעבט און וואָס אַזוינס האָט ער געטאָן דעמאָלט, ווען ער האָט „אויפגעהערט צו פאָלגען די עלטערן.” איך האָב בלויז געזעהן אין איהם אַ יונג לעבען, פול ענערגיע און כוח, וואָס האָט זיך מיט אַזאַ פייער געריסען אויף דער פרייהייט... וואוהין?

יאָ, וואוהין?..

אין די אונפערשטענדליכע ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט פון שלאָף, האָב איך געהערט עפּיס אַנ׳אָבגעריסען וועגען עפּיס... איך בין אַנטדרעמעלט געוואָרען אונטער׳ן דרוק פון אַ נישט-פערענט-פערטער פראַגע און מיר צוקאָפּענס האָבען זיך געדרעהט סומ-

בע געשטאַלטען פון חלומות... די אָווענד-זון האָט זיך געזעצט. די ערד ליגט, אַ ריזיגע, אַנ׳אונענדליכע און אַ טרויעריגע, אינ-גאַנצען פערזונקען אין שווערע מחשבות, אויפ׳ן הימעל הענגט אַ שווערע שוויגענדיגע כמאַרע... אָבער דער הימעל-ברעג לייכט נאָך מיט די לעצטע אויסגעלאָשענע שטראַהלען און ערגעץ ווייט, אונטער די פערטראַכטע בלויע בערג, שטעהט אַ פייערל..

וואָס איז דאָס: אַ היימיש פלעמעל פון אַ לאַנג-פערלאָזטען ליבען הייזעל אָדער אַ בלאָנזשענדיג פייערל איבער אַ קבר, וואָס ליגט און וואַרט אינדערפינסטער!

איינגעשלאָפען בין איך זעהר שפעט.

IX.

אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט איז שוין אַוואַי געווען אַרום עלף אַ זייגער. אויף דער פּאָדלאָגע האָבען געשפּילט קרו-מע זון-שטראַהלען, דורכרייסענדיג זיך דורכ׳ן אייז-פענסטער. רער בראָדיאַגע איז שוין אין יורטע נישט געווען.

צוליב מאַנכע עניגים האָב איך בעדאַרפט אַרזָבפאָהרען אין ישוב, האָב איך איינגעשפּאַנט דאָס פערד אינ׳ם קליינטש-קען שליטען, אַרויסגעפאָהרען פון טויער אין דער גאַס פון ישוב. דער טאָג איז געווען אַ העלער און פערהעלטניסמעסיג אַ וואַרימער. דער פראָסט האָט געהאַלטען ביי צוואַנציג גראַד, אָבער... אויף דער וועלט איז אַלץ פערהעלטניסמעסיג, און דאָס, וואָס אין אַנדערע ערטער געשיהט סאַמע אין רעכטען ווינטער, בעה-מען מיר עס דאָ אויף, ווי דעם ערשטען אָטעם פון קומענדיגען פריהלינג. די קנוילען רויך, וואָס זענען געגאַנגען פון די אלע יורטעס, זענען נישט געשטאַנען אין לופטען, ווי גלייכע אונבע-וועגליכע זיילען, ווי עס טרעפט, געוועהנליך, אין אַ גרויסען פראָסט. דער מזרח-ווינד, וואָס האָט געבראַכט אַ וואַרימקייט

כונ׳ם גרויסען אָקעאַן, האָט דעם רויך געבויגען און געטריבען צו מערב-צו.

דער ישוב איז כמעט אַ העלפט בעזעצט געוועזען מיט פער-שיקטע טאָטערן, און אַזוי ווי היינט איז געוועזען ביי די טאָטערן יום-טוב, איז אויף דער גאַס געוועזען גאַנץ לעבעדיג. עטליכע האָבען גענומען סקריפען די טויערן-טירען, און פון די הויפען זענען אַרויסגעפאָהרען וועגעלעך אָדער עס זענען אַרויסגעלאָפען רייט-פערדלעך, אויף וועלכע עס זענען געזעסען בגילופין׳דיגע רייטער און זיך אומגעוויגט אין ביידע זייטען. דידאָזיגע אָנהענ-גער פון מאַכמעד׳ן האָבען, אַפנים, נישט זעהר אָבגעהיט דעם אסור פון קאָראַן, און סיי די רייטער און סיי די פוסגעהער האָבען זיך זיגזאַגיש בעוועגט ביי די זייטען און אין דער-מיט פון גאַס. טיילמאָל האָט אַ דערשראָקען פערדעל זיך אַ ריס גע-טאָן אין דער זייט און אומגעקעהרט דעם וואָגען. דעמאָלט האָט זיך דער בעל-הבית געאַלאַנטערט אינ׳ם שניי און אין די לייצעס און דאָס פערדעל איז זיך בעת-מעשה ווייטער געלאָפען. אין אַ שיכור׳ער מינוט קאָן עס געשעהן מיט יעדערן: נישט קאָנען איינהאַלטען דאָס פערד און אַרויספאַלען פון וואָגען. אָבער פאַר אַ „רעכטען טאָטער” איז נישט שען אַרויסצולאָזען פון האַנד די לייצעס אַפילו ביי אַזוינע בעשווערטע אומשטענ-דען.

אָבער אָט ווערט עפּיס אַ בהלה אויף דער לאַנגער גלייכער גאַס. די רייטער רוקען זיך מיט די פערדלעך אַרום די פאַר-אַנעס און די פוסגעהער טרעטען-אָב אין אַ זייט. טאָטער-קעס, אין רויטע שלייערס און בונטע קליידלעך, יאָגען-אַריין די קינדער אין די הויפען. פון די יורטעס, ווידער, לויפען-אַרויס נייגיריגע טאָטערן און אַלע נעהמען קוקען אין איין זייט.

אויף דעם צווייטען עק פון דער לאַנגער גאַס האָט זיך בעוויזען אַ הייפעל רייטער און פון ווייטען דערקען איך, אַז דאָ קומט-פאָר אַ וועט-לויף פון פערד, וואָס איז זעהר אויסגענומען ביי די יאַקוטען און טאָטערן. עס זענען געוועזען ביי אַ פינף רייטער. זיי האָבען זיך געטראָגען, ווי די שדים, אָבער אַז די

קאַוואַלקאַדע האָט זיך דערנעהנט, האָב איך דערקאַנט דאָס גרויע פערדעל, אויף וועלכן באַגילאַי איז געזעסן געקומען. דאָסדאָזיגע פערדעל איז געלאָפן פאָראויס, און מיט יעדען קלאַפּ פון זיינע קאָפּיטעס איז פערגרעסערט געוואָרען דער שטח צווישען איהם און די פערד, וואָס זענען געלאָפען הינטער איהם. אין אַ רגע האָבען זיך אַלע פאַרבייגעטראָגען פאַרביי מיר, ווי אַ ווירבער.

די טאָטערן-רייטער זענען געווען אויפגערעגט, די אויגען האָבען געפלאַמט מיט האַס. בשעת׳ן רייטען האָבען זיי געפאָכט מיט די הענד און פיס, משונה-ווילד געשריען און מיט׳ן גאַנצען גוף זיך אָנגעבויגט צוריק, כמעט אויפ׳ן רוקען פון פערד. אָבער וואַסילי איז געלאָפען אויפ׳ן „רוסישען שטייגער,“ צו געבויגט צום האַלז פון פערד און בלויז זעלטען פלעגט ער קורץ אַ פייף טאָן, וואָס איז געווען ענהליך צו אַ שאַרפען שמיץ פון אַ בייטשעל. דאָס גרויע פערדעל איז געלאָפען מיט צוצויגענע פיס און זיך אויסגעלעגט אין לופטען, ווי אַ פליהענדיגער פויגעל.

ווי עס געשיהט עפטער אין אַזוינע פאַלען, האָט די גאַנצע גאַס שטאַרק מיטגעפיהלט דעם זיגער.

—עך, דאָס איז אַ העלד אַ יונג!—האָט מען געשריען מיט התפעלות און די אַלטע פערד-גנבים, די פלאַמפייערדיגע ליבהאָבער פון ווילדען ספּאָרט, האָבען געכאַפּט אַ טעבצעל און זיך געפּאַטשט איבער די קניה צום טאַקט פונ׳ם פערדען-געלויף.

אַז איך בין דורכגעפאָהרען אַ האַלבע גאַס, האָט מיך וואַסילי אָנגעיאָגט. ער איז שוין געפאָהרען צוריק אויף אַ פערד, בעדעקט מיט שוים. די פערשעמטע געגנער זיינע האָבען זיך געשלעפּט ווייט הינטער איהם.

דער בראָדיאַגע איז געווען בלאַס, די אויגען האָבען איהם געברענט מיט אויפרעגונג. איך האָב בעמערקט, אַז ער איז בגילופינ׳דיג.

—אַ הוליע געטאָן!—האָט ער אויסגעשריען, זיך בעת-

מעשה אַראָבגעבויגט פון פערד און אַ פּאָך געטאָן מיט'ן הי-טעל.

—מילא, דאָס איז אייער זאַך...—האָב איך געזאָגט.

—ניש'קשה, זיי נישט בייז!.. איך קאָן אַ הוליע טאָן אָבער דעם שכל וועל איך קיינמאָל נישט פער'שכורן. מיינע פעקלעך זאָלסטו קיינעם נישט אַרויסגעבען! און סויב' איך וועל אַפילו בעטען, זאָלסטו אויך נישט געבען! דו הערט?

—איך הער,—האָב איך קאַלט געזאָגט.—אָבער איך בעט אייך, איהר זאָלט נישט קומען צו מיר אַ שכור'ער.

—איך וועל נישט קומען,—האָט ער אַרויסגעזאָגט און אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד מיט'ן עק פון ציימעל. דאָס פערדעל האָט גענומען כראָפּען, זיך אַריס געטאָן פאָראויס, אָבער אָבלוי-פענדיג אַ דריי קלאַפּטער, האָט עס וואַסילי מיט אַמאָל אָבגע-שטעלט און פון דאָסניי זיך אָבגעבויגט צו מיר.

—דאָס איז אַ גאָלדען פערדעל! אַ געוועט האָב איך גע-האַט! האָט איהר געזעהן, ווי עס לויפט? איצט קאָן איך נעה-מען ביי די טאָטערן, וואָס פאַר אַ פּרייז איך וויל. דו בע-דאַרפסט וויסען, אַז אַ גוט פערד איז ממש הייליג ביי אַ טאָ-טער.

—טאָ צו וואָס זאָלט איהר עס פערקויפען? אָהן אַ פערד וועט דאָך ליידען אייער בעל-הבית'ישקייט?

—איך וועל פערקויפען—אַזוי איז מיר איצט געפעלען געוואָרען!

ער האָט ווידער אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד און ווידער-אַמאָל עס פערהאַלטען.

—איך וועל עס פערקויפען, ווייל איך האָב דאָ געפונען אַ חבר. איך וועל אַוועקוואַרפען אַלץ מיט איינאַנדער! עך, מיין ליבער! זעהסטו, אַ טאָטער פאָהרט דאָרט, אויף אַ גרוי-שימעל פערד... עי, דו!—האָט ער אַ געשריי געטאָן צו אַ טאָ-טער, וואָס איז געפאָהרען פון הינטען.—אַכמעטקע, קום אַקאָרשט אַהער!

דאָס גרוי-שימעל-פערד איז צוגעלאָפען צו מיין שליטעל

און בעת-מעשה קאָקעטיש געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און שנעל בע-
וועגט מיט די פּיס. דער טאָטער, וואָס איז געזעסען אויפ'ן פערד,
האָט אַראָבגענומען דאָס היטעל, זיך פערנייגט און פרעהליך
געשמייכעלט. איך האָב איהם נייגיריג אָנגעקוקט.

אַ שעלמיש שמייכעלע האָט זיך צוגאָסען איבער זיין גאַנ-
צען פרצוף. די קליינע אויגעלעך האָבען פרעהליך געבלישטשעט
און שעלמיש-פאַמיליער געקוקט אויפ'ן צווייטען. „מיר, ברודער פער-
שטעהען איינאַנדער,—האָבען אַזוי ווי יעדערן געזאָגט דידאָזיגע
אויגען.—איך בין אַפילו אַ שעלמע, אָבער דער'עיקר'שט בעדאַרף
מען זיין אַ געשיקטער שעלמע, נישט וואָהר ?" און דער צוויי-
טער האָט געקוקט אויף דעמדאָזיגען פרצוף מיט די אַרויסגע-
רוקטע קינבאַקען, אויף די פרעהליכע קנייטשעלעך אַרום די
אויגען, אויף די אָבגעשטאַנענע גרויסע און דינע אויערן,
וואָס האָבען משונה-קאָמיש געשטעקט פוןביידע זייטען און
האָט בעת-מעשה אויך געשמייכעלט. דעמאָלט האָט זיך אַלמעט-
קע איבערצייגט, אַז מען האָט איהם פערשטאַנען, האָט ער זיך
צופרידענגעשטעלט און געלאַסען-ווייך אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן
קאָפּ—אַלס צייכען, אַז ער איז איינפערשטאַנדען מיט יענעמס
מיינונגען.

—אַ חבר !—האָט ער מיט'ן קאָפּ אַ שאָקעל געטאָן אין וואַ-
סיליס זייט—צוזאַמען ווי בראָדיאַגעס געגאַנגען.

—און וואו וואוינסטו איצט ?.. איך האָב דיך עפּיס פריה-
ער נישט בעמערקט אינ'ם ישוב.

—נאָך די פּאַפּירען געקומען. אין די בערג-שאַכטעס גע-
ווען. בראָנפען געטראָגען אַהין*).

---

*) דער האַנדעל מיט בראָנפען אין די שאַכטעס און נעבען די שאַכטעס
איז שטרענג פערבאָטען. אין די טייגע-שאַכטעס פון'ם לענער סיסטעם האָט זיך
דעריבער ענטוויקעלט גאָר אַ בעזונדער פרנסה—צושטעלען בראָנפען און אויסביי-
טען איהם דאָרט אויף גאָלד. דאָס איז אָבער זעהר אַ געפעהרליכע פרנסה, דערפאַר
ווערט מען בעשטראָפט מיט קאַטאָרגע. אויסערדעם, איז אַגרויסע סכנה די ווילדע

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף וואַסילי'ן. ער האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען און גענומען די לייצעס אין דער האַנד. באַלד אָבער האָט ער צוריק אויפגעהויבען דער קאָפּ און מיך חוצפּה'דיג אָנגעקוקט מיט ברענענדיגע אויגען. די ליפּען זיינען איהם געווען שטאַרק פערפּרעסט, אָבער די אונטערשטע ליפּ האָט דאָך מערקליך געציטערט.

—איך געה מיט איהם אין טייגע אַוועק... וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? אַ בראָדיאַגע בין איך, אַ בראָדיאַגע!..

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט, ווען דאָס פערד האָט שוין שנעל גאַלאָפּירט. אין אַ מינוט אַרום האָט זיך דערווייטערט דער וואָלקען פון'ם פּראָסט-שטויב צוזאַמען מיט דער אָפּטער טופּערײַ פון די פערדישע קאָפּיטעס.

אין אַ יאָהר אַרום איז אַבמעטקע ווידעראַמאָל געקומען אין ישוב „נאָך די פּאַפּירען," אָבער וואַסילי איז שוין מעהר נישט געקומען.

באַטור אַליין. אַ סך בראָמטענער קרומען־אום אין טייגע פון נויט און קאָזאַקען קיילען, אָדער מען פאַלט פון אַ מעסער פון אַן אייגענעם ברודער, וואָס געהערט צו אַן אַנדער פּאַרטיע. דערפאַר אָבער פערדינט מען דאָ נישט שלעכט.

אַנ'אויסטער'ליש מיידעל.

אנ׳אויסטערליש מיידעל.

—איז נאָך ווייט צו אַ סטאַנציע, פוהרמאַן?

—נאָך ווייט. מיר וועלען נישט אויסמיידען דאָס געוויטער. זעהסטו, ווי עס דרעהט אין דרויסען? דאָס געוויטער געהט.

יאָ, מיר וועלען נישט אויסמיידען דאָס געוויטער. עס ווערט אַלץ קעלטער צום אָוועגד. אונטער׳ן שליטען סקריפּעט דער שניי, דער ווינטערדיגער ווינד פּייפט אין טונקעלען וואַלד. די צווייגען פון די יעגלבוימער ציהען זיך אויס צו דעם שמאָ־לען וואַלד-וועג און וויגען זיך טריב אין דער טונקעלהייט פון׳ם פריה־צוגעפאַלענעם אָוועגד.

עס איז קאַלט און נישט בעקוועם, דער שליטען איז אַ שמאָלער, עס דריקט אין די זייטען און דערצו באָמבלען זיך נאָך די שווערדען און רעוואָלווערן פון מיינע בעגלייטער. דאָס גלעקעל זינגט עפּיס אַ לאַנג און איינטעניג לידעל, צוגעפּאַסט צו דעם זינגענדיגען געוויטער.

נאָר אָט ווייזט זיך, צום גליק, אַנ׳איינזאַם פייערל פון אַ סטאַנציע ביים ברעג פון׳ם ברומענדיגען וואַלד.

מיינע בעגלייטער, צוויי זשאַנדאַרמען, קלינגען מיט זיי־ער גאַנצען געוועהר־אַרסענאַל און וואַרפען־אַראָב פון זיך דעם שנייי אינ׳ם הייס־אָנגעהייצטען, טונקעלען אָנגערויכערטען הייזעל. אַנ׳אָרים און נישט־היימליך הייזעל. די בעל־הבית׳טע בע־פעסטיגט דאָס רויכערדיגע קינדעל.

—בעל־הבית׳טע, קאָנסטו אונז געבען עפּיס צו עסען?

—מיר האָבען גאָרנישט...

—און די פיש? איהר האָט דאָך דאָ נישט ווייט אַ טייך.

—פיש זענען אַפילו געווען, אָבער די ווידרע האָט זיי אַלע פערשלונגען.

—נו, און קאַרטאָפעל...

—אוי, טאַטע געטרייער! די קאַרטאָפעל האָט דער פראָסט געפּטר׳ט, אינגאַנצען גע׳פּטר׳ט.

מילא, פערפאַלען. גאָך גוט וואָס אַ סאַמאָוואַר האָט זיך געפונען צו אונזער גרויסער פערוואונדערונג. האָבען מיר זיך דערוואַרעמט מיט׳ן טיי. ברויט מיט ציבעלעס האָט געבראַכט די בעל־הבית׳טע. און דרויסען האָט זיך שטאַרק צושפּילט דאָס געוויטער, דראָבגעם שנייי אין די פענסטער געשאָטען און עפּ־טער האָט אויפגעציטערט און זיך געוויגט דאָס פייער פונ׳ם קינדעל.

—איהר קאָנט איצט ווייטער נישט פאָהרען. איהר מוזט דאָ איבערנעכטיגען!—זאָגט די אַלטע.

—מילא, וועלען מיר דאָ איבערנעכטיגען. איהר, מיין הער, בעדאַרפט זיך דאָך אויך נישט איילען. איהר זעהט, אַזאַ לאַנד איז שוין עס... נו, און דאָרט איז נאָך ערגער, גלויבט מיר,—זאָגט איינער פון די בעגלייטער.

אין הייזעל איז אַלץ אַנטשוויגען געוואָרען. די בעל־הבית׳־טע האָט אויך אַוועקגעלעגט דאָס שפּינדעל און זיך געלעגט שלאָפען. דאָס קינדעל איז אויסגעלאָשען געוואָרען. שטיל און פינסטער איז געוואָרען אין הייזעל, און דידאָזיגע שטילקייט איז נאָר טיילמאָל איבערגעריסען געוואָרען דורכ׳ן פלעצליכען ווינד.

איך האָב נישט געשלאָפען. אונטער'ן געראוש פון ווינד זענען אין קאָפּ אומגעלאָפען שווערע רעיונות.

—איהר קאָנט, אַפנים, נישט שלאָפען,—האָט זיך אָנגערופען דערזעלבער בעגלייטער—דער „עלטסטער,״ אַ גאַנץ סימפּאַטישער מאַן, מיט אַנ'אָנגענעהמען, אַפילו אינטעליגענטען פּנים, אַ מענש אַ געשיקטער, וואָס קאָן זיין זאַך און איז דעריבער נישט קיין פּעדאַנט. דעם וועג בעשווערט ער נישט מיט איבעריגע נאַרישקייטען און פאָרמאַליטעטען.

—יאָ, איך קאָן עפּיס נישט שלאָפען.

עס ווערט ווידער שטיל, אָבער איך הער, אַז מיין שכן שלאָפט אויך נישט און אַז אויך אין זיין קאָפּ דרעהען זיך אַרום פערשידענע רעיונות. דער צווייטער בעגלייטער, אַ יונגער „געהילף״ שלאָפט געשמאַק, ווי אַ געזונדטער, אָבער שטאַרק איינגעמידטער מענש. טיילמאָל רעדט ער עפּיס אונפערשטענדליכס פון שלאָף.

—איך חדוש מיך אויף אייך,—הערט זיך ווידעראַמאָל די גלייכע ברוסט-שטים פונ'ם אונטעראָפיציר.—מענשען יונגע איידעלע, געבילדעטע, קאָן מען זאָגען, און דאָך, אין וואָס געהט ביי זיי אַוועק דאָס לעבען...

—אין וואָס!

עך, גאָספּאָדין! שוין-זשע פערשטעהען מיר נישט? מיר פערשטעהען גאַנץ גוט, אַז נישט אַזוי האָט איהר פריהער געלעבט און אַז נישט צו אַזאַ לעבען זענט איהר געוועהנט פון קינדווייז-אָן...

נו, איהר רעדט נאַרישקייטען... שוין צייט געווען זיך אָבצוגעוועהנען...

—שוין-זשע איז אייך פרעהליך?—האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ טאָן פון ספקות.

—און אייך איז פרעהליך?..

אַ שטילשווייגען. גאַווארילאָוו (אַזוי וועלען מיר רופען מיין מיט-שמועסער) האָט זיך, קענטיג, פערטראַכט.

ניין, גאָספּאָדין, אייך איז נישט פרעהליך. גלויבט מיר

אויפ'ן וואָרט: טיילמאָל איז ממש נישט ניחא צו קוקען אויף דער וועלט... פאַרוואָס, ווייס איך אַליין נישט. אָבער טיילמאָל ווערט מיר אַזוי איינג, אַז איך וואָלט מיט אַ שאַרפען מעסער דאָס לעבען זיך גענומען.

—שווער צו דינען, וואָס?

—מילא, אַז דינען איז דינען... אַודאי איז דאָס נישט קיין שפּילכעל, און נאַטשאַלסטוואָ, קאָן מען זאָגען, איז אויך גאַנץ שטרענג, דאָך אָבער איז עס נישט צוליב דעם...

—צוליב וואָס פאָרט?

ווידעראַמאָל אַ שטילשווייגען.

—נו, וואָס איז דאָס דינסט? מען בעדאַרף זיך אויפפּיה־רען גוט און פּינקטליך—און יוצא. אַגב וועל איך איינגיכען געהן אַהיים. מיין טערמין ענדיגט זיך. דער נאַטשאַלניק זאָגט מיר אַפילו: „פערבלייב דאָ, גאַווארילאָוו, וואָס וועסטו טאָן אין דאָרף? האָסט ביי אונז אַ גוטען נאָמען...

—וועט איהר טאַקי פערבלייבען?

—ניין. אמת, אינדערהיים איז טאַקי... פון פויערישער אַרבייט זיך אָבגעוועהנט... פון זייערע עסענס אויך... און אַגב דער פערקעהר מיט מענשען... די גראָבקייט זייערע...

—אַלזאָ, וועגען וואָס האַנדעלט זיך עס?

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט אין נאָכדעם זיך אָנגערופען:

—אָט, אויב איהר וועט נישט זיין לאַנגווייליג, וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה, וואָס איז פערלאָפען מיט מיר גופא...

—נו, דערצעהלט...

II.

אין דינסט בין איך אַריינגעטרעטען אין יאָהר 1874. געדינט האָב איך גוט, קאָן מען זאָגען, טאַקי פלייסיג, און אַלץ אין קאָמאַנדעס האָט מען מיך בעשטימט: אויף פּאַראַדען אָדער אין טעאַטער—איהר ווייסט שוין, ווי דאָס איז. שרייבען און לייענען האָב איך גוט געקאָנט, נו, האָב איך, נאַטירליך, אויסגענומען ביי נאַטשאַלסטוואָ. דער מאַיאָר איז געוועזן פון מיין שטאָדט, זעהט ער, ווי איך סטאַרע מיך אַזוי, רופט ער מיך איינמאָל צו און זאָגט: „גאַווארילאָוו, איך וועל דיך מאַכען פאַר אַנ׳אונטעראָפּיציר... ביזטו שוין געוועזן אין קאָמאַנדיראָווקעס?..“ „ניקאַק ניעט, זאָג איך, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע.“ „נו, זאָגט ער, וועל איך דיך בעשטימען פאַר אַ געהילף, וועסטו זיך צוקוקען, דאָס איז אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך.“ איך וועל מיך סטאַרען און פלייסען, זאָג איך, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע!“

און אין די קאָמאַנדיראָווקעס בין איך נאָך באמת נישט געוועזן—מיט אַיערע לייט, הייסט עס. דאָס איז אַפילו אַנ׳איינפאַכע זאַך, פונדעסטוועגען בעדאַרף מען זיין בעקאַנט מיט די

אינסטרוקציעס און עס פאָדערט זיך אויף אַ געוויסע געשיקט-קייט. נו, מילא...

אין אַ וואָך אַרום רופט מיך דער דעזשורנער סאָלדאַט צום נאַטשאַלניק; צוזאַמען מיט מיר רופט מען אויך עפּיס אַנ׳-אונטעראָפיציר. קומען מיר אַריין צום נאַטשאַלניק: „איהר האָט, זאָגט ער, אַ קאָמאַנדיראָווקע. אָט האָסטו דיר אַ געהילף,—רופט ער זיך אָן צום אונטעראָפיציר. די זאַך איז נאָך איינגאַנצען ביי פאַר איהם. זעהט-נאָר, קינדער, איהר זאָלט נישט שלאָפען און זאָלט דורכפיהרען די זאַך, ווי כוואַטעס. אַ באַרישנע איינע, מאַראָזאָוואַ הייסט זי, פון די פּאָליטישע, וועט איהר בעדאַרפען אַוועקפיהרען. אָט האָט איהר די אינסטרוקציע, מאָרגען בעקומט איהר געלד און היידאַ אין וועג אַריין!..

איוואַנאָוו, דער אונטעראָפיציר, איז געפאָהרען מיט מיר אַלס עלטסטער און איך—אַלס זיין געהילף, ווי אָט דער זשאַנ-דאַרם, וואָס פאָהרט מיט מיר איצט. דער עלטסטער בעקומט אויף דער האַנד דעם קאַזיאָנעם פּאַקעט, דאָס געלד, די פּאַפּירען. ער שרייבט זיך אונטער, פיהרט די חשבונות, נו, און דער געהילף העלפט איהם צו: געהט אַ גאַנג, גיט אַכטונג אויף די זאַכען, דאָס, יענץ, ווי עס פיהרט זיך אין אַ וועג.

נו, גוט. אינדערפריה, באַלד ווי עס האָט נאָר גענומען שאַריען אויף טאָג, זענען מיר אַרויס פון נאַטשאַלניק. קוק איך מיך אַרום, זעה איך: מיין איוואַנאָוו איז שוין שכור׳ליך. אַ מענש איז דאָס געווען—מען בעדאַרף זאָגען דעם אמת—נישט קיין פּאַסי-גער... איצט איז ער שוין אויס אונטעראָפיציר... אויף די אויגען פון נאַטשאַלסטוואָ האָט ער זיך אַפילו געהאַלטען אַזוי, ווי עס פּאַסט פאַר אַנ׳אונטעראָפיציר און אַמאָל האָט ער אַפילו צוגע-וואָרפען אַ מסירה׳לע אויך, כדי אויסצונעהמען ביי זיי... קוים אָבער איז קיין נאַטשאַלסטוואָ נישט געווען, האָט ער זיך באַלד פערדרעהט און קודם-כל איז ער צוגעפאַלען צום שנעפּסעל!

נו, זענען מיר געקומען אין טורמע, דערלאַנגט די פּאַפּי-רען, אַלץ אַזוי, ווי עס פיהרט זיך—און וואַרטען. אָבער מיר איז משיקאַווע—וואָס פאַר אַ מיידעל וועלען מיר דאָס פיהרען,

וואָרום לזיט׳ן מאַרשרוט האָבען מיר זי בעדאַרפט פיהרען זעהר ווייט. טאַקי מיט דעם אייגענעם וועג זענען מיר געפאָהרען, אָבער נישט אין אַ דאָרף איז זי בעשטימט געווען, נאָר אין אַנ׳אויעזדנער שטאָדט. נו, איז מיר דאָס ערשטע מאָל טשיקאַ-ווע—וואָס איז דאָס פאַר אַ מיידעל פון די פּאָליטישע?

געוואַרט האָבען מיר ביי אַ שעה, ביז וואַנען מען האָט צונויפגעקליבען איהרע זאַכען. און זאַכען האָט זי געהאַט בלויז אַ קליין פּעקעלע—אָט, אַ קליידעל, דאָס, יענץ, איהר ווייסט דאָך. ביכער האָט זי אויך געהאַט, אָבער מעהר גאָרנישט. קענ-טיג, נישט פון רייכע עלטערן, טראַכט איך מיר. פיהרט מען זי אָבער אַרויס, זעה איך—אַ יונג מיידעלע, ממש נאָך גאָר אַ קינד. די האָר—בלאָנדע, פערפלאָכטען אין אַ צאָפּ, אויף די באַ-קען שפּילט אַ רויטקייט. ערשט שפּעטער האָב איך בעמערקט, אַז זי איז אינגאַנצען בלאַס, ווייס. האָט זי מיר עפּיס באַלד זעהר באַנג געטאָן... געוויס, טראַכט איך מיר... נאַטשאַלסטוואָ, זאָלט איהר מיר מוחל-זיין... ווערט סתם אין דער וועלט אַריין נישט בעשטראָפען... מסתמא האָט זי עפּיס געטאָן אין דידאָזי-גע, אין די פּאָליטישע זאַכען... אָבער פונדעסטוועגען טוט עפּיס באַנג, אַזוי באַנג, אַז פּשוט, נו!..

דאָס מיידעל טוט זיך אָן דערויילע—דעם מאַנטעל, קאַ-לאָשען... איהרע זאַכען האָט מען אונז נאָך פריהער בעוויזען. לויט דער אינסטרוקציע מוזען מיר פריהער זעהן די זאַכען. „האָט איהר עפּיס געלד מיט זיך?“ פרעגען מיר. יאָ, זי האָט אַ רובל מיט צוואַנציג קאָפּיקעס. האָט עס דער עלטסטער צוגע-נומען און רופט זיך אָן: „איך מוז אייך, באַרישנע, בעזוכען.“ האָט זיך דאָס מיידעל אינגאַנצען אָנגעצונדען: די אויגען ברע-נען, די באַקען—פלאַמפייער. די ליפּען דינע, בייזע, ברוגז׳ע... און אַזוי ווי זי האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף אונז, ווערט איהר גלויבען, איז מיר באַלד איינגעפאַלען דאָס האַרץ און אָבהענ-טיג בין איך געוואָרען. נו, אָבער דער עלטסטער, ווי איהר ווייסט, איז שוין געווען [illegible] בלייך. „איך

זאָגט ער, ‒ין מחיוב, איך האָב אַנ׳אינסטרוקציע דערויף.״

האָט זי נאָר אַ געשריי געטאָן—און אַפילו איוואַנאָוו האָט געמוזט אָבטרעטען. הויב איך אויף די אויגען אויף איהר, זעה איך—דאָס פּנים איז בלאַס, אָהן אַ טראָפּען בלוט, די אויגען זענען טונקעל געוואָרען און זי איז פול מיט האַס און גרימצאָרן... מיט די פיס טופּעט זי און גיך-גיך רעדט זי, אָבער דעם אמת געזאָגט, האָב איך אַפילו רעכט נישט געהערט, וואָס זי רעדט... דער טורמע-סמאָטריטעל האָט זיך אויך דערשראָקען, האָט ער איהר צוגעטראָגען אַ גלאָז וואַסער. „בערוהיגט זיך—בעט ער זיך ביי איהר,—האָט רחמנות איבער זיך אַליין.״ אָבער ער געהט איהר אויך וועניג אָן. „רוצחים זענט איהר, שרייט זי, גראָבהויטיגע מענשען!״ און נאָך אַזוינע חוצפה׳דיגע ווערטער. זאָגט, וואָס איהר ווילט, אָבער מען טאָר דאָך נישט וואַרפען אויף נאַטשאַלסטוואָ אַזוינע ווערטער. „עהע, טראַכט איך מיר, דאָס איז אַ קליין שלאַנגעלע...״

און מען האָט זי טאַקי נישט בעזוכט. דער סמאָטריטעל האָט זי אַריינגעפיהרט אין אַ צווייטען צימער און איז באַלד אַרויס פון דאָרטען צוזאַמען מיט אַ נאַדזיראַטעלניצע. „זי האָט ביי זיך גאָרנישט,״ זאָגט ער. און זי קוקט אויף איהם בעת-מעשה און לאַכט איהם אַזוי ווי אין פּנים אַריין. אָבער די אויגען זענען איהר פול האַס און גרימצאָרן. איוואַנאָוו, ווידער, האַקט אַלץ דאָס זייניגע: „ניע פאָ-זאַקאָנו! איך האָב, זאָגט ער, אַנ׳אינסטרוקציע!..״ אָבער דער סמאָטריטעל לעגט נישט קיין אַכט אויף איהם, וואָרום ער איז דאָך שיכור. און ווער הערט עס אַ שיכור׳ען?

און אַזוי זענען מיר אַרויסגעפאָהרען. פאָהרענדיג איבער דער שטאָדט, האָט זי אַלץ אַרויסגעקוקט פון׳ם קאַרעט-פענסטערל, פונקט ווי זי וואָלט זיך געזעגענט מיט די גאַסען אָדער זי וואָלט בעקאַנטע געזוכט. אָבער איוואַנאָוו האָט גענומען און אַראָבגעלאָזט דאָס פאָרהענגעל און דאָס פענסטערל פערמאַכט. האָט זי זיך פעררוקט אין ווינקעל און נישט געקוקט אויף אונז. אָבער איך האָב עפּיס נישט אויסגעהאַלטען, האָב איך גענומען

רעם ברעג פונ׳ם פאַרהענגעל,—איך וויל, הייסט עס, אַליין אַרויסקוקען — און עס אָפּגערוקט אַזוי, אַז זי זאָל אויך קאָנען זעהן... אָבער זי האָט נישט אַרויסגעקוקט... אין ווינקעל אַ בייזע איז זי געזעסען, די ליפּען נאָכאַנאַנד געביסען... אין בלוט, האָט מיר אויסגעוויזען, האָט זי זיי צוביסען...

נאָכדעם זענען מיר געפאָהרען מיט׳ן צוג. יעשען איז דעמאָלט געווען, תשרי-צייט, אָבער אין דרויסען איז געווען שען. די זון שיינט, אַ פרישער יעשען - ווינדטעלע, און זי זיצט אין וואַגאָן ביים אָפענעם פענסטער, אַרויסגערוקט אויפ׳ן פרישען ווינד. לויט דער אינסטרוקציע טאָר מען דאָס פענסטער נישט עפענען, אָבער מיין איוואַנאָוו האָט באַלד, ווי ער איז אַריין אין וואַגאָן, זיך אַ וואָרף געטאָן און געמומען כאַפּען, און איך קאָן דאָס איהר עפּיס נישט זאָגען... נאָכדעם בין איך אַפילו דרייסטער געוואָרען, בין איך צוגעגאַנגען צו איהר און אַ זאָג געטאָן: „באַרישנע, מאַכט-צו דאָס פענסטער.” שווייגט זי, ווי נישט צו איהר רעדט מען. בין איך געשטאַנען, געשטאַנען און זיך ווידעראַמאָל אָנגערופען:

—באַרישנע, איהר וועט זיך פערקיהלען. אין דרויסען איז קאַלט.

קעהרט זי זיך אָב צו מיר און שטעלט אויס אויף מיר אַ פּאָר גרויסע אויגען, פונקט ווי זי וואָלט זיך פּלוצלונג שטאַרק פערחדוש׳ט... קוקט זי מיך אָן אַזוי און רופט זיך אָן: „לאָזט מיך צורוה!” און רוקט זיך ווידער אַרויס אויפ׳ן ווינד. האָב איך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד און אָבגעטראָטען פון איהר.

איז זי אַזוי ווי רוהיגער געוואָרען. פערמאַכט זי דאָס פענסטער, פערוויקעלט זיך אין מאַנטעלע און וואַרימט זיך. „געווען אַ פרישער ווינד, זאָג איך, קאַלט!” אָבער זי עפענט פון דאָסניי דאָס פענסטער און רוקט זיך ווידעראַמאָל אַרויס אויפ׳ן ווינד. קענטיג, נאָך דער טורמע קאָן זי זיך נאָך נישט אָנזעטי-גען מיט די פעלדער. זי איז אַפילו פרעהליכער געוואָרען, קוקט זי אַזוי רוהיג, שמייכעלט, אָבער בעת-מעשה איז אַזאַ

תענוג צו קוקן אויף איהר... איהר וועט גלויבען...

דער בעל-מעשה איז אַנטשוויגען געוואָרען און זיך פער-טראַכט. נאָכדעם האָט ער ווידער גענומען דערצעהלען, אָבער אַזוי ווי מיט אַ פערשעמטען טאָן:

—נאַטירליך, איך בין נאָך נישט געוועהנט געווען צו די-דאָזיגע זאַכען... שפּעטער האָב איך שוין פיר מענשען געפיהרט, בין איך געוועהנט געוואָרען... דעמאָלט אָבער האָט עס מיר אויסגעוויזען אויסטערליש: וואוהין, אַ שטייגער, פיהרען מיר עס דאָסדאָזיגע קינד? און נאָכדעם... דעם אמת געזאָגט, איהר זאָלט נאָר קיין פעראיבעל נישט האָבען... האָב איך געהאַט אַ מחשבה: וואָס, אַ שטייגער, ווען איך זאָל בעטען נאַטשאַלסטוואָ, מען זאָל זי מיר געבען פאַר אַ ווייב? איך וואָלט שוין אַרויסגעשלאָגען פון איהר דאָסדאָזיגע משוגעת... אַוודאי, יונג בין איך געווען... נאַריש. איצט פערשטעה איך שוין. דעמאָלט האָב איך עס דעם פּאָפּ דערצעהלט. זאָגט ער: „פון דערדאָזיגער מחשבה בין-טו טאַקי קאַליע געוואָרען, וואָרום זי גלויבט דאָך נישט אין גאָט!..”

פון קאָסטראָמאַ זענען מיר געפאָהרען אויף פערד. איוואַ-נאָוו איז אַלץ שכור-בשכור: שטעהט ער אויף פון שלאָף, טרינקט ער זיך ווידער אָן. פון וואָגען איז ער אַרויס, וואַקעלט ער זיך. נו, טראַכט איך מיר, אַ ביטערע מעשה, ער קאָן נאָך אַוודאי פער׳שכור׳ען דאָס קאַזיאָנע געלד. אין וואָגען האָט ער זיך אַריינגעוואָרפען און באַלד גענומען כראָפּען. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט דערבייי און עס איז געווען עפּיס נישט הענטיג. האָט זי נאָר אַ קוק געטאָן אויף איהם—ווי מען קוקט אויף אַנ׳עקדעש. זי האָט זיך איינגעבורעט אין ווינקעלע, דאָס קלייד אַרומגעצויגען אַרום זיך, זי זאָל איהם, חלילה, נישט אָנריהרען און איך האָב מיך ווי-עס-איז איינגעמאָשטשעט אויפ׳ן וואָגען-קאַנט. זענען מיר נאָר אַרויסגעפאָהרען, האָט זיך אויפגעהויבען אַ געוויטער, די קעלט האָט מיך דורכגענומען. אָבער זי האָט זיך שטאַרק צוהוסט, צו די ליפּען אַ טיכעלע צוגעטראָגען און אויפ׳ן טיכעלע האָב איך געזעהן בלוט. האָט עס מיר אַ שטאָך

געטאָן אין האַרצען, ווי מיט אַ שפּילקע. „עך, זאָג איך, באַ-רישנע, ווי אַזוי טוט איהר עס? קראַנק זענט איהר און האָט זיך אין אַזאַ וועטער געלאָזט אין וועג אַריין. דרויסען איז יע-שען, קאַלט! מעג מען עס, האַ?“

האָט זי אַרויפגעוואָרפען די אויגען אויף מיר און מיך טיף צוגעקוקט, און דער האַס האָט ווידער גענומען קאָכען אין איהר.

—וואָס זענט איהר,—זאָגט זי,—נאַריש, צי וואָס? פער-שטעהט איהר דען נישט, אַז איך פאָהר נישט מיט מיין אייגע-נעם ווילען? אַ פּיינער מענש—אַליין פיהרט ער מיך אַהין און קריכט נאָך מיט רחמנות!..

—ווען איהר וואָלט אָבער,—זאָג איך,—געמאָלדען נאַ-טשאַלסטווע, וואָלט מען אייך אַריינגעלעגט אין אַ שפּיטאָל, און איהר וואָלט איצט נישט געפאָהרען אין אַזאַ קעלט. דאָס איז דאָך עפּיס אַ ווייטע נסיעה!

—וואוהין פאָהרען מיר?—פרעגט זי.

אונז איז, ווי איהר ווייסט, שטרענג פערבאָטען אויסצו-געבען די פערברעכער, וואוהין מען פיהרט זיי. זעהט זי, אַז איך האָב מיך עפּיס פערהאַקט, האָט זי אָבגעקעהרט דעם קאָפּ.

—בעדאַרף מען נישט,—זאָגט זי,—דאָס האָב איך אַזוי.. זאָגט מיר גאָרנישט, אָבער קריכט אויך נישט מיט רחמנות.

דאָ האָב איך שוין נישט אויסגעהאַלטען.

—אָט וואוהין איהר בעדאַרפט,—זאָג איך,—פאָהרען! נישט נאָהנט!

האָט זי פערפרעסט די ליפען, צונויפגעצויגען די ברע-מען און גאָרנישט געזאָגט. האָב איך אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ...

—אַזוי איז עס, באַרישנע... העלדען זענט איהר, אָבער איהר ווייסט גאָרנישט, וואָס דאָס איז אַזוינס אַזאַ נסיעה...

בייז בין איך געוואָרען... דאָס בלוט האָט אין מיר געקאָכט... אָבער זי גיט ווידער אַ קוק אויף מיר און רופט זיך אָן:

—איהר האָט אַ טעות,—זאָגט זי.—איך ווייס זעהר גוט, וואָס דאָס איז אַזוינס, אָבער אין שפּיטאָל וויל איך פונדעסט־וועגען נישט ליגען. אַ דאַנק! אויב שטאַרבען, איז שוין בעסער אויך דער פרייהייט, צווישען אייגענע מענשען, און אויב איך וועל אפשר קומען צו די כּוחות, איז דאָס אויך נאָר אויף דער פרייהייט, אָבער נישט אין אונזער טורמע־שפּיטאָל. איהר מיינט,—זאָגט זי,—אַז איך בין קראַנק געוואָרען פונ'ם ווינד, פון אַ פערקיהלונג! ניין, נישט פון ווינד!..

—איהר האָט דאָרט קרובים?—פרעג איך.

איך האָב זי דעריבער אַ פרעג געטאָן, ווייל זי האָט גע־זאָגט, אַז זי וויל קומען צו די כּוחות צווישען אייגענע מענ־שען.

—ניין,—זאָגט זי,—איך האָב דאָרט נישט קיין קרובים און נישט קיין בעקאַנטע. דאָס איז אַ פרעמדע שטאָדט פאַר מיר, נאָר פערשיקטע חברים מוזען דאָרט זיין.

האָב איך מיך גע'חדוש'ט—ווי אַזוי האַלט זי עס פרעמדע מענשען פאַר אייגענע. „שוין־זשע, טראַכט איך מיר, וועט מען זי, אַנ'אונבעקאַנטע, געבען צו עסען און צו טרינקען גאָר אָהן געלד?.. אָבער פרעגען פרעג איך זי נישט וועגען דעם, מחמת איך זעה, ווי זי הויבט־אויף די ברעמען: זי איז נישט צופרי־דען מיט מיינע קשיות.

—זאָל זיין אַזוי, טראַכט איך... זי ווייס נאָך אייגענטליך נישט פון נויט. אַז זי וועט זיך אָבער בעקאָנען מיט די צרות, וועט זי שוין וויסען דעם טעם פון אַ פרעמד פערוואָרפען לאַנד...

פאַרנאַכט האָט זיך אָנגערוקט אַ כמאַרע, אַ קאַלטער ווינד האָט גענומען בלאָזען און פלוצלונג איז גאָר אַרויסגעפאַלען אַ רעגען. די בלאָטעס האָבען נאָך פריהער נישט אויסגעטריקענט, און איצט האָבען זיי זיך אַזוי צוגאָסען און צושפּרייט, ווי אַנ'אמת'ע קאַשע. דער גאַנצער רוקען איז מיר אויסגעשמירט געוואָרען מיט בלאָטע, אָבער איהר האָט אויך נישט געפעהלט. מיט איין וואָרט, דאָס ערגסטע וועטער איז אויסגעפאַלען אויף איהר ביטער מזל: דער רעגען שמייסט גלייך אין פּנים אַריין.

וואָגען איז אַפילו מיט א בויד און דאָס מיידעל האָב איך בע־דעקט מיט אַ ראָגוזשע, אָבער דאָס איז אַ קנאַפּע תּרופה: עס רינט און גיסט פון אַלע זייטען, און איך זעה, ווי זי ציטערט פון קעלט מיט פערמאַכטע אויגען. איבער׳ן פּנים גליטשען זיך רע־גענטראָפּענס, די באַקען זענען בלאַס, און זי בעוועגט זיך נישט, פּונקט ווי אַ גע׳חלש׳טע. האָב איך מיך אַפילו דערשראָקען. איך זעה, אַז די זאַך געהט עפּיס נישט צו אין אָרדנונג און עס קאָן נאָך אַרויסקומען אַ צרה... און איוואַנאָוו איז שכור, ליגט אין כראָפּעט, וואָס געהט עס איהם אָן... וואָס האָב איך דאָ געקאָנט טאָן, בפרט אַז איך בין געפאָהרען צום ערשטען מאָל...

אין אָוועגד זענען מיר געקומען קיין יאַראָסלאַוול. דאָ האָב איך אויפגעוועקט איוואַנאָוו׳ן, אַרויסגעגאַנגען אויף דער סטאַנציע און געלאָזט שטעלען דעם סאַמאָוואַר. פון דערדאָזיגער שטאָדט געהען אַפילו שיפען, אָבער לויט דער אינסטרוקציע איז אונז שטרענג פערוועהרט צו פאָהרען אויף דידאָזיגע שיפען. אַ נאַש-בראַט לוינט עס אַפילו—מען קאָן איינשפּאָרען געלד, אָבער מיר האָבען מורא. אין האַפען, ווי איהר ווייסט, שטעהען פּאָ־ליציאַנטען, נו, קאָן אַנ׳אייגענער ברודער, אַנ׳אָרטיגער זשאַנ־דאַרם אריינוואַרפען אַ מסירה׳לע. אָבער די באַרישנע רופט זיך אָן: „מיט פערד—זאָגט זי—וועל איך ווייטער נישט פאָהרען, אויב איהר ווילט, פיהרט מיך מיט׳ן שיף.“ און איוואַנאָוו האָט קוים די אויגען געעפענט פון שכרות און בייז איז ער. „איהר,—זאָגט ער,—בעדאַרפט נישט זאָגען קיין דעה. וואוהין מען וועט אייך פיהרען, דאָרט וועט איהר פאָהרען!“ האָט זי דידאָזיגע ווערטער פערשוויגען און האָט בלויז בעמערקט:

—איהר האָט געהערט, וואָס איך האָב געזאָגט: איך פאָהר נישט!

האָב איך אָבגערופען איוואַנאָוו׳ן אָן אַ זייט. „מען בע־דאַרף זי, זאָג איך, פיהרען מיט דער שיף. פאַר אייך איז עס דאָך ־איך בעסער: איהר וועט איינשפּאָרען געלד.“ איז ער מסכים דערויף, אָבער ער האָט מורא. „דאָ וואוינט, זאָגט ער, אַ פּאָל־קאָווניק, זאָל נאָר נישט געשעהן עפּיס אַ צרה. געה בעט איהם,

זאָג איהם, זאָגט ער, אַז איך בין נישט געזונד.״ און דער פּאָלקאָוניק וואוינט נישט ווייט. „לאָמיר, זאָג, איך, געהן צוזאַמען און די באַרישנע וועלען מיר אויך מיטנעהמען.״ איך האָב מיך פּשוט געשראָקען: איוואַנאָוו קאָן נאָך אַ פּאַל טאָן שלאָפּען פון שכרות און עס קאָן נאָך געשעהן עפּיס אַ צרה. דאָס מיידעל קאָן מאַכען פּליטה, אָדער אָנטאָן זיך אַ טויט און אויסגעהן וועט עס דערגאָן צו מיין קאָפּ. נו, זענען מיר אַוועק צום פּאָלקאָוניק, געהט ער אַרויס צו אונז און פרעגט: „וואָס ווילט איהר?״ הויבט זי איהם אָן צו דערקלערן, אָבער זי רעדט נישט, ווי מען בעדאַרף. מיט הכנעה האָט זי בעדאַרפט זאָגען: „אַזוי און אַזוי, ווייזט-אַרויס אַ חסד, האָט רחמנות״—בראָקט זי אָבער אויף איהר לשון. „מיט וואָס פּאַר אַ רעכט,״—האַקט זי און שיט אַזוי ווייטער און ווייטער. איהר ווייסט דאָך, אַזוינע חוצפּה׳דיגע ווערטער, וועלכע איהר, פּאָליטישע, האָט אַזוי ליב צו געברויכען. נו, פערשטעהט איהר דאָך אַליין, אַז נאַטשאַלסטוואָ האָט פיינט אַזוינע ווערטער. נאַטשאַלסטוואָ האָט ליב הכנעה. הערט ער זי אויס פונדעסטוועגען און רופט זיך אָן גאַנץ העפליך: „ניע מאָגו-ס. איך קאָן אייך דאָ נישט העלפען. פּאָ-זאַקאָנו-ס!.. איך טאָר נישט!..״ זעה, איך, ווי מיין באַרישנע ווערט רויט, די אויגען ברענען, ווי הייסע קויהלען. „אַ זאַקאָן!״—פּלאַצט זי אַרויס און צולאַכט זיך אויף איהר שטייגער—הויך און הילכיג. „טאַק טאָטשנאָ,—ענטפערט איהר דער פּאָלקאָוניק,—אַ זאַקאָנ-ס!

דעם אמת געזאָגט, האָב איך מיך בעת-מעשה עטוואָס פערגעסען און רוף מיך אָן: „אָבער וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע, זיי זענען קראַנק.״ קוקט ער מיך אָן אַזוי בייז. „ווי הייסטו?״ פרעגט ער, „און איהר, באַרישנע,—קעהרט ער זיך אָב צו דעם מיידעל,—אויב איהר זענט קראַנק, קאָנט איהר אייך געהן אין טורמע-שפּיטאָל.״ נעהמט זי און געהט-אַוועק, אָהן אַ וואָרט צו ריידען, געהען מיר אַוועק נאָך איהר. אין שפּיטאָל וויל זי אָבער נישט געהן. אפשר איז זי גערעכט געווען: אָהן געלד, אין אַ פרעמדען ווינקעל, צווישען פרעמדע מענשען.

נו, מילא, פערפאַלען. איוואַנאָוו האָט אויסגעלאָזט זיין כּעס צו מיר. „וואָס וועט עס איצטער זיין, פרעגט ער—שוטה, צוליב דיר, וועלען מיר זיך ביידע בעצאָהלען.“ האָט ער געהייסען שפּאַנען די פערד. די נאַכט וויל ער אַפילו נישט איבערוואַרטען. געהען מיר צו דער באַרישנע און זאָגען: „באַרישנע, מיר פאָהרען, די פערד שטעהען גרייט.“ און זי האָט זיך גראָד צוגעלעגט אויפ׳ן דיוואַן און וויל זיך אַ ביסעל דערוואַרימען. שפּרינגט זי אויף אָבער תּיכּף ומיד אויף די פיס, ציהט זיך אויס פאַר אונז ביידען, ווי הויך זי איז און קוקט אונז גלייך אין די אויגען אַריין. און איך וועל אייך זאָגען דעם אמת—עס איז געווען אַפילו סומנע צו קוקען אויף איהר. „איהר אַזוינע און אַזוינע, פערשאָלטענע, וואָס איהר זענט!“—האָט זי אָנגעהויבען שיטען אויף איהר אונפערשטענדליכען לשון. ריידען רעדט זי, דאַכט זיך, אויף רוסיש, אָבער פערשטעהן, וואָס זי רעדט, איז שווער. רעדט זי אַזוי בייז און ביטערליך: „נו, זאָגט זי, טוט, וואָס איהר ווילט. איהר ווילט מיך פערמוטשען—פערמוטשעט. איך פאָהר!“ דער סאַמאָוואַר שטעהט נאָך אַלץ אויפ׳ן טיש, אָבער זי האָט נאָך נישט געטרונקען. איך מיט איוואַנאָוו׳ן האָבען פערבריהט טיי און איך האָב איהר אָנגעגאָסען. ווייס ברויט האָבען מיר געהאַט, האָב איך איהר אָבגעשניטען אַ שטיקעל ברויט. „עסט, זאָג איך, איהר וועט דאָך בעדאַרפען פאָהרען. אפשר וועט עס דערוואַרימען אַ ביסעל.“ גראָד האָט זי דעמאָלט אָנגעטאָן די קאַלאָשען, הויבט זי זיך פּלוצלונג אויף, קעהרט זיך אום צו מיר, קוקט מיך אָן, גיט אַ דריק מיט די אַקסלען און זאָגט:

—וואָס איז דאָס פאַר אַ מענש, משוגע זענט איהר, צי וואָס? איך וועל טרינקען אייער טיי?

האָט עס מיך שרעקליך בעליידיגט. און אַפילו איצט, אַז דאָס קומט מיר נאָר אויפ׳ן זכרון, פאַלט מיר דאָס בלוט אין פּנים אַריין. אָט איך, אַ שטייגער, שטעהט-אָן צו עסען אינאיינעם מיט אונז. דעם הער רובאַנאָוו האָבען מיר געפיהרט, אַ זוהן פון אַ שטאַב-אָפיציר, פונדעסטוועגען איז איהם אויך אָנגעשטאַ-

בען, און איהר שטעהט נישט אָן. אויף אַ באַזונדער טיש האָט זי געהייסען שטעלען דעם סאַמאָוואַר, באַזונדער, נישט מיט אונז, און באַצאָהלט האָט זי, נאַטירליך, אין צווייען. און געלד האָט זי געהאַט סך-הכל אַ רובל מיט צוואַנציג קאָפּיקעס!

III.

דער בעל-מעשה איז אַנטשוויגען געוואָרען, און שטיל איז געוואָרען אין הייזעל. בלויז דער מעסיגער אָטעם פונ׳ם זשאַנדאַרם-געהילף און דאָס פייפען פון דער זאַווערוכע אונטער׳ן פענסטער האָט טיילמאָל איבערגעריסען די שטילקייט.

—איהר שלאָפט נישט!—האָט מיך גאַוורילאָוו אַ פרעג געטאָן.

—ניין, דערצעהלט ווייטער, איך בעט אייך, איך הער.

—אַ סך, גאָר אַ סך אַנגסט און וועהטאָג,— דערצעהלט ער ווייטער נאָך אַ קליינער פויזע,—האָט זי מיר דעמאָלט פערשאַפט. דער וועג ביינאַכט, אַ רעגען נאָך אַ רעגען, אַ בייז וועטער... פאָהרסטו מיט׳ן וואַלד, הערסטו, ווי עס קרעכצט און זיפצט דער גאַנצער וואַלד. בעת-מעשה זעה איך נישט דאָס מיידעל, מחמת די נאַכט איז נאַס און פינסטער, ווי אין אַ קבר, אָבער איהר וועט גלויבען—זי שטעהט מיר אַזוי פאַר די אויגען, פונקט ווי איך וואָלט זי געזעהן אינמיטען טאָג: איך זעה איהרע אויגען, איהר בייז געזיכט, איך זעה, ווי זי ציטערט אינגאַנצען פון קעלט און קוקט בעת-מעשה ערגעץ ווייט, פונקט ווי זי וואָלט אַלץ געטראַכט און געטראַכט וועגען זיך. זינט מיר זע-

נען אַרויסגעפאָהרען פון דער סטאַנציע, האָב איך אַלץ געהאַלטען אין איין אָנטאָן אויף איהר דאָס פעלצעל. „טוט-אָן, זאָג איך, דאָס פעלצעל—וואַרימער וועט אייך זיין.״ וואַרפט זי אַראָב דאָס פעלצעל. „דאָס איז אייער פעלצעל, זאָגט זי, טראָגט איהר איהם.״ דאָס פעלצעל איז באמת מיינס געווען, אָבער איך קליג מיך און רוף מיך אָן: „דאָס איז נישט מיין פעלצעל, נאָר אַ קאַזיאָנער. לויט'ן געזעץ בעדאַרפט איהר איהם טראָגען.״ נו, האָט זי איהם אָנגעטאָן...

אָבער אויך דאָס פעלצעל האָט נישט געהאָלפען. איז נאָר טאָג געוואָרען, זעה איך, אַז זי איז טויט, ווי אַלע טויטע. מיר זענען פון דאָסניי אַרויסגעפאָהרען פון אַ סטאַנציע, אָבער זי האָט געהייסען איוואַנאָוו'ן, ער זאָל זיך אַנידערזעצען אויפ'ן ברעג פון וואָגען. האָט ער אַפילו צוגעוואָרטשעט, אָבער ער האָט געפאָלגט—שוין נישט אַזוי שכור געווען, ווי פריהער. איך בין געזעסען נעבען איהר.

דריי מעת-לעת זענען מיר געפאָהרען און אין ערגעץ נישט איבערגענעכטיגט. לויט דער אינסטרוקציע ווערט געזאָגט: זיך נישט אָבשטעלען אויף נאַכטלעגער. „אין פאַל פון אַ שטאַרקער איינמידונג״ מעג מען זיך אָבשטעלען אויף נאַכט לעגער נאָר אין אַ שטאָדט, וואו עס איז פאַרהאַן אַ וואַך. און וואָס פאַר אַ שטעדט דאָ זענען, ווייסט איהר דאָך אַליין.

צולעצט זענען מיר דאָך געקומען צו אַ שטאָדט. אַז מיר האָבען דערזעהן פון ווייטען די שטאָדט, איז מיר אַראָבגעפאַלען אַ לאַסט פון רוקען. איך מוז אייך זאָגען, אַז די לעצטע צייט איז זי כמעט ביי מיר אויף די הענד געפאָהרען. איך זעה, אַז זי ליגט אין וואָגען אָהן חושים און איהר קאָפ קלאַפט און קלאַפט אין די ווענדלעך, ווען דער וואָגען טוט זיך אַ טרייסעל אויפ'ן וועג. נו, האָב איך זי גענומען אויף דער רעכטער האַנד און אַזוי געפיהרט. לכתחילה האָט זיך מיך אַפילו אָבגעשטויסען. „אַוועק!—זאָגט זי,—ריהרט מיך נישט אָן.״ דערנאָך אָבער האָט זי שוין געשוויגען, אפשר דערפאַר, ווייל זי איז געלעגען אָהן חושים... די אויגען זענען איהר געווען צוגעמאַכט און דאָס

פּנים האָט אויסגעזעהן בעסער, שוין נישט אַזוי בייז. און אָפּט-מאָל פלעגט מיר אַפילו אויסווייזען, אַז זי שמייכעלט פון שלאָף און ווערט העלער און ליכטיגער און טוליעט זיך צו מיר, אין מיין וואַרימקייט. מסתמא האָט זיך איהר בעת-מעשה געחלומ'ט עפּיס אַ גוטע זאַך... אָבער אַז מיר האָבען זיך דערנעהנט צו דער שטאָדט, איז זי געקומען צו זיך און זיך אויפגעהויבען... דאָס געוויטער איז אַדורכגעגאַנגען, די זון האָט אַרויסגעשיינט, דאָס מיידעל איז פרעהליכער געוואָרען...

אָבער פון גובערניע האָט מען זי ווייטער געשיקט, נישט געלאָזט, זי זאָל דאָרט פערבלייבען, און מיר האָבען זי ווייטער געמוזט פיהרען, מחמת די דאָרטיגע זשאַנדאַרמען זענען געווען אין פערשידענע קאָמאַנדיראָווקעס. אַז מיר האָבען בעדאַרפט אַרויספאָהרען, האָט זיך פערזאַמעלט אַרום פּאָליציי-הויז אַנ'עולם מענשען: יונגע מיידלעך, סטודענטען און אַנדערע הערן, קענטיג, פון די פערשיקטע, און אַלע ריידען מיט איהר, ווי בעקאַנטע, און מען דריקט איהר די האַנד און מען פרעגט זי אויס. געלד האָט מען איהר געגעבען, אַ וואַרימע פּאַטשיילע אַ גוטע... מען האָט זי בעגלייט...

איז זי געפאָהרען, אַ פרעהליכע, אָבער געהוסט האָט זי עפּטער, און אויף אונז האָט זי גאָרנישט געקוקט.

אַזוי זענען מיר געקומען אין דער אויעזדנער שטאָדט אַריין — דער פונקט, וואו זי האָט בעדאַרפט פערבלייבען און וואוינען. מיר האָבען זי באַלד איבערגעגעבען אונטער אַ קוויטאַנציע. רופט זי אָן עפּיס אַ נאָמען. „וואוינט דאָ, פרעגט זי, דער און דער?" יאָ, ער „וואוינט דאָ," — ענטפערט מען איהר. איז געקומען דער איספּראַווניק. „נו, פרעגט ער, וואו וועט איהר דאָ וואוינען?" און זי זאָגט: „איך ווייס נאָך נישט, דערווייל אָבער וועל איך געהן צו ריאַזאַנאָוו'ן." האָט ער אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, און זי האָט גענומען איהרע פּעקלעך און איז אַוועק. מיט אונז האָט זי זיך אַפילו נישט געזעגענט.

IV.

דער בעל-מעשה איז אַנטשוויגען געוואָרען און זיך צו-געהערט, צי שלאָף איך נישט.

—האָט איהר זי מעהר נישט געזעהן?

—געזעהן, אָבער בעסער וואָלט געווען, ווען איך וואָלט זי גאָרנישט געזעהן...

—...און אינגיכען האָב איך זי טאַקי געזעהן. באַלד ווי מיר זענען געקומען פון דער קאָמאַנדיראָווקע, האָט מען אונז ווידעראַמאָל געשיקט אין דעם אייגענעם קאַנט. אַ סטודענט האָ-בען מיר געפיהרט, געהייסען האָט ער זאַגריאַזשסקי, אַ יונג אַ פרעהליכער, לידער האָט ער גוט געזונגען און האָט געקאָנט מאַכען דעם קנאַק. איהם האָט מען נאָך ווייטער פערשיקט. נו, זענען מיר אַדורכגעפאָהרען די אייגענע שטאָדט, וואו מיר האָ-בען איבערגעלאָזט דאָס מיידעל, האָט זיך מיר געוואָלט וויסען וואָס זי מאַכט. פרעג איך: „געפינט זיך דאָ ביי אייך אַזאַ און אַזאַ מיידעל?” „יאָ, זאָגט מען, אָבער דאָס איז עפּיס אַנ׳אויס-טערליש מיידעל: באַלד ווי זי איז געקומען, איז זי אַוועק צו

איינעם אַ פערשיקטען און איז שוין דאָרטען פערבליבען". קיינער האָט זי מעהר נישט געזעהן. אַנדערע זאָגען, אַז זי איז קראַנק און אַנדערע, ווידער, דערצעהלען, אַז זי לעבט ביי איהם ווי אַ ליובאָווניצע. נאַטירליך, דער עולם האָט ליב צו מאַכֿען פליאָטקעס. אָבער איך האָב מיך דערמאָהנט אין איהרע ווערטער: „איך וויל שטאַרבען צווישען אויגענע מענשען...” און ס׳האָט מיך עפּיס אַזוי געצויגען... און איך וועל אייך זאָגען, אַז נישט דאָס, וואָס מיר איז געוועזן טשיקאַווע, נאָר מיך האָט פשוט געצויגען אַ קוק צו טאָן אויף איהר. לאָמיר, טראַכֿט איך מיר, אַריינגעהן צו איהר, זעהן זיך מיט איהר. קיין שלעכֿטס האָט זי פון מיר נישט געזעהן און זי האָט מיר אויך קיין שלעכֿטס נישט געטאָן. וועל איך אַריינגעהן צו איהר...

גוטע מענשען האָבען געוויזען דעם וועג— און איך בין אַוועק. געוואוינט האָט זי אין עק שטאָדט. דאָס הייזעל אַ קליינס, די טיר אַ נידעריגע. קום איך אַריין צו דעמדאָזיגען פערשיקטען, זעה איך: ריין איז ביי איהם, דאָס צימער אַ ליכֿטיגס, אין ווינקעל שטעהט אַ בעט, פערשטעלט מיט אַ פאָרהאַנג. ביכֿער אַ סך—אויפ׳ן טיש, אויף די פּאָליצעס... דערביי אַ קליינטשיג וואַרשטאַטל און דאָ, אויף אַ באַנק, נאָך אַ געלעגער.

קום איך אַריין, זעה איך—זי זיצט אויפ׳ן געלעגער, פערוויקעלט מיט אַ שאַרף, די פיס אונטער זיך, און נייהט עפּיס. נישט ווייט פון איהר, אויף אַ בענקעל, זיצט דער הער ריאַזאַנצעוו און לייענט איהר עפּיס פון אַ ביכֿעל. קענטיג, אַ מענש אַנ׳ערנסטער, אין ברילען. נייהט זי זיך און הערט זיך צו בעת-מעשה, וואָס ער לייענט. האָב איך אָבער נאָר אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און זי האָט מיך דערזעהן, האָט זי זיך תיכּף אויפגעהויבען, פאַר דער האַנד איהם אַ כאַפּ געטאָן און אַזוי ווי פערשטיינערט געוואָרען. די אויגען גרויסע, שוואַרצע און שרעקליכֿע... נו, פונקט אַזוי ווי פריהער, בשעת דער נסיעה, נאָר דאָס געזיכֿט איז איהר בלאַסער. האַלט זי איהם שטייף ביי דער האַנד, און ער, אַ דערשראָקענער, בויגט זיך אָן צו איהר. „וואָס איז געשעהן מיט אייך, פרעגט ער, בערוהיגט זיך!” און

מיך זעהט ער נישט. נאָכֿדעם האָט זי אַרויסגעלאָזט זיין האַנד און וויל זיך אויפהויבען פון געלעגער. „זענט געזונד, זאָגט זי צו איהם—אַפילו אַ גוטען טויט פערגינען זיי מיר אויך נישט.‟ און דאָ האָט ער זיך אומגעקעהרט, האָט מיך דערזעהן און תיכף-ומיד אויפגעשפרונגען. איך האָב געמיינט, אַז ער וועט זיך וואַרפען אויף מיר און וועט מיך אַודאי דער׳הרג׳ענען... אַ מענש אַ היצכֿגעוויקסיגער, אַ געזונדטער...

זיי האָבען, פערשטעהט איהר מיך, געמיינט, אַז איך בין דאָס געקומען זי צונעהמען... זעהט ער אָבער, אַז איך שטעה אַליין, נישט טויט, נישט לעבעדיג, האָט ער זיך אָבגעקעהרט צו איהר און אָנגענומען זי ביי דער האַנד. „בערוהיגט זיך, זאָגט ער.—און איהר, קאַוואַליער, פרעגט ער מיך, זאָגט מיר, צו וואָס זענט איהר געקומען אַהער?.. וואָס בעדאַרפט איהר דאָ?..‟

גיב איך איהם, נאַטירליך, צו פערשטעהן, אַז איך בעדאַרף גאָרנישט, אַז איך בין אַזוי געקומען, אָט, געוואָלט אַריינגעהן... די באַרישנע האָב איך געפיהרט, זיי זענען דעמאָלט נישט געזונד געווען, בין איך געקומען זעהן, וואָס זי מאַכֿט... נו, איז ער באַלד ווייכֿער געוואָרען. אָבער זי איז נאָך אַלץ בייז און קאָכֿט זיך און ברענט. און פאַרוואָס איז זי בייז, פרעגט זיך? נו, איוואַנאָוו. דער קאָן זיך טאַקי נישט בעגעהן מיט אַ מענשען, ווי געהעריג. אָבער איך האָב זי דאָך שטענדיג בעשיצט...

האָט ער פערשטאַנען מיין כונה, לאַכֿט ער צו איהר: „נו, אָט זעהט ער איהר, מאַכֿט ער צו איהר, איך האָב דאָך אייך געזאָגט.‟ איך האָב פערשטאַנען, אַז זיי האָבען נאָך פריהער געשמועסט וועגען מיר... זי האָט איהם, קענטיג, דערצעהלט פון איהר נסיעה.

—ענטשולדיגט,—רוף איך מיך אָן,—אויב איהר האָט זיך דערשראָקען צוליב מיר... נישט אין דער ריכֿטיגער, צייט הייסט עס, געקומען, אָדער איך... קאָן איך אַוועקגעהן... זענט מיר געזונד און דערמאָהנט מיך נישט צום בייזען, צום גוטען וועט איהר מיך אַודאי נישט דערמאָהנען.

האָט ער זיך אויפגעהויבען, אַ קוק געטאָן אויף מיר און דערלאַנגט מיר די האַנד.

—אָט וואָס,—זאָגט ער,—ווען איהר פאָהרען צוריק און איהר וועט האָבען פרייע צייט, קאָנט איהר אַריינקומען צו אונז.

און זי קוקט בעת-מעשה אויף אונזביידען און לאַכט אויף איהר שטייגער—מיט אַ בייז געלעכטערל.

—איך פערשטעה נישט,—זאָגט זי,—צו וואָס זאָל ער אַריינ-קומען אַהער? צו וואָס רופט איהר איהם?

און ער ענטפערט איהר:

—נישקשה, נישקשה! זאָל ער אַריינקומען, אויב ער וויל... קומט-אַריין, קומט-אַריין, נישקשה!

נישט אַלץ, דעם אמת געזאָגט, האָב איך פערשטאַנען, וואָס זיי האָבען דאָ גערעדט. איהר, הערן, שמועסט טיילמאָל צווישען איינאַנדער זעהר שכל'דיג. אָבער עס איז זעהר טשיקאַווע. ווען מען וואָלט עס געקאָנט, אַ שטייגער, פערבלייבען און זיך צוהערען... עס האָט אָבער נישט געפּאַסט. זיי וואָלטען געקאָנט מיינען, גאָט ווייס וואָס. בין איך אַוועקגעגאַנגען.

נו, אַז מיר האָבען געבראַכט דעם הער זאַגריאַזשסקי'ן אויפ'ן אָרט, האָבען מיר זיך געלאָזט צוריק אין וועג אַריין. רופט דער איספּראַווניק דעם עלטסטען און זאָגט: „איהר וועט דאָ מוזען פערבלייבען ביז אַ פּעראָרדנונג. אַ דעפּעש האָב איך בעקומען. איהר בעדאַרפט וואַרטען אויף אַ פּאַפּיר.” נו, זענען מיר, נאַטירליך, פערבליבען.

נו, געה איך איינמאָל אויפסנייע צו זיי. לאָמיר, טראַכט איך מיר, אַריינגעהן פריהער צום בעל-הבית פון הויז, וועל איך מיך כאָטש ביי איהם, ביים בעל-הבית, נאָכפרעגען אויף איהר. אַריינגעקומען צו איהם, רופט ער זיך אָן: „שלעכט, זי וועט אודאי שטאַרבען. אָבער איך האָב גאָר מורא, איך זאָל מיך אַמאָל נישט בעצאָהלען פאַר זיי, מחמת זיי ווילען דאָך נישט רופען דעם פּאָפּ.” אָבער אַזוי ווי מיר שטעהען ביידע און שמועסען, געהט גראָד אַרויס ריאַזאַנצעוו. דערזעהן, אַז איך

שטעה דאָ, בעגריסט ער זיך מיט מיר און זאָגט: „נו, וואָס, ביזט ווידער דאָ? מילא, קום אַריין.״ בין איך פּאַמעליך אַריין און ער הינטער מיר. טוט זי אַ קוק אויף מיר און רופט זיך אָן: „שוין ווידער דאָ דער מאָדנער מענש!.. וואָס, איהר האָט איהם אַריינגערופען?״—ניין, זאָגט ער, איך האָב איהם נישט גערופען— אַליין איז ער געקומען.״ האָב איך שוין נישט אויסגעהאַלטען און רוף מיך אָן:

—וואָס איז דאָס,—זאָג איך,—באַרישנע, פאַרוואָס זענט איהר שטענדיג אַזוי בייז אויף מיר? בין איך דען אַ שונא אייך?

—אודאי אַ שונא,—ענטפערט זי.—און איהר ווייסט גאָר-נישט?—שוואַך איז איהר קול געוואָרען, די באַקען ברענען, אָבער אַזאַ זיס געזיכט האָט זי, אַז איך וואָלט, דאַכט זיך, אייביג געקוקט דערויף... עך, טראַכט איך מיר, לאַנג וועט זי שוין נישט לעבען אויף דער וועלט, וויל איך זי מחילה בעטען. זי זאָל גאָר נישט שטאַרבען, טראַכט איך אַלץ, אָהן מחילה. „זענט מיר מוחל,—רוף איך מיך אָן,—אויב איך האָב אייך געטאָן עפּיס אַ רעה.״ נו, געוועהנליך, איך רייד, ווי מען רעדט אין אַזאַ פאַל... אָבער זי, זעה איך, ברענט שוין ווידער...—מוחל-זיין אייך!! וואָס נאָך ווילט איהר? איך וועל אייך קיינמאָל נישט מוחל-זיין, איהר זאָלט גאָרנישט טראַכטען דערפון, קיינ-מאָל נישט! איינגיכען וועל איך שטאַרבען... זאָלט איהר אָבער וויסען: איך האָב נישט מוחל-געווען!״

דער בעל-מעשה איז ווידעראַמאָל אַנטשוויגען געוואָרען און זיך פערטראַכט. נאָכדעם האָט ער שוין גענומען דערצעה-לען שטילער און קאָנצענטרירטער:

—פערשטעהט איהר, זיי האָבען ווידער געשמועסט וועגען מיר. איהר זענט דאָך אַ מענש אַ געבילדעטער, בעדאַרפט איהר פערשטעהן זייער לשון, וועל איך אייך זאָגען, וואָסערע ווערטער איך געדענק. די ווערטער גערענק איך נאָך עד-היום, אָבער דער טייטש זייערער איז מיר נישט קלאָר. ער האָט, אַ שטייגער, געזאָגט:

—זעהט איהר, נישט קיין זשאַנדאַרם איז צו אייך איצט

געקומען... דער זשאַנדאַרם האָט איך געפיהרט. אַ צווייטען וועט ער פיהרען. דאָס טוט ער אַלץ לויט דער אינסטרוקציע. אָבער איז ער געקומען אַהער לויט דער אינסטרוקציע? אָט איהר, זאָגט ער, הער קאַוואַליער, איך ווייס נישט, ווי איהר הייסט...

—סטעפאַן,—זאָג איך.

—און לויט׳ן פאָטער?

—פעטראָוויטש.

—נו, סטעפאַן פעטראָוויטש, צו וואָס זענט איהר געקומען אַהער? צוליב מענשליכקייט, האַ? אמת?

—געוויס,—זאָג איך,—צוליב מענשליכקייט. דאָס זאָגט איהר, זאָג איך, ריכטיג. אויב מען זאָל נעהמען די אינסטרוקציע, טאָ-רען מיר גאָרנישט אַריינגעהן צו אייך. אַז נאַטשאַלסטוואָ זאָל זיך דערוויסען, וועט זי מיך זיכער נישט לויבען דערפאַר.

—נו, אָט זעהט איהר,—רופט ער זיך אָן צו איהר און נעהמט זי אָן ביי דער האַנד. אָבער זי האָט די האַנד אַרויס-געריסען.

—איך זעה נאָך,—זאָגט זי,—גאָרנישט. דאָס זעהט איהר אַזוינס, וואָס איז גאָרנישטאָ. איך מיט איהם (מיט מיר, הייסט עס) זענען מענשען פשוט׳ע. אַז שונאים—איז שונאים, אָהן קונ-צען. זייער זאַך איז נאָכקוקען, אונזער זאַך איז—זיין פאָרזיכ-טיג. אָט, זעהט איהר: ער שטעהט און האָרכט זיך צו. אַ שאָד, וואָס ער פערשטעהט נישט, אַנישט וואָלט ער שוין דערלאַנגט אַ מסירה׳לע...

האָט ער זיך אָבגעקעהרט צו מיר, קוקט מיר גלייך אין פנים אַריין, דורך די ברילען. שאַרפע אויגען האָט ער, אָבער גוטע. „הערט איהר?—רופט ער זיך אָן.—וואָס וועט איהר זאָגען דערויף?.. איבעריגענס, זאָגט גאָרנישט, ווייל איך האַלט, אַז דאָס איז אַ בעליידיגונג פאַר אייך.״

איז׳ן איז עס טאַקי אַזוי... ווייבאַלד אַז מיר הערען עפּיס אַזוינס, וואָס מען טאָר דאָס נישט ריידען, בעדאַרפען מיר עס, לויט דער אינסטרוקציע און לויט אונזער געשוואָרענעם דינסט, באַלד איבערגעבען. אַפילו אַנ׳אייגענעם טאַטען בעדאַרף מען

אַרויסגעבען... אָבער אַזוי ווי איך בין גישט געקומען צוליב דעם, האָט עס מיך אַודאי בעליידיגט, פּשוט אַ שטאָך געטאָן אין האַרצען. האָב איך מיך אומגעדרעהט צו דער טיר, אָבער ריאַזאַנאָוו האָט מיך אָבגעהאַלטען.

—וואַרט-נאָר,—זאָגט ער,—סטעפּאַן פּעטראָוויטש, געה נאָך נישט אַוועק. און צו איהר רופט ער זיך אָן: „נישט גוט אַזוי... נו, זענט נישט מוחל און ווערט נישט שלום. נישטאָ וואָס צו ריידען דערפון. ער אַליין וואָלט אפשר נישט מוחל-געווען, ווען ער וואָלט עס אַלץ פערשטאַנען... אָבער דער שונא איז דאָך אויך אַ מענש... און גראָד דאָס ווילט איהר נישט אָנערקענען. אַ סעק-טאַנ-טין, זאָגט ער, זענט איהר, אָט וואָס!"

—נו, זאָל זיין אזוי,—ענטפערט זי,—אָבער איהר זענט אַ גלייכגילטיגער מענש. איהר בעדאַרפט נאָך, זאָגט זי, ביכלעך לייענען...

און אָט אַזוי ווי זי זאָגט-אַרויס דאָסדאָזיגע וואָרט, איז ער—אַ מאָדנע זאַך—באַלד אויפגעשפרונגען אויף די פיס, פונקט ווי זי וואָלט איהם אַ קלאַפּ געטאָן אַזוי, אַז זי האָט זיך אַפילו איבערגעשראָקען.

—אַ גלייכגילטיגער?—פרעגט ער,—נו, איהר ווייסט אַליין, אַז איהר זאָגט נישט דעם אמת.

—אפשר נישט,—ענטפערט זי איהם...—אָבער איהר זאָגט מיר דעם אמת?..

—און איך,—זאָגט ער,—זאָג דעם אמת: איהר זענט אַנ׳-עכטע באָיאַרינע מאָראָזאָוואַ...

האָט זי זיך פערטראַכט... נאָכדעם אויסגעצויגען צו איהם די האַנד און—ער האָט גענומען די האַנד. און זי קוקט און קוקט איהם אין פּנים אַריין און רופט זיך אָן: „יאָ, אפשר זענט איהר גערעכט!" און איך שטעה מיר בעת-מעשה, ווי אַ ליימענער גולם, און גלאָץ מיט אויגען, אָבער עפּיס נאָגט מיר ביים האַרץ און אין האַלז ווערט איינג...

קעהרט זי זיך אום צו מיר, קוקט מיך אָן שוין אָהן כּעס און דערלאַנגט מיר די האַנד. „הערט, וואָס איך וועל אייך זאָ-

גען,—זאָגט זי,—איהר זאָלט וויסען, אַז מיר זענען שונאים אויף טויט און אויף לעבען, און דאָך גיב איך אייך די האַנד... איך ווינש אייך, איהר זאָלט ווערען אַ מענש—שוין גאָרנישט לויט דער אינסטרוקציע... מיד בין איך,״—האָט זי אַ זאָג געטאָן צו איהם.

איך בין אַרויסגעגאַנגען. ריאַזאַנצעוו איז אַרויס נאָך מיר. אויפ׳ן הויף זענען מיר געבליבען שטעהן, זעה איך: טרעהרען גלאַנצען אויף זיינע אויגען.

—אָט וואָס,—זאָגט ער,—סטעפּאַן פּעטראָוויטש. איהר וועט דאָ נאָך לאַנג פערברענגען?

—איך ווייס נישט,—זאָג איך,—אפשר נאָך אַ דריי טעג, ביז דער פּאָסט.

—אויב איהר ווערט וועלען אַריינקומען,—זאָגט ער,—מעגט איהר אַריינקומען, ניש׳קשה... איהר זענט, דאַכט זיך, אַ גאַנץ גוטער מענש...

—ענטשולדיגט,—זאָג איך,—איך האָב זי איבערגעשראָקען...

—יאָ, יאָ,—זאָגט ער,— ווערט איהר פריהער אָנזאָגען דער בעל-הבית׳טע.

—וואָס האָב איך אייך געוואָלט אַ פרעג טאָן,—זאָג איך,—איהר האָט דאָ דערמאָהנט די באָיאַרינע מאָראָזאָווא. וואַקסט זי טאַקי פון אַ באָיאַרישער משפחה?

—צי אַ באָיאַרישער,—זאָגט ער,—צי נישט קיין באָיאַרישער, אָבער אַזאַ ראַסע איז שוין דאָס: ברעכען זי,—זאָגט ער,—קאָן מען... אַפילו איהר האָט זי שוין אויך געבראָכען... אָבער בויגען—נו, דאָס שוין נישט... איהר אַליין האָט געזעהן: אַזוינע בויגען זיך נישט.

און דערויף האָבען מיר זיך צוזעגנט.

V.

...אײנגיכ̄ען איז זי אַוועקגעשטאָרבען. איהר לויה האָב איך נישט געזעהן—בעת-מעשה בין איך געװען בײם „איספראַװניק". אָבער אויף מאָרגען האָב איך בעגעגענט דעם פערשיקטען. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר, אָבער דאָס איז שוין נישט געװען דער אײגענער.

אַ הויכ̄ער איז ער געװען, דאָס פּנים אַפילו שטענדיג ערנסט, נאָר פרײנדליך, אָבער דאָסמאָל האָט ער מיך אָנגעקוקט, װי אַ חיה-רעה. ער האָט מיר אַפילו די האַנד אויסגעצויגען, נאָר באַלד אָבגעװאָרפען מײן האַנד און זיך אָבגעקעהרט. „איצט,—זאָגט ער,—קאָן איך נישט קוקען אויף דיר. געה, ברודער, אַװעק, געה-אַװעק, װי גאָט איז דיר ליב!.. און אַלײן האָט ער אַראָב-געלאָזט דעם קאָפּ און איז אַװעק. געקומען אַהײם, האָט מיר דאָס האַרץ אַזוי גענומען נאָגען, אַז איך האָב צװײ טעג נישט געגעסען. אָבער פון דעמאָלט-אָן געה איך אום מיט אַ נאָגעניש פּונקט װי אַ געכ̄אַפּטער.

אויף מאָרגען רופט אונז דער איספראַװניק צו זיך און

מאַכט צו אונז. „איצט זאָגט ער, קאָנט איהר פאָהרען. דאָס פאַפיר איז געקומען, אָבער שפעט.“ מיר וואָלטען זי מסתמא ווידעראַמאָל געמוזט פיהרען, אָבער עס איז שוין נישט בעשערט געווען. גאָט האָט זיך דעבאַרימט איבער איהר: אַליין האָט ער זי צוגענומען.

...מיט מיר אָבער איז נאָך עפּיס געשעהן—מיינט נישט, דאָס איז נאָך נישט דער סוף. פאָהרענדיג צוריק, זענען מיר געקומען אויף אַ סטאַנציע... געהען מיר אַריין אין׳ם סטאַנציע-הדר, זעהען מיר—אויפ׳ן טיש שטעהט אַ סאַמאָוואַר, צובייסנס, און דערביי זיצט עפּיס אַנ׳אַלטיטשקע און איז מכבד די בעל-הבית׳טע מיט טיי. און די אַלטיטשקע איז אַזאַ רייניקע און אַ קליינינקע און אַ פרעהליכע און אַ בערעדעוודיגע. זיצט זי און דערצעהלט אַלץ דער בעל-הבית׳טע פון איהרע געשעפטען. „אָט, זאָגט זי, האָב איך צונויפגעקליבען מיינע זאַכען, פערקויפט דאָס הויז, וואָס איך האָב בעקומען בירושה און בין אַרויסגעפאָהרען צו מיין טייבעלע. אָט וועט זיך אַ ביסעל דערפרעהען מיין טייבעלע! איך ווייס, זי וועט זיך בייזערן אויף מיר און בעס׳ן און קאָכען זיך, אָבער אין האַרצען וועט זי דאָך צופרידען זיין. געשריבען האָט זי צו מיר, נישט געהייסען קומען—פאַר קיין פאַל אין דער וועלט זיך נישט דערוועגען צו קומען, אָבער נישקשה, עס שאַדט נישט!“

הער איך דידאָזיגע ווערטער און שפּיר, ווי עמיץ וואָלט פּלוצלונג מיר אַ שטויס געטאָן אין דער לינקער זייט אַריין. געה איך אַריין אין קיך און פרעג ביי דער דינסטמיידעל: „ווער איז דידאָזיגע אַלטיטשקע?“—דידאָזיגע אַלטיטשקע, זאָגט זי, איז אַ לייבליכע מאַמע פון יענער באַרישנע, וואָס איהר האָט זי נישט לאַנג געפיהרט.“ דערהערט דידאָזיגע ווערטער, בין איך שיער נישט אומגעפאַלען. זעהט דאָס מיידעל, אַז איך האָב מיך שטאַרק פערענדערט אין פנים, פרעגט זי: „ושאַנדאַרם, וואָס איז געשעהן מיט דיר?“

—שטילער,—זאָג איך,—וואָס שרייסטו... די באַרישנע איז געשטאָרבען.

דערהערט עס דאָס מיידעל—און אַ מיידעל, בעדאַרף איך אייך זאָגען, איז דאָס געװען אַ צולאָזענע, מיט די אורחים פלעגט זי זיך אַרומפיהרען—גיט זי אַ פאַטש מיט די הענד, צעװיינט זיך אויפ'ן קול און לויפט-אַרויס פון שטוב. האָב איך גענומען דאָס היטעל און בין אויך אַרויס, אָבער אַרויסגעהענדיג, הער איך, ווי די אַלטיטשקע פערצעהלט און פערצעהלט אַלץ דער בעל-הביתטע, האָט מיר אַזוי גענומען באַנג טאָן, אַז איך קאָן עס אייך נישט פערצעהלען אַפילו. אַ דערשלאָגענער בין איך אַזוי אַוועק גלייך מיט'ן וועג, און שפעטער ערשט האָט מיך איוואַנאָוו דעריאָגט מיט דער פוהר, האָב איך מיך אַריינגעזעצט און װייטער געפאָהרען.

VI.

...אָט וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט!.. דער איספּראַווניק האָט מיך, אַפּנים, פערמסר׳ט פאַר נאַטשאַלסטווא, אַז איך בין געגאַנגען צו די פערשיקטע און דער קאָסטראָמער פּאָלקאָווניק האָט מיך אויך פער׳מסר׳ט, מסתמא איך האָב מיך דעמאָלט אָנגענומען פאַר דער באַרישנע—אַזוי זענען געפאַלען אויף מיר צוויי מסירות. האָט מיך דער נאַטשאַלניק נישט געוואָלט מאַכען פאַר אַנ׳אונטעראָפיציר. „וואָס ביזטו, זאָגט ער, פאַר אַב׳אונטעראָפיציר—אַ באַבע ביזטו! אין קאַרצער, זאָגט ער, האָט מען בעדאַרפט אַריינ׳ישב׳ענען אַזאַ שוטה!" אָבער מיר האָט עס גאַר נישט געאַרט, ווייל איך בין געווען גלייכגילטיג צו אַלץ.

אָבער דידאָזיגע בייזע באַרישנע קאָן איך נאָך אַלץ נישט פערגעסען. זי געהט מיר נאָך אַלץ נישט אַרויס פון זכרון. פאַר די אויגען שטעהט זי מיר, ווי אַ לעבעדיגע!

וואָס בעדייט עס? וואָס איז דאָס? ווען עמיץ וואָלט עס מיר געקאָנט דערקלערן! גאָספּאָדין, איהר שלאָפט נישט!

איך בין נישט געשלאָפען... די טיפע פינסטערניש פון׳ם הייזעל, וואָס שטעהט איינגעשלאָסען אין אַ וואַלד, האָט געפּייניגט מיין נשמה, און די טרויעריגע געשטאַלט פון דער פערשטאָרבענער איז אויפגעשטאַנען אינדערפינסטער אונטער דער פערשיקטער יאָמעריי פון געוויטער...